ISBN:0-657-12115-0 00-1077
#10428

B 2



### יואל מאַסטבוים

# פֿון רויטען לעבען

Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/funroytenleben00mast

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12115

# FUN ROYTEN LEBEN

## Joel Mastboim

*Permanent preservation of this book was made possible*
*In honor of Laibel and Mickey Sreebny*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

---

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

יואל מאַסטבוים.

# פוּן רויטען לעבען

ראָמאַן אין 2 טיילען

פארלאג „די צייט"

וואַרשע, 1921.

נאַכדרוק, פאַרבאָטען

אַלע רעכט פון איבערזעצען,
געהערען דעם מחבר.

Copyright 1921.
by Sol. Scheikewitz
New-York.

דאָס בילד פון מחבר געצייכענט פון הענריק בערלעווי.

Drukarnia J. Wegmeistra, Warszawa, Nalewki 7.

# ערשטער טייל.

* * *

דאָס בוך פון „רויטען לעבען״ געהער צו יענע בילער,
וואָס ווערען געשריבען נישט בלויז צוליב קונסט. די העלדען
אין דעם בוך זענען נישט קיין געשטאַלטען פון אַ זיך פאַר־
געשטעלטער סביבה, דאָס זענען מענשען, וואָס האָבען נאָענט
געלעבט אַרום מיר סײ מיט זײער נאָמען, סײ מיט זײער
אויסזעהען. אײנער פון זײ—יודעל—איז דאָס טײַערסטע פון
מײַנע זכרונות. ער איז געפאַלען אין די טיפסטע ווײַסע שני־
קברים פון סיביר. זײַן נאָמען קלינגט מיר אין די אויערן, ווי אַ
בלאָנדזשענדער קלאַנג פון עפּעס אַ יונגער, צעבראָכענער האַרפּע.

אמת, דער אָפּפער, וואָס די מענשען האָבען געבראַכט, איז
נישט געווען אײַנגאַנצען געווידמעט די ציִלען פון יודישען פּראָ־
לעטאַריאַט. זײ האָבען געדינט בלויז אַ געוויסע טעראָר־צײַט פון
אַ געוויסער פּאַרטײ אין פּוילען, מיט וועלכע דער גרויסער
שטראָם פון די יודישע מאַסען איז נאָך זײ נישט נאָכגעגאַנ־
גען. זײערע טאַטען דערצעהלען אָבער פון הײליגען פלאַמען,
וואָס לאָזט זײ גליען פאַר פרעמדע, קאָנען מיר דאָך אין זײ־
ער שײַן נישט פאַרגעסען. דער ברודערליכער נאָמען יודעל, ווי
אויך די נעמען מענדיל, רודיאָן, „סטאַלאָווי״, ברכה׳לע, שלמה
און די אַנדערע געהערען צו די געשטאַלטען, וואָס שטעהען אין
דער בולטסטער פּערספּעקטיוו פון מײַן קינדהײט.

י. מ.

I

## דאָס הויז.

—אויפשטעהן! אויפשטעהן! דער זייגער האָט שוין זעקס געשלאָגען, צייט שוין צו כאַפּען דאס קעסטעל און געהן אין פאַבריקעל. אוי, יודעלע, האָסטו היינט אַ שניט געמאַכט אין טאָג אַריין—האָט זיך געהערט אַ קול פון קליינעם אַלקער, אַ ווייבער-קול, וואָס האָט באַפעהלעריש געהייסען עמיצען זיך אויפהויבען.

פון שווערען קופערט, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל, האָט זיך אַ מיד בחור'ל אַ הויב-אויף געטון, אַ דרעה זיך געטון, אויסגעגעניצט און מיט אַ פוילען ·פאַרפאָלגטען בליק אַוועקגעוואָר-פען די הענט גלאַט אין דער וועלט אַריין. דערנאָך האָט ער עפּעס גענומען זוכען אין די קעשענעס און געמורמעלט:

—צייט, נאָך צייט, אין דרויסען זענען די פענסטער נאָך פאַרמאַכט אויף די פרענטען, די הענער האָבען נאָך נישט גע-קרעהט, זיי ליגען נאָך מיט די קעפּ אין די פליגלען.

דאָס בחור'ל האָט נאָך אַמאָל אַ געניץ געטון און באַ-טראַכט די שטוב אַרום, די ווענט מיט די טונקעלע טאַפּעטען, אויף וועלכע עס האָבען זיך געזעהען דייטליך די צוויי גרויסע בילדער פון טאַטע-מאַמע, מאַנטעפּיאָרעס בילד, בילדער פון עט-ליכע פאַמיליען-מענשען, וואָס זענען שוין לאַנג אַוועקגעפאָרען און נאָך רעהמלעך. דערנאָך האָט ער אַ לאָז אַראָב געטון דעם קאָפּ און באַטראַכט די צוויי האַלב-נאַקעטע ברוינליכע הענט, וואָס האָבען אַרויסגעקוקט פון די צוויי אויפגעקנעפּעלטע העמד-אַרבעל און פאַרזאָרגט געפּייפט.

די לבנה אין דרויסען, וואָס איז נאָך געשטאַנען נאָך דער נאַכט אַ קאַלטע, האָט נאָך מיט אַ בלאַסער שיין אַריינגעדרונגען אין שטוב, שוואַך באַלויכטען די טונקעלע טאַפּעטען און אַריינ-געגאָסען עפּעס אַ פריהמאָרגענדיגע רויטליכע שיין אין די גלעזער, קאַרפינקעס און סתם גלאָזוואַרג, וואָס עס איז געשטאַנען איפּ'ן קאַמאָד און דערגרייכט דאָרט אין קיך, וואו עס איז האַלב-אויס-געבויגען געלעגען אַ גלאָז־קאַסטען. אין אים האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אַזאַ לבנה, ווי אין הימעל. נעבען קאַסטען האָט זיך געזעהען אַ עמער וואַסער, אין וועלכען עס האָבען זיך נאָך געטוקט די פריהמאָרגענ-דיגע וואָלקענדלעך; אַ קאַך האָט דאָרט אַרומשפּאַצירט נעבען עמער און געמיאַוקעט צו די קליינע הינדלעך, וואָס האָבען זיך דאָרט אַרומגעדרעהט אַרום דער קוואָקע, אַ ביסעל ווייטער איז געשטאַנען אַ טישעל מיט אַ האַלבען ברויט, נעבען וועלכען עס האָ-בען אַרומשפּאַצירט אַ פּאָר צעשראָקענע הינער און געפּיקט.

דער יונג איז נאָך געזעסען מיט די אַוועקגעוואָרפענע הענט. דער פריהמאָרגענשלאָף האָט אים געמאַטערט, געצויגען צום קליינעם קישעלע, וואָס עס האָט געשמעקט מיט קאַטשקענע פעדערען און דאָס כראָפּען פון די מענשען, וואָס האָבען נאָך געקאָנט שלאָפען, האָט דעם יונגעל עפּעס אַ זיסע מקנא'דיגע וואַ-רימקייט צעגאָסען אין די גלידער. ער האָט איצט באַטראַכט די צוויי בעטען, פון וועלכע עס האָבען אַרויסגעבליקט די ווייכע מיל-דע פּנים'ער פון זיינע שוועסטער. זיי קאָנען שלאָפען ווי לאַנג זיי ווילען, ער אָבער נישט.

דער יונג האָט זיך אַ ביסעל נאָך צוגעשפּאַרט און אַ וואַרים פריהמאָרגען-ווינטעל האָט אַ בלאָז געטון פון אָפּענעם לופטשיק, אַ שוועב געטון איבער זיין פּנים און געוועקט אַ ווילען צו שלאָף ביז'ן שפּעטען טאָג אַריין. דערנאָך האָט ער מיד, האַלב-פאַרמאַכט די אויגען געעפענט און געזעהען ווי זיין שוועסטער, אַ הויך מיידעל מיט קלאָרע אויסגעשלאָפענע אויגען, איז שוין אויפ-געשטאַנען און מיט אַ שטיוועל צעבלאָזען דאָס פייער פון סאַמאָ-וואַר, פון הינטער וועלכען עס זענען פונקען געפלויגען. באַלד באַבֿרעס איז אויפגעשטאַנען די צווייטע שוועסטער. דאָס איז גע-

זעען אַ פלאַך באַשעפעניש מיט קלאָרע שוואַרצע אויגען און פונקעלע צעלאָזטע האָר, וואָס האָט געהערט מיט אַ מילדער שפּראַך און געשמייכעלט שטענדיג מיט איינעם פון יענע פריש-מיידעלשע זאָרגלאָזע שמייכלען פון פריהמאָרגען, און ווען זי האָט דערזעהן איר שוועסטער ביים סאַמאָוואַר, האָט זי געזאָגט:

—שבע׳לע, זאָל דער טיי זיין וואָס גיכער, איך אייל מיך אין וועג אַריין, אין שקאָלע אַריין. דאָרט געהען איצט אַרום די מיידלעך און כאַפּען פרישע לופט אין גערטעל, אָדער שפּילען אין באַלעם. אָ, שבע׳לע, עס איז נישט דאָס, וואָס אין דאָרף, דאָרט, אין גלאָז-פאַבריק, וואו מיר האָבען מעהר נישט אָנגעקוקט אויסער רויך און גלאָז, דאָ זענען מיר מענשען פון שטאָדט, מיר שפּאַצירען און לערנען זיך, שבע׳לע, און מיר האָבען עפּעס פון לעבען.

שבע׳לע האָט איר גלייך אָנגעקוקט אין די אויגען און געפרעגט:—גיטעלע מיינע, צי האָסטו שוין פאַרגעסען די גלאָז-פאַבריק? ניין, ניין, מיר שטעהט זי נאָך פאַר די אויגען און מיך וואַרימט נאָך יענער אויוועז.

—דאָרט אין גלאָז-פאַבריק—האָט גיטעלע ווידער געזאָגט—האָבען מיר אפשר געהאַט וואַרימע רויטע נעכט, נעכט פון אַרבייט, פון ברענען און בראָטען זיך ביים אויוועז, דאָ אָבער וועלען מיר האָבען אַ שקאָלע, פרייע שפּאַצירען, באַלעמס צו וואַרפען, רייפען צו שפּילען זיך. אָ, ווי גוט איז דאָ אין שטאָדט!

אין דער מינוט האָט די צווייטע שוועסטער אַוועקגעלעגט דעם שטיוועל, מיט וועלכען זי האָט געבלאָזען דעם סאַמאָוואַר און אויסגעגלאָצט אויף איר שוועסטער אַפּאָר קלאָרע טרייע אויגען און געזאָגט:

—נו, מיר האָבען אַהער פון גלאָז-פאַבריק גאָרנישט געברענגט. אונזערע געלדער האָבען צוגענומען די געהילצען און דאָס פייער פון אויוועז. מיר זענען דאָ אָהן גאָרנישט געקומען, גיטעלע, סיידען אונזער ברודער, יודעל, זאָל אונז העלפען.

די שוועסטער שבע׳לע האָט אַ בליק געוואָרפען אויפ׳ן קאָפּ, װאו יודעלע איז איינגעשלאָפען, דאָס איז געוועזען 8

מערעל פון אַ יאָר אַכטצען, מיט פליישיגע ליפּען און פרישע רויטע באַקען, וואָס האָבען פאַרצעהלט פון נאַטירליכער גוטסקייט, און זי האָט צוגעגעבען:

—גיטעלע, מיר קאָנען דאָך אויף אונזער ברודער קיין לאַסטען נישט לעגען. ער איז געבוירען געוואָרען אַנ'אונזעריגער, כאָטש מיט אַנ'אַנדער מזל, וואָרום אויך אין גלאָז-פאַבריק איז ער געוועזען אונזער פאַרזאָרגער, נישט געשלאָפען קיין נעכט און געלעגען ביים אויוון. זאָלען מיר נאָך טראַכטען וועגען אונזער ברודערס פאַרזאָרגעריי?

—און ווען אונזערע געשעפטען זענען פלאַטשיג געוואָרען אין גלאָז-פאַבריק?

—אוי, נישט רעד, שוועסטער, ער איז שטענדיג ביי אונז אַ פרעמדער און קאָן קיינמאָל נישט געפינען זיך צווישען אונז.

—מייד איצט אויס צו רעדען פון אים, ער שלאָפט נישט, נו, יודעלע, שטעה אויף! די שויבען אין די פענסטער וואַרטען שוין אויף דיר. שטעה אויף!

דאָסמאָל האָט יודעלע אויפגעהויבען דעם קאָפּ און דער-זעהען פון ווייטענס דעם סאַמאָוואַר אַ זודיגען. עס איז שוין גרויסער טאָג געוועזען, די זון האָט גלייך געקוקט אין שטוב אַריין און געבליצט מיט אירע הייסע שטראַלען אין צוויי זאַ-כען: אין שפּיגעל און אין גרויסען גלאָז-קאַסטען, וועלכען יודעלע האָט געדאַרפט אַוועקטראָגען דאָרט צו די הויכע פענסטער פון דעם נייעם מויער. אין יודעלען האָט איצט דאָס האַרץ דענער-ווירט געקלאַפּט, ווי ביי אַ יונגעל, וואָס איז שפּעט געקומען אין חדר אַריין און געזעהען פאַר זיך די יונגלעך פרייע שוין פון לערנען. ער האָט איצט געקוקט אַמאָל אויפ'ן סאַמאָוואַר און אַמאָל אויף די שוועסטערן מיט די גרויסע אויסגעשלאָפענע אוי-גען, וואָס האָבען געטרונקען טיי און געקלונגען מיט די לע-פעלעך. אין אים האָט ערוואַכט דאָס באַליידיגטע, אָפּט פאַרשעהמטע געפיל, וואָס אונז באַהערשט, ווען מיר האָבען מיט עפּעס געגען אונזערע גליקליכע חברים פאַר־עהלט, אָדער געזינדיגט. אריפגע-שטאַנען, האָט ער זיך אָנגעטון און דערזעהען, ווי שטענדיג

אין שפּיגעל זיינע אַריבערגעוואַקסענע אָרבעל, דאָס גרויסע היטעל און דאָס קליינע ברוינליכע פּנימ׳ל, וואָס האָט ווי פרעמד אַרויסגע-קוקט פון די אויסגעוואַקסענע מלבושים. דערנאָך האָט ער אָנגע-טון די קליינע תפילין, געוויקעלט און געצעהלט די רצועות, גע-וויקעלט און געצעהלט די רצועות.

—עס איז דאָ פאַר דיר געבליבען טיי און ברויט—האָט די עלטסטע שוועסטער געזאָגט-און ווען דו ווערסט ווערען, וועסטו זיך עס נעמען. מיר געהען דאָ אַרויס נאָר אין דרויסען.

—גוט—האָט יודעלע געזאָגט און זיך נישט אומגעקוקט.

—יאָ, און קעז און פוטער האָט מען דיר געלאָזען אַ שטיקעל.

—גוט—האָט ווידער יודעלע זיך נישט אומגעקוקט.

ביידע שוועסטערן האָבען זיך גענומען פאַר די הענט און אַרויס אין דרויסען. דער טאָג איז געווען איינער פון די ער-שטע וואַרימע יוני-טעג, ווען דער בוים מיט זיין בעז ברענגט די ערשטע ליבעסגרוסען דעם פאַרווינטערטען שווערען האַרץ, און די שוועסטערן זענען אַוועק דאָרט אין שטאָדט-אַריין, גע-רעדט איבער עפּעס שווערעס, דאָך גליקליכעס.

# II

## זיין קינדהייט.

ווען זיי זענען אַוועק פון שטוב, איז נאָך יודעלע געשטאַ־נען און געוויקעלט די רצועות, געוויקעלט און געצעהלט, כאָטש ער האָט נישט געוואוסט, וואָס ער צעהלט, דען אין דער׳אמת׳ען האָט ער גאָר עפּעס אַנדערש אין זינען געהאַט: לאַנג, שוין לאַנג האָט אים די גוטע מוטער איטע, וואָס איז נישט אימשטאַנד געוועזען גוט אויסצוזויגען אַ זוהן, אַוועקגעגעבען צו אַ זויגערין — ביילע־שרה. אַ יודענע מיט בלויע אויגען, וואָס האָט אים אין דער מאַמעס געגענוואַרט געגעבען איר ווייסע געזונטע ברוסט, איז אָבער די מאַמע אַוועק, האָט זי אָבגעקאָכט פאַר די הינער קאַרטאָפלעס, אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד און יודעלע האָט זיך צוגערוקט און געגעסען צוזאַמען מיט די הינער. דערפון האָט ער באַקומען אַ גרויסען בויך און דאַרע פיס, און ווען מען האָט אים געברענגט צו די היימישע שטוב־מענשען, האָבען זיך אַלע אָבגעטרייסעלט און געזאָגט:

— ביילע־שרה, האָט איר אונז אויפגעהאָדעוועט אַ יונגעלע אַ קאַליקע, האַלטס אים אייך, נעמטס אים אייך פאַר אַ זוהן.

אָט דאָס אויסלאַכען אים פון די שטוב־מענשען האָט פּאַ־סירט אַלע מאָל און ווען ער, יודעלע, איז אַלט געוואָרען זיבען — אַכט יאָר, האָט ער געפילט, אַז די מאַמע זיינע איז טאַקי די יודענע מיט די בלויע אויגען, ביילע־שרה, און איז איר שטענ־דיג נאָכגעגאַנגען, געהאַלטען איר ביים פאַרטוך און געמישט זיך צו אירע שטוב־זאַכען. שרעקליך איז פאַר אים געוועזען, ווען

אַט די מאַמע איז אַמאָל אַוועק פון שטוב. איז ער אויפגעשטאַ-נען פון געלעגער און געשריען: „מאַמע! מאַמע!” דאָס געשריי איז געווען אַזוי גרויס, דאָס די דערנעבענדיגע שכנים, דערהערענדיג דאָס, זענען אַריין אין שטוב און געלאַכט:

—מאַמע רופסטו איר, אַ מאַמע איז זי דיר? אוי, דו נאַרי-שער יונג, דו האָסט דאָך אַ משפחה אַ נחת, אַ מאַמע, אַ קייזערין. האָסטו זיך גאָר אַוועקגעלעגט אין אַזאַ שטוב פון רויע קאַר-טאָפלעס, ווי אַ בהמה.

און יודעלע האָט אויסגעהערט, ווי מען רופט אים „בהמה” און ער האָט אין דער'אמת'ען גאָרנישט פאַרשטאַנען, וואָס וויל פון אים די שכנטע, וואָס רעדט אַזוי. דען ער האָט אין דער מינוט זיך פאַרגעשטעלט, ווי ער פלעגט אַט דער מאַמעס ברוסט האַלטען אין דער האַנט און סמאָטשקען און כאַפּען דעם לעצטען מילך-טראָפּען.

דאָס בחור'ל, וואָס האָט נאָך געוויקעלט די רצועות און באַטראַכט דאָס ברוינליכע פנים, מיט'ן קליינעם געמבעלע, וואָס עס האָט אַרויסגעקוקט פון די אויסגעוואַקסענע קליידער, ווי אַ פרעמדער, האָט אַ ציטער געטון און ער האָט זיך דערמאַנט אַן נאָך עפּעס:

ווען ער איז אַלט געוואָרען דרייצען יאָר, האָט איםביילע-שרה, די, וואָס ער האָט שטענדיג געהאַלטען פאַר אַ מאַ-מען, איינמאָל געזאָגט:

—יודעלע, עס איז אמת, דאָס דו ביסט ביי מיר אין שטוב געוועזען גאַנצע דרייצען יאָר, ערצויגען זיך אויף מילך, קאַשע און קאַרטאָפעל, דאָך בין איך דיר נאָר אַנ'אַם געוועזען. דו פאַר-שטעהסט, איך האָב גענומען באַצאָלט דערפאַר. אין דער'אמת'ען איז דיין מאַמע נישט איך, נאָר אַנ'אַנדערע גאָר, אַט די, צו וועל-כע דו קומסט אָפט אין געסט און דו קריגסט זעמעל מיט מילך.

און ווי ער זאָל נישט פאַרקרומען דאָס מויל צום וויינען און ווי ער זאָל נישט שרייען: „מאַמע, איך געה נישט פון דאַנען!” האָב אים אַלץ די „מאַמע” געזאָגט: איך בין נישט די ריכטיגע און נישט פון מיין בויך ביסטו געבוירען.

עפעס איינמאָל האָט אים ביילע-שרה אָנגעטון אין נייע מלבושים, אַ היטעל, גרויע הייזלעך, אַליין אָנגעטון זיך אין יום-טוב׳דיגען און אַריינגעפירט אים אין יענעם רייכען הויז ווי ער האָט געמיינט, אַז דאָס זענען גור שכנים. דערביי האָט זי אים געזאָגט:— און אָט, איטע טייערע, האָב איך אייך צו די בר-מצוה-יאָרען געבּרענגט אייער זוהן דעם טייערען, זאָל גאָט געבען אייך און אים לאַנגע יאָר און גוטע יאָר.

אין דער מינוט איז צוגעקומען אַ ווייבעל מיט קאַלטע לאַנגע פינגער און מיט אַ שמייכלענדיג פנים, אים אַ גלעט געטון אונטער׳ן היטעל און געזאָגט:

—יודעל, געה עסען. דערנאָך זענען צוגעקומען די אַלע שטובּקינדער, פרעהליכע מיט ווייסע קלאָרע פנימער, געשלעפט אים, געריסן אים ביי די אוירען, ביי דער נאָז, ביי די האָר און אַראָפּגעוואָרפען פון אים דאָס היטעל.

ווען יענע ערשטע מאַמע איז אַוועק און ער איז געבּליבען אַליין, האָט זיך אים אויסגעדוכט, ווי די גאַנצע וועלט דרעהט זיך איבער פאַר אים מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ, אַלץ, אַלץ—דער הימעל, די ווייכע טויבען, די שפּיגלען און טישען. טרערען הייסע האָבען אים געשטיקט אין האַלז און שיער אים נישט דערוואָרגען מיט אַ הייס געוויין.—װאו בין איך? צו וואָס האָט זי מיך דאָ איבערגעלאָזט אַליין? האָט אים אין האַרץ געפרעגט אַ קשיא. און וואָס מעהר ער האָט זיך די קשיא געפרעגט, אַלץ מעהר טאַקי האָט אין אים געוויינט דאָס האַרץ אויף די פרעמדע, ווייסהויטיגע שוועסטער, אויף דער מאַמען מיט די קאַלטע הענט, אויפ׳ן בלויען פרעמדען הימעל, אויף די שטערען, אויף דער קאַלטער לבנה. יודעלע פלעגט דאַן אַרויס אין דרויסען און אָבּשטעהן אונטער די טירען פון זיין אַמאָליגער מאַמען, שעה׳ן, רייבען די אויגען און ווינען ווי אַ קינד. ער האָט איבּט געפילט, ווי גוט און גליקלעך די צייט איז געוועזען, ווען ער האָט מיט די הענטלעך געהאַלטען די קלאָרע, ווייסע בּרוסט און געזאַפּט די לעצטע טראָפּענס מילך דער מאַמעס. אמת, מען פלעגט דאַן פון דער מאַסען, דער גייער, אים רופען פון שטוב

נור די ווערטער האָבן געקלונגען אַזוי פרעמד, אַזוי אומגליק־ליך, איינזאַם אין זיינע אױרען.

אַזוי אַרום האָט זיך יודעלע ביסלעכווייז צוגעוואוינט צו דער נייער מוטער און שוועסטער, ווי אַ חיה׳לע אַ פרעמדס, וואָס האָט זיך צופעליג צוגעטשעפעט צו אַ פרעמדער משפחה. ווען מען האָט געשריען אויף אים האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ; ווען מען האָט אים עפּעס באַפוילען, האָט ער עס געטון און איז ער איבריג געווען, האָט ער שטענדיג אָפּגעטרעטען דאָס אָרט זיינע מעהר גליקליכע שוועסטער.

דאָס איז געווען אַ קינד, איינס פון יענע פאַרבלאָנדזשע־טע קינדער, וואָס שטעהען צווישען שטיף־קינדער און קינדער, וואָס זענען צוליב זייער צופעליגער ווייטקייט פון דער אמת׳ער מוטער - ברוסט אָפּגעשטויסען געוואָרען און אריינגעפאַלען אין עפּעס אַ אונבאַשטימטער לאַגע פון האַלבע שטוב-באַדינער, האַל-בע היימישע שטוב-מענשען.

אָט אַ שטייגער אַמאָל ווען די עלטערן האָבן נאָך גע-לעבט, אין גלאָז־פאַבריק איז ער געווען דער אויפזעהער איבערן בראָך און בוטליעס, געריטען אויף אַ פערד, געפאָרען אין די גרעסטע רעגענס נאָך האָלץ אין וואַלד אריין און געבערענגט פּו-רען ליים. דערפאַר האָט ער באַקומען אַ שנעל־אָפּגעקאָכטען אָנ-בייסן אין דער פריה, אַ קאַלטען, שטענדיג איבערגעבליבענעם מיטאָג און אַ פאַרשפּעטיגטע וויעטשערע.

שבת, יום-טוב איז געלעגען פאַר אים אַ דיק ווייס העמד אין שאַנק, העלכעס יודעלע האָט אָנגעטון ביים וואָרימען אוי-ווען. און איז אין דעם איינציגען פאַרגעניגען אָפּגעשטאַנען שעהן מיט פאַרמאַכטע אויגען.

אָט דאָס דאָזיגע לעבען האָט יודעלען אַראָפּגעוואָרפען פון יענע הויכע שטרעבונגען, פון קינדישען פלאַטערענדען גליק, זיי-נע אויגען האָבען נישט געבליצט, אויף זיינע ברוינע באַקען האָבען זיך קיינמאָל נישט גערויטעלט יענע שטילע פאַרבען פון אַנטציקונג. דאָס איז געווען אַ בחור׳ל אין די 17-טע יאָרען, וואָס האָט זיך שטענדיג באַגניגענט, וואָס ער זאָל נישט עסען

און וואו ער זאָל נישט שלאָפען. זיינע מאכלים האָט ער שטענ-
דיג ליב געהאַט פראָסטע, זיינע געלעגערס נישט ווייכע און די
פרעהליכע פנימער פון זיינע שטוב-מענשען האָבען איהם שטענ-
דיג אויסגעזעהן, ווי די ווייסע פריצים׳לעך, וועלכע ער, יודעלע,
דאַרף באַדינען. און אַ צינד, שטעהענדיג דאָ געגען שפיגעל, האָט
ער נאָך געפילט די קלינגעדיג פרעהליכע ווערטער פון זיינע
שוועסטער, זייער רעדען פון בעז און בלומען און ער האָט זיך
פאַרטראַכט, ווי איינער זאָגט: און ווי קומט עס צו מיר?

מיט עטליכע מינוט שפעטער איז אַריינגעקומען אַ פרוי,
וואָס האָט זיך געשטעלט געגען שפיגעלע קעמען אירע האָר און
דערזעהענדיג יודעלען נאָך שטעהען אין די תפילין, האָט זי
פאַרביסען געזאָגט:

—שוין צייט, שוין צייט. דו האָסט היינט געמאַכט אַ שניט
אין טאָג אַריין. די מענשען דאַרט אויף דער פאַבריק שטעהען
לעדיג. שוין צייט, שוין צייט.

יודעלע האָט עפעס געכאַפּט אין מויל און איז אַוועק.

די פרוי, וואָס האָט געקעמט די האָר און נאָכגעקוקט יו-
דעלען, איז געווען די אמת׳ע, אָבער קאַלטע, קאַלטע מוטער.

---

III

## די קוזשניע.

ווען יודעל איז אַרויס אין דרויסען איז שוין געווען שפּעט, די זון איז שוין געשטאַנען אין דערמיט הימעל און אַרויסגערופען די שמעקעדיגע ריחות פון די בּעזען און בלומען, וואָס האָבּען זיך צעבּליט פאַר די פענסטער. עס האָט געשמעקט מיט פרישקייט פון ערד און פרישקייט פון וואַסער. אין דעם איינפאַכען, דאָך צאַרטען קערפּער האָט זיך דער פרילינג צעשפּילט אויף זיינע פאַרשידענע סטרונעס, די פרישע מחיהדיגע ווינטלעך, די ווייסע טויבּען, וואָס האָבּען זיך געטראָגען אין דער לופט, דאָס פייפען פון פריש געשניצטע פויאַרעס און מעקען פון יונגע בּהמות האָבּען געוועקט אין אים עפּעס אַ בּענקשאַפט, ערגעץ-וואו ווייט, ווייט, וואו דער הימעל גיסט זיך צוזאַמען מיט דער ערד; מיט די וואַסערלעך, מיט די געלע גרויסע זאַמד־בּערג. און יודעלע האָט בּאַשטימט היינט נישט צו געהן צו קיין אַרבּייט, נאָר אַוועקצוגעהן צו זיינע חברים, דאָרט אונטערן שטאָדט אין דער קוזשניע.

זיינע חברים פון דער קוזשניע, דאָרט ווייט, זענען געווען: שלמה „פּאָדקאָווע”—אַ נידריגער בּרייטבּייניגער יונג מיט מאָזאָליסטע הענט, וואָס האָט געאַרבּייט ביים פייער שוין פון יאָרען און דער נאָמען „פּאָדקאָווע” איז אים געקומען דערפון, וואָס אַמאָל, אַמאָל האָט ער האַלטענדיג בּיי דער פּאָדקאָווע פון אַ פּערד עס צעבּייזערט, האָט אים דאָס פערד דערלאַנגט אַזאַ קאָפּ אין שטערן, דאָס דער צייכען איז אים געבּליבּען בּיז היינטיגען

טאָג; און נאָך עטליכע חברים, אָרימע יונגען, וועלכע יודעלע האָט זער ליב געהאַט.

אָט די דאָזיגע קוזשניע האָט מאָדנע געצויגען יודעלען צו זיך. נישט נור צוליב די מענשען, וואָס זענען אַזוי ווי ער פאַר-האַוועט געווען אין דער אַרבייט, פאַרשוויצט און פאַרסאַפּעט, נור נאָך איבער עפּעס; די קוזשניע האָט פאַרמאָגט אַ רויג רויט פייער, ביי וועלכען עס איז צייטענווייז גוט געווען צו זיצען, אויסהאַ-רעמען די גלידער און אויסצוהערען מעשות פון מלחמה, פון ים הקרח, פון וויטטעניש און פוסטעניש. טיילמאָל האָבען יודעלעס אוירען פאַרנומען די קלאַנגען פון אייזען, דאָס זענען נישט גע-ווען קיין פּראָסטע קלאַנגען, דען זיי האָבען אין אים ערוועקט עפּעס היימישעס, באַנגליכעס, דאָס, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט גע-קאָנט פילען אין זיין אייגענער שטוב. מערקווירדיג, אָט די קוזש-ניע איז געווען פאַר אים עפּעס אַ נאָענט ווינקעל, וואָס עס האָט אים באַרויבט דאָס געפיל פון פרעמדקייט אין טאַטענס שטוב, דעם שטיפזוהן אין אים. עס איז געווען אַ מין סעדיל, אַ מין שפּאַציר-גאָרטען, וואו אַ מענש קאָן זיך באַפרייען פון וואָכעדיגען טומעל, דען די שווערע אַרבייט, די מאָזאָליסטע הענט, דער שווייס פון שטערען, האָט יודעלען פאַרצעהלט פון אַ געוויסער ענליכקייט צו אים. איבריגענס איז געווען נאָך עפּעס. מיט יאָרען צוריק האָט שלמה-פּאָדקאָווע און זיינס אַ שוועסטער—זענען ביידע שטיפקינדער געווען—פאַרלאָזט דאָס הויז פון זייער קאַלטער פאַמיליע און באַ-זעצט זיך דאָ איינזאַמע אונטערן שטאָדט, די פאַסירונג מיט זיינע חברים האָט יודעלען געצויגען צו דער קוזשניע און אויך דאָס האָט ווייך געמאַכט זיין געמיט, ווען ער איז איצט אַריין אין קוזשניע האָט ער אַוועקגעשטעלט זיינע חפצים און אַ לעג אַריין געטון די שפּיצען פינגער אין פייער, וואָס ער פלעגט טין פון געוואוינהייט, סיי ווינטער סיי זומער. אין דרויסען פאַר דער קוזשניע זענען אַרומגעגאַנגען נייע הינער, וואָס זענען איבערן ווינטער אויסגעהאָדעוועט געוואָרען אין שטוב, צוויי קאָזעט פון שכנים טויבען וואָס האָבען שטענדיג געפּונען זשאַרנעס אין בלאָ-טע און יונגע חזרימלעך, וואָס האָבען שוין צו היסען געגעבען

מיט זייער יונגען כראַקען, אַז די ערד איז פייכט און האָט דאָרט פּאַר זיי מכל טוב אָנגעגרייט.

יודעלע האָט זיך אויף אַ שטיין אַוועקגעזעצט און פון אונ־טערן שטערן אַפּערגעקוקט אויף דעם בילד פון שלמה׳ן, וואָס איז געשטאַנען האַלב־געבויגען איבערן פוס פון אַ פערד און אויס־געשמידט די רויטע פּאָדקאָווע.

אין יודעלען האָט זיך ערוועקט אַ מאָדנע געפיל פון רחמנות אי אויף זיך, אי אויף אים, עפּעס דער שוויס, דער טיפער צייכען פון די פערדישע פּאָדקאָווע אויף זיין שטערן, זיינע מאָזאָליסטע הענט און די ערשטע סמנים פון פּרילינג, האָבען ביי אים אַרויסגערופען אַ געפיל פון זיסען וויינען, פון וועלען אַנטלויפען ערגעץ ווייט, ווייט, וואו עס זענען נישטאָ אַזעלכע אומגליקליכע, ווי ער און זיין חבר.

מיט עטליכע מינוטען שפּעטער האָט שלמה פאַרענדיגט זיין אַרבייט. דאָס פערד האָט אַראָפּגעלאָזט דעם פוס און מיט אַ ספר־ר־ר אָפּגעטרייסעלט די פעל, ווי עס וואָלט זיך אָפּטרייס־לען פון די מענשליכע הענט, וואָס האָבען אים אַ טובה געטון, כדי ווייטער צו ציהען די נוצליכע אַרבייט. דער בעל־הבית פון פערד האָט אַ וואָרף געטון אַ זילבערנע מטבע, וואָס האָט אָפּגע־קלונגען מיט אַ פאַלשען קלאַנג פון פוסטער שטאָלציגקייט, און אַוועק מיט׳ן פערד.

דאָס מאָל האָט שלמה מיט אַ מידער פאַראַכטונג אַוועקגע־וואָרפען דעם האַמער און אַרויפגעשטעלט אַ פוס אויף דעם שטיין, וואו עס איז געזעסען יודעלע.

דאָס איז געווען אַ בחור פון אַ יאָר צוואַנציג. זיין פנים איז געווען ברייט און געשטופּעלט, די גרויע אויגען האָבען אויסגעדריקט אַ געוויסע שטייפקייט און האַרטקייט אין כאַ־ראַקטער; אויף זיין שטערן, וואו עס איז געלעגען אַ רויטער קיילעכדיגער צייכען האָט זיך געוואָרפען אַ לאָק פון זיינע האָר, וואָס עס האָט אויסגעדריקט אַ געוויסע העלדישקייט. דער בחור איז אַ מינוט אַזוי געשטאַנען און באַטראַכט יודעלעס פנים, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

—עס איז אַ פּאַסקודנע וועלט, יודעלע, מענשען אַרביי־טען שווער, דאָס גאַנצע לעבען איז פאַרגאָסען מיט בלוט און שוויס, און די היץ ברענט, און דער שטערען ברענט.

אַך, וואָס טוסטו דאָ אַזוי פריה?

—איך בין היינט צו דער אַרבייט נישט געגאַנגען—האָט יודעלע געענטפערט קאַלט—עס האָט מיך היינט געצויגען צו דער קושניע.

—גו זיך, ברודער׳ל, עס טרייבט דיך קיינער נישט פון דאַנען,—האָט שלמה מיט אַ פאַרגליווערט שמייכעלע געזאָגט,—דו ביסט ביי מיר שטענדיג טייער, זיך און וואַרים זיך ביים פייער — און וואו איז ברכה׳לע?— האָט דאָס יונגעל מיט אַ וואַרימע שטים געפרעגט.

—אָט, זי איז אין דרויסען, זי קאָרמיעט די עופות, וואַרט אויס, באַלד קומט זי. איך, אָבער, געה נאָך אַוועק קאָווען פוי־ערשע פערד. אַ גוטען טאָג דערווייל!

## IV

## ברכה'לע.

ווען יודעלעס חבר—שלמה—איז אַוועק, איז נאָך יודעלע געזעסען אויפ'ן שטיין געגען פייער און געפילט דעם ליבען ריח פון פלאַם, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעמישט מיט ליבליכען ווינט אין דרויסען. יודעלע איז אין דעם טאָג נישט געווען גענויגט צו קיין אַרבייט, די פריהמאָרגענדיגע רייד אין שטוב, דאָס באַפעהלען אים אויפצושטעהן, און דאָס, וואָס גראָד היינט האָט אים אויסגעזעהן דער טאָג אַזוי מילד און גוט, האָט אים געטריבען ווייט, ווייט אין פעלד אַריין. ער איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, באַטראַכט די פאַרזשאַווערטע אייזענס, די אַלטע צעבראָכענע פאָדקאָוועס, די כאָמוטעס, די צעבראָכענע רעדער און יעדעס מאָל, האָט ער זיך איינגעהערט אין עפעס אַ קרעה פון אַ יונג הענדעל, וואָס עס האָט מאָדנע זיס-טרויריג געווירקט אויף זיין געמיט; אָדער אין איינע פון יענע ערשטע וואַלד-קוקוס, וואָס דערהערען זיך פון נישט וואו און ווען אין די ערשטע פרילינג-טעג אין דרויסען. זיין הארץ האָט געקלאַפט שנעל און מיט עפעס אַ נערוועזער פרייד, זיין בלוט האָט פרעהליך און מורא'דיג געברויזט אין זיינע גלידער, ער האָט נישט געוואוסט, וואָס ער וויל, נור ביי יעדען קרעה פון האָן און קוקו פון וואַלד איז ער אויפגעשפרונגען, שטעהן געבליבען און זיך פאַרטראַכט: וואָס וויל דאָס פון אים?

אין דער מינוט, וואָס ער איז אַזוי אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, האָט עמיץ געעפענט די טיר. דאָס איז געווען — ברכה'לע,

שלמה׳ס שוועסטער, פון וועלכער מען האָט דאָ נישט לאַנג גע־רעדט. זי איז אַריינגעקומען מיט אַ טעפּעל, גלייך צו צום אויוון און עס אַריינגעשטעלט און דערזעהענדיג יודעלען, האָט זי אַ טריט צוריק געמאַכט און געזאָגט:

—אין מיטען טאָג פון אַרבייט? אַזוי פריה? נו גוט, וואָס דו ביסט געקומען, יודעלע, זעץ זיך, איך וועל אויך זיצען. וואו איז שלמה?

—ער איז אַוועק שמידען פויערשע פערד, ברכה׳לע,—האָט דאָס בחור׳ל געזאָגט,—ווי דו זעהסט, האָב איך היינט נישט גע־וואָלט געהן צו דער אַרבייט, און איך בין געקומען אַהער, מיר איז דאָ בעסער, ווי צו געהן אויף דער אַרבייט.

—האָסטו אויף לאַנג צייט?

—כאָטש אויף אַ גאַנצען טאָג, האָט יודעלע צופרידען גע־רעדט.

—נו גוט, וועל איך אָפּקאָכען דאָס טעפּעלע און מיר ווע־לען צוזאַמען עסען—האָט ברכה׳לע געזאָגט פּאַרלעגענדיג אַ פינ־גער אויפ׳ן מויל.

יודעלע האָט פון אונטער׳ן שטערען אַ בליק געטון אויף איר. דאָס איז געווען אַ מיידעל פון עטוואָס מעהר פון זיב־צען יאָר. איר הויט איז געווען אַ ברוינליכע, די צעפּלעך פּנ־ליך צום טונקעלען געקעמטען פלאַקס און דאָס גאַנצע פּנים׳על מיט׳ן געמבעלע, האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס קינדיש־שעמעוו־דיגעס, נישט דרייסטעס.

דאָ, אין שטוב, איז זי ביי איר ברודער אַ בעל־הביתטע געווען. באַגינען פלעגט זי געהן מיט׳ן קוישעל אין מאַרק אַריין, און ווען מען פלעגט זי פרעגען: ברכה׳לע, וואָס האָסטו געקויפט? פלעגט זי ענטפערן, אַריינקוקענדיג אין קוישעלע;

—בעבלעך צוויי פונט, זאַלץ און מעערלעך אַ ביסעל. דאָס איז געוועזען דאָס אָנבייסען, וואָס ברכה׳לע האָט צעטיילט צווישען זיך און איר ברודער. שפּעטער, נאָכ׳ן אָנבייסען, זו־מער־צייט, פלעגט זי געהן מיט די וועש צום טייכעל, אויסוואַ־שען, אויסדריעהען און אויסקלאַפּען, געקומען אַהיים האָט זי די

וועש אויסגעהאָנגען אויף שטריק, און אַז מען פלעגט זי פרעגען: ווען מעגנס העמדער זענען דאָס? האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכעלע: מיינע און מיין ברודערס.

שבת, יום־טוב, האָט זי געהאַט פאַר זיך די קושניע אַ איפּגערוימטע, די רעדער, פּאָדקאָוועס און אייזענס זענען געווען איבערגעדעקט מיט גרויע לייוואַנד און דאָרט אין צווייטען שטיבעל איז געלעגען אַ ווייס טישטוכעל, צוויי ריינע צינערנע לייכטערלעך, חלה׳לעך צוויי, און די קליינע דראָבנע פישלעך, וואָס דער ברודער האָט אָנגעכאַפּט אין ווענדקע, נאָך פון נעכטען. ברכה׳לע האָט נישט געהערט צו די מיידלעך, וואָס האָבען ליב געהאַט דעם שפּאַציר, דעם הוידער פון פּאַרק, דאָס שיפען זיך איבער׳ן וואַסער, דאָס לייכטזיניגע גרומלויפען צווישען מיידלעך. אָפּגעגעסען שבת בייטאָג, האָט זי זיך אָנגעטון אין סיצענעם בלויען קליידעל מיט די נייע שיך און אַוועק מיט׳ן ברודער צו דער סאַדזעווקע, דאָרט זיך אַוועקגעזעצט און געזאָגט שטיל, אַראָפּלאָזענדיג דעם קאָפּ: פאַרוואָס זענען מיר פאַר׳יתום׳טע פון דער היים? פאַרוואָס קומט עס אונז אויס שטענדיג זיך צו בראָטען ביים אויווען? פאַרוואָס?

און דער ברודער, שלמה, האָט אַ קאַלטען ענטפער געגעבען:

—פאַרהאַנען גליקליכע מענשען, וואָס טוען גאָר נישט און דאָס לעבען שפּילט זיי אויף אַלע סטרונעס, און פאַרהאַן, שוועסטער׳ל, מענשען אַזעלכע ווי מיר...

און דערמאָנענדיג דאָס וואָרט „מיר" האָט ברכה׳לע אַראָפּגעלאָזט די אויגען, עס האָט איר וועה געטון דאָס האַרץ, וואָס אַלע אַזעלכע, ווי זי, איז שלעכט און ביטער אויף דער וועלט, און אַלע אַזעלכע ווי זי און איר ברודער, דרעהען דאָס שווערע אייזערנע ראָד פון לעבען. טראַכטענדיג וועגען זיך און איר ברודער, האָט פאַר אירע אויגען שטענדיג אַ בליץ געטון דאָס רחמנות׳דיגע פּנים פון יודעלען.

דאָס איז געווען עפּעס פון דעם טיפען אינערליכען רחמנות, וואָס מען האָט אויף אַנ׳איינזאַמע פאַרבלאָנדזשעטע טויב,

וואָס האָט איוף אייביג פאַרלוירען אירע חייטע בלויע הימלען. יודעלעס נאָמען האָט זי דערמאָנט מיט אַ ציטער פון שוועסטער-ליכען מיטגעפיל, פון קינדישער איינזאַמקייט, און אָפּס האָט זי געזאָגט: פאַרוואָס זעהט מען נישט יודעלען? פאַרוואָס קומט נישט יודעלע? און ער האָט זיך אין איר געדאַנק געטראָגען, ווי אַ ווייט פאַר'יתום'ט ברודעריל. אָט די ברכה'לע האָט אין איר כאַראַקטער אַ סך ענליכקייט געהאַט, ווי אין איר אויס-זעהן, ווי אין איר באַרמהערציגען שמייכעל, צו יודעלען. און יו-דעל האָט אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס גְעפעלט זי אים מעהר, ווי די גאַנצע וועלט, ווי די אַלע שטאָדטישע מיידלעך: עס איז געגוג געווען, ווען זי האָט געמאַכט עפּעס אַ רחמנות'-דיגע מינע אויף אַ קראַנקען, ווי אין זיינע גלידער האָט אויפ-געפלאַקערט אַ שטילער רחמנות. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זי איז די קראַנקע און ער דער רופא, דען זי האָט צוגע-נומען פון אים די שווערקייטען, וואָס עס האָט אָנגעוואָרפען אויף אים די שטוב מיט די גליקליכע שוועסטער, מיט די נייע חדרים, מיט'ן שווערען קעסטיל-גלאָז, מיט די גאַנצע שווערע בילדער פון זיין לעבען. און איצט, ווען קיינער איז נישט גע-ווען האָט יודעלע זיך אַראָפּגעלאָזט אויפ'ן שטיין, אָנגענומען זי פאַר די האַנט און געזאָגט:

—שוועסטער'ל, פאַרוואָס ביסטו אַזוי טרויריג היינט?

—ווי שטענדיג—האָט ברכה'לע געזאָגט—פון זינט איך האָב מיין טאַטען אָנגעוואוירען בין איך אַזוי.

—אָ, וויין נישט, ברכה'לע — האָט דאָס בחור'יל זי אָנגע-נומען פאַר די הענט—עס שטאַרבט אַמאָל אַ טאַטע בלייבט אַ ברודער אַ גוטער, ווי איך בין דיר.

—ביסטו טאַקי אַזעלכער?

—אָ, חיין נישט, שוועסטער'ל, דען שעהן, ווי אַלבאַסטער, איז דיין פנימ'ל, קלאָר, ווי פעריל, דיינע טרערלעך, שווייג שוועסטער'ל!

ברכה'לע האָט דאָס מאָל אויסגעמיטען צו הערען, וואָס יודעלע רעדט פון איר פנים און טרערען און געזאָגט:

—ברודער יודעלע, מיר מאַטערען זיך דאָ. שטענדיג דאָס פייער און פייער, דאָס אייזען און אייזען. אייערנעכטען זיך אָפגעבריט די הענט, נעכטען, היינט אויך, אָ, ווי שווער מיר לעבען דאָ, ווי נישט גוט דיר איז, יודעלע. דאָס מאָל האָט דאָס מיידעל געהאָרפען אַ באַדוירענדען, טיפען בליק אויפ׳ן בחור׳ס פנים. עס האָט זיך אויסגעדוכט, דאָס זי באַדויערט אים מעהר ווי זיך. יודעלע דאַט אָנגענומען אירע פינגער פון דער רעכטער האַנט זיי געבלאָזען און געזאָגט מיט אַ שמייכעלע:

—נישט זאָרג, שוועסטער׳ל, פון די קראַנקע הענטלעך וועלען ווערען געזונטע, פון די טרויריגע פנימ׳ער—פרעהליכע. אַז מיר וועלען לעבען, וועלען מיר דערלעבען...

V

## זייער פֿאַרגאַנגענהייט.

ווען די שוועסטערן פון דער פֿאַמיליע מ. זענען אַרויס אויפ׳ן שפּאַציר, האָבען זיי נאָך אַרומגערעדט די לאַגע פון זייער ברודער און די סבה, וואָס עס האָט זיי אַוועקגעריסען פון דער גלאָז-פאַבריק, וואו זיי האָבען געפירט אַ רייך דאָרפס־לעבען. די עלטערע שוועסטער, שבע, האָט באַמערקט אויף די ווער־טער פון דער צווייטער שוועסטער, וואָס האָט אַרויסגעוויזען פרעהליכקייט צום לעבען פון דער שטאָדט:

—באָ, דאָס, וואָס מיר האָבען אין גלאָז־פאַבריק געהאַט, ווע־לען מיר דאָ קיינמאָל נישט האָבען. געדענקסטו עפּעס די פרעה־ליכע רויטע גלאָז-נעכט, ווען מיר פלעגען אַריינקומען אין הוטע, ווי די אַרבייטער האָבען לכבוד אונז אויסגעשאָסען, און יאָ די היגטעלעך, פעסעלעך און פסח-כוסות געדענקסטו? אָ, ניין, שוועס־טער׳ל, מיך ציט צוריק אין הוטע צום געררוך פון פעטען ליים, צום ברענענדיגען אויווען, דאָרט אַהין...

—אָ, רייד בעסער נישט,—האָט די צווייטע שוועסטער נישט געקאָנט פאַרטראָגען די רייד פון דער ערשטער,—איך פרעה מיך מיט אָט די נייע מייערלעך און מיט די בוימער, וואָס שמע־קען שוין מיט פרישער אַקאַציע.

—אַקאַציע, אַקאַציע,—האָט עפּעס גלאַט אַזוי אונטערגעכאַפּט די צווייטע שוועסטער, מיט נישט קיין באַזונדערען לוסט,—און מיר קאָנען פון דינען נישט אַרויס די פרעהליכע זומער-טעג, ווען די גלאָזען זענען שוין פאַרטיגע געלעגען קופּעס, גאַנצע

קופּט און די רויטע געשוואָלענע פערד האָבן זיי צעפירט אויף די טראַקטען, עס האָט געפייפט און געטראָגן דאָס לעבען. אַקאַ-ציע ביי אַ טרוקען געוואוקס פון אַ שטאָטישען בוים וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס...

די צווייטע שוועסטער, אין וועלכערס פנים עס האָט זיך געפילט די צופרידענהייט פון נייעם לעבען האָט עפּעס געמאַכט אַ מינע, ווי די שוועסטער פאַרשטעהט נישט, וואָס זיי שטעהט יעצט פאָר אין דער שטאָדט און די ערשטע האָט פונדעסטוועגען צוגעגעבען:

—נור די נאַכלעסיגקייט פון אונזער פאָטער האָט צוגעפירט צו דער לאַגע, דאָס דער אויוועז אין גלאָז-פאַבריק זאָל געלאָשען ווערען. ווינטער געלאָזט אויף הפקר די פאַרמעגענס גנבים האָבען פון אונטערן שניי עס צעשלעפּט. זומער נישט אַכטונג געגעבען אויף די נאַכט-אַרבייטער. 10 יאָר געלעבט; גערטנער, פיה, פעלדער און וועלדער און אַצינד האָבען מיר דאָס ביסעל שויבען-גלאָז געברענגט דאָך נישט מעהר.

—אָבער דער יונג וועט אַלץ פאַריכטען, ער וועט דאָס לעבען אוועקשטעלען אויף ברייטע פיס, נישט - קשה זיינע שולטערן זענען פעסט, זיינע ביינער שטאַרק.

—אָ, שוייג, שלעכטע שוועסטער, דער יונג, וועלכען דו לאָכסט אויס שטענדיג, ער איז אונזער ברודער און איז נור אין אַ שלעכט מזל געבוירען געוואָרען, וואָס ער מוז פון זיין קינדהייט אָן זיין דער לאַסט-טרעגער, ער איז פון דער מאַמעס-ברוסט אוועק צופעליג— — —

—דערמיט בעסער. איז ער טאַקי אַ ברודער, זאָל ער, חי איך דער גלאָז-פאַבריק, אַרבייטען פאַר אונז, אויב ער איז אַ ברודער. אָבער זעה, טייערע, ווי עס בליען די בוימער!

די שוועסטער מיט די לאַנגע געקרייזעלטע האָר, וואָס האָט אזוי באַגייסטערט גערעדט פון דער שטאָדט און דער אַקאַציע, האָט אַרויסגעוויזען איהר לייכטזיניגע פרעמד-שוועסטערישע באַציונג צו איהר ברודער. אין איהר פנים און באַוועגונג איז געלעגען שוין דער מאַניער פון דער האַלבער שטאָדט, וואָס רע-

כענט זיך ווייניג מיט יענער ערליכער מיה. די צווייטע, אָבער׳ וואָס איז נאָך פאַרבונדען געווען מיט איר פריערדיגען לעבען, און וואָס איז נאָענט געשטאַנען צו איר ברודער, איז שפּעטער געבליבען געריהרט פון איר שוועסטערס ווערטער און זי האָט געשעפּטשעט:

—ער איז אָבער נישט קיין שטיפברודער, ער איז אַנ׳אונ־זעריגער און מיר קוקען אויף אים, ווי אויף אַ פאַרבלאָנדזשע־טען צו אונז. מיר טהוט וועה דאָס האַרץ.

ביידע שוועסטערן האָבען נאָך גערעדט וועגען זייער ברודער און וועגען דער לאַגע פון דער פאַמיליע אין שטאָדט, דערנאָך האָט איינע אָפּגעריסען אַ בלומעל פאַרשטעקט עס אין לאָץ און אַריין מיט דער שוועסטער אין שטוב.

אין שטוב איז שוין געווען אויפגערוימט און די מוטער, וואָס די שוועסטערן האָבען איר געלאָזען אין דער פּאָזע פון פאַרקעמען אירע האָר, איז איצט שוין אַרומגעגאַנגען אָנגעטון און פאַרקעמט, דורך אירע טונקעלע האָר האָט זיך געזעהען איינציגע גרויע פעדים. דער מאַניער פון איר רעדען איז געווען אַ נער־ווענזער, אַ שטאָרטישער.

וואָרום מיט נאָך ניינצען יאָר צוריק, האָט זי דאָ חתונה געהאַט ביי איר פאָטער דעם רייכען ציגעלניק און הוטניק, און איז מיט׳ן מאַן אַוועק אין הוטע איבערגענומען די אויפזיכט איבער די מענשען. אַצינד אָבער, נאָך אַ צייט פון פאַרנאַכלעסיגען די געשעפטען זענען זיי צוריקגעקומען אין פאָטערס הויז דערשלאָ־גענע. די מוטער האָט איצט מיטן פאָטער, וואָס איז נור-וואָס אויפגעשטאַנען פון געלעגער, איבערגערעדט וועגען פריערדיגען:

—אָט אַזוי זיצען מיר צוריק אונטערן דאַך פון טאַטען, צו וועלכען איך וואָלט קיינמאָל נישט געוואָלט קומען. עס איז אַ בזיון, קצבה הייסט-עס, מיר האָבען זיינע געשעפטען פאַרנאַכלע־סיגט ביזן גרונד, פופציג טויזענד זענען געגאַנגען לאבוד.

און וואָס וועלען מיר איצט טון?

—מיר וועלען טון דאָס, וואָס מיר האָבען געטון פריער, האָט דער פאָטער געזאָגט, איבערגעבענדיג זיך מיט עפּעס אַ ווײ־

כע מינע דעם ווילען פון מזל — דאָס הייסט, מיר וועלען אַרביי־טען און דאָס מזל וועט אונז מוזען העלפען. אָט אַשטייגער איז אונז נאָך געבליבען אפשר פאַר פופציג טויזענד רובל גלאָז, שויבען־גלאָז, וועלען מיר שיקען דעם יונג אויף די הייזער און ער וועט אַכטונג געבען אויף די מענשען, אַז זיי זאָלען גלעזען.

—דיין זוהן, דאָס איז דיין נאָכפאָלגער, ער פאַרלאָזט זיך אויך אויף גאָט און ענדיגט זיין אַרבייט שטענדיג ביים טייוועל, האָט די פרוי מיט אַ געוויסען ביטערן טאָן געערדט איבער איר זוהן.

—אוי, שלעכטע פרוי, צו נאָך ווינציג ברענגט ער אָפּפער פאַר אונז, ווינציג האָט ער געבראָכען די ביינער אין גלאָז־פאַבריק? האָט דער פאָטער בייז געענטפערט.

—אָבער ער האָט אויסגעשפילט דאָס אייגענע, וואָס דו, די פוילקייט, דאָס אָבלעגען אַלץ אויף שפּעטער, די נאַכלעסיגקייט, דאָס איז דיין, ער איז דו אינגאַנצען.

—מילא, האָט דער פאָטער געענטפערט, ער איז פון מיינע אָדערן געבוירען, אָבער ער איז אויך דיין...

—אָ, ווען ער זאָל אינגאַנצען מיין זיין, וואָלט ער נישט געצויגען צו זויגען אַ פרעמדע ברוסט פון אַנ׳אַם, ער איז מיר עפּעס דערפאַר שטענדיג פרעמד.

—ער איז נור אַנ׳אומגליקליכער יונג — האָט דער פאָטער געענטפערט ביטער, וואָס ער איז פון שטוב צו פריה אַוועק, דערפאַר ליידט ער ווי אַ שטיפזוהן. אָ, הער אויף, איטע!

דער פאָטער האָט איצט געוואָרפען אַ שרעקליכען בליק אויף די מוטער, ווי ער וואָלט איר פאָרוואורף מאַכען אויף אירע רייד, די מוטער האָט אַמאָך געטון מיט דער האַנט, ווי זי וואָל־ וועלען אויסמיידען צו רעדען פון אים.

אין דער מינוט זענען אָנגעקומען די שוועסטערן און דער שמועס איז אינגאַנצען איבערגעדרעהט געוואָרען אויף אַנדערע זאַכען.

## VI

## זיינע געדאַנקען.

שפּעט פאַרנאַכט איז יודעלע געקומען אַהיים און אַוועקגעשטעלט דעם גלאָז-קאַסטען אין אַ ווינקעל. ער איז געווען געקרענקט פון ברכה׳לעס אָפּגעבריטע פינגער, פון אירע רייד און פון איר מרה-שחורה׳דיגען אויסזעהן. זיינע ברוינליכע באַקען האָבען פון עפּעס וואָס אָנגעוואוילרען זייער נאַטירליכע פאַרב און אויסגעזעהן, ווי באַשיט מיט ווייסע פלעקען און אויף זיין שטערען זענען צוקאָשמעטע געלעגען עטליכע האָר. ער איז איצט געזעסען ביים עק טיש, געדראַפּעט מיט די פינגער דאָס ווייכע ברויט, געוואָרפען אַלעמאָל אַ בליק אין אַ זייט, וואו עס איז געזעסען די מוטער און דערקענט אין קעגענאיבערדיגען שפּיגעלע, אַז ער איז בלאַס און אויפגערעגט. צוויי בילדער זענען איצט געשטאַנען פאַר זיינע אויגען: דאָס — ברכה׳לע — דאָס איינזאַמע שוועסטערל, וואָס איז געשטאַנען ביים פייער מיט׳ן טעפּעל אין האַנט, און דאָס בילד פון איר ברודער שלמה מיט׳ן שטערען איבער דער רויטער פּאָדקאָווע פון פערד.

דאָס בילד, ווי אויך דאָס ערשטע האָבען אָנגעהויער געמאַטערט יודעלען. דאָס ערשטע האָט געוועקט אין אים יענע הערצליכע געפילען פון קינדישער פרויען-ליבע, וועלכע די ערשטע טענער פון פרילינג האָבען פאַרזינגען מיט זיס-טרויריגע געזאַנגען אין זיינע אוירען; דאָס צווייטע בילד האָט געוועקט רחמנות, באַדויערנדע טרערען נאָכמעהר האָט עס אים צו טרערען גערופען, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער ווי ברכה׳לע ווי איר ברו-

דער שלמה, זענען אַזעלכע ברוינהויטיגע, ווי ער, רעדען, האַלט זיך, ווי ער רעדט און לעבען אַזוי באַזונדער פון מענשען ווי ער לעבט. ווען ער האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט אין לעצטען בילד, אין דעם, ווי שלמה איז געשטאַנען געבויגען איבערן פוס פון הויכען רויטען פערד, האָט פאַר אים אַ בליץ געטון אַ מאָדנע געשטאַלט. דאָס איז געווען דאָס רויטע, דיקע פנים פון דעם, וואָס האָט אַוואָרף געטון די זילבערנע מטבע אויפ׳ן איי-זען. דער קלאַנג האָט יודעלען מאָדנע באַהערשט, ער איז געזעסען ווי דערשלאָגען, עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, ווי זי, ברכה׳לע, ליגט איצט ביי די טריט פון הויכען, רויטען פערד און די קאָפּיטעס פון דעם פערד שטעהען איר איבערן פנים, געגען די רחמנות׳דיגע אייגלעך ברכה׳לעס. ביי דעם בילד האָט ער אַ ציטער געטון און זיך אָנגעכאַפּט ביים פאָרענטש פון איי-זערנעם בעטיל, וואָס איז נעבען אים געשטאַנען. ער איז גערירט געוואָרען ביז טרערען. יודעלע איז געווען פון זיין קינדהייט באַנומען פון צוויי געפילען: דאָס ערשטע איז גע-ווען רחמנות, מיטגעפיל צו יעדער לעבעדיגער זאַך, צו יעדער זאַך, וואָס עס האָט זיך פאַר זיינע אויגען געוואָרפען אין איר ציטערדיגען וועה; דאָס צווייטע געפיל איז געווען עקשנות, פאַרביסענקייט און פאַראַכטונג, צו יעדען שטאָלץ-אויפגעהויבענעם קאָפּ, צו יעדען, וואָס האָט געפייניגט און געמאָרדעט דאָס שוואַכע.

אָט אַ שטייגער קליינערהייד, ווען ער פלעגט זעהען אַ שוחט שחטען אַ קעלביל, ציפּען די האָר און שאַרפען דעם חלף, האָט זיך יודעלע אַוועקגעשטעלט ביים פאַרקאַן און אָנגעהויבען ביטערליך צו וויינען. דאָסזעלבע האָט פּאַסירט, ווען מען האָט אויסגעקליבען אַ האָן אַוועקצומאַכען, און יודעלע האָט גאַנצע נעכט נישט געקאָנט איינשלאָפען. דער לעצטער פאַרצווייפעלטער אויסגעשריי פון עוף, דאָס וואַרפען זיך אין אייגענעם בלוט, דאָס פּאַטשען מיט די פליגעל אין דער ערד האָט יודעלען טרויריג געמאַכט אויף וואָכען, און אים האָט זיך שטענדיג געדאַכט, אַז עפּעס אַ באַשעפעניש מיט אַראָפּגעלאָזטע פליגעל שטעהט אים פאַר די אויגען. נאָכמעהר איז זיין פאַרדרוס געוואָרען, ווען ער

האָט דערזעהען דעם שוחט מיט'ן גלאַנציגען מעסער אין מויל, דאָס איז געווען אין זיינע אויגען עפּעס אַ פון מענשען באַשאַפענער מלאך-המות, וואָס יודעלע האָט פון שטענדיג אָן פאַרהאַסט אין הערצען און פיינט געהאַט אים מיט זיינע ברכות איבערן האַלז פון עוף, מיט זיינע גוטע ווערטער און זיינע תפילות, דערפאַר האָט מען אים גערופען: יודעלע „צער בעלי חיים", יודעלע „בעל רחמים". ווארום אין דר'אמת'ען האָט ער נישט געקאָנט עסען קיין פלייש און פאַרמאוסט דאָס עסען פלייש אַלע קינדער-חברים.

—וואָס איז דען דער אונטערשיד: צי מען עסט קבר-פלייש צי שוחט-פלייש,—פלעגט יודעלע זאָגען—דאָ שחט אַ שוחט פון גאָט, אַזעלכער, וואָס מען זעהט אים נישט, נור מען פילט זיין מעסער, דאָ שחט אַ שוחט אַ לעבעדיגער, אַלץ איינס אָבער איז עס פגרים פלייש—און ער האָט אויסגעשפּיגען, צוגעבענדיג די ווערטער:

—עופות, אומגליקליכע עופות, זיי ווערען נאָר געשחטען דערפאַר, וואָס זיי קאָנען זיך נישט ווערען געגען שוחט, אומגליקליכע עופות.

אָט די דאָזיגע צוויי געפילען און צווייערליי בילדער, וואָס יודעלע האָט געטראָגען אין זיין הארץ פון דער קינדהייט אָן, דאָס געפיל, אַז עס זענען דאָ געשחטענע עופות, שוואַכע, אומבאַהאָלפענע און שחטער מיט בלישטשעדיגע מעסערס אין האַנט, האָט יודעלע אַוועקגעטראָגען אין זיין שפּעטערע, עלטערע וועלט, און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז די צוויי לאַגערען פון געשחטענע און שחטער לעבען אויך ביי מענשען. אָט די, וואָס ער פלעגט זיי זעהען אַרבייטען אין גריבער, אויף בערג, אין ברונענס, אין וואַסערען, אויף מוירען האָט ער פאַרזיגעלט אין זיין געדאַנק אין בילד פון די ערשטע. די, וואָס ער פלעגט טרעפען אין גאַס מיט די שטעקעלעך אין האַנט האָט ער פאַרצייכענט אין געשטאַלט פון די צווייטע, און אצינד; ווען ער האָט געזעהן יענעם הויכען מענש מיט די דיקע באַקען אין קוזש-

ניע האָט ער פאַר אים, מוראדיג, אָפּגעציטערט, פאַרוואָס האָט ער
אַזוי אַראָפּגעשמייכעלט צו שלמהן און געוואָרפען אים זיין מטבע
אַראָפּ צום אייזען? האָט עס פאַרדראָסען יודעלען און וואָס מעהר
עס האָט אים פאַרדראָסען אויף דעם מענש, אַלץ מעהר האָט אים
געקלונגען ליב און רחמנותדיג ברכה׳לע, דאָס ברוינע מעדעל מיט
די אָפּגעבריטע פינגער און מיט די קראַנקהאַפטע בליקען.

יודעלע איז אויפגעשטאַנען פון אָרט און איז אַרומגעגאַנ-
גען הין און צוריק איבער דער שטוב, בלאַס, מורא האָבענדיג פאַר
די שטוב-מענשען, וועלכע ער האָט געדאַרפט אָפּגעבען דין וחשבון
פון דעם טאָג-אַרבייט און אין האַרצען האָט נאָך געפּיקט דאָס
רחמנות אויף ברכהלען, דער צאָרן אויפ׳ן קריסט מיט דער זיל-
בערנער מטבע און נאָך, נאָך...

מיט עטליכע מינוט שפּעטער האָט אים די שוועסטער, די
טרייע, גוטע שבע, וואָס האָט שטענדיג געהאַלטען פון ברו-
דערס זייט, דערלאַנגט דאָס דערוואַרעמטע עסען, זי האָט זיך
געזעצט נעבען אים, ווי אַ מוטער און געזאָגט:

—דו עסט היינט ווייניג, איך פיל, אַז עס איז ווייט עפּעס
מיט דיר פאָרגעקומען.

—ווי אַלע טאָג, האָט יודעלע אויסגעמיטען איר צו פאַר־
צעהלען, וואָס ער לעבט איבער.

—אָבער איך דערקען אין דיין פּנים, אפשר ביסטו נישט
געזונד, אָדער קוועלט דיך דיין געלעגער?

—ניין, האָט יודעל געענטפערט, מיט אַ מינע פון נישט
וועלען לאַנג רעדען איבער דעם, וואָס אים קוועלט.

## V

## די ערשטע פרייהייטס־קלאַנגען. „פישעל אַגיטאַטאָר".

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, איז יודעל געשטאַנען פאַר אַ מאָדנע ערשיינונג. אפשר געדענקט איר אין די ערשטע יאָרען פון דער פרייהייטס באַוועגונג, פלעגט פון נישט וואו און ווען, אין שטעדטעל אָנקומען אַ מענש מיט אַ הוט איבער די אויגען און דורכגעהענדיג עטליכע מאָל די הויפּט-גאַס, פלעגט ער אַ שמעק טון; ווער אייגענטליך קאָן דאָ זיין דער, מיט וועלכען ער קאָן אַ שמועס טון. די יעניגע, וואָס האָבען שוין געהערט, אַז דאָ און דאָרט אין אַ שטאָדט זענען דאָ עפּעס אַזעלכע געהיימע אָרגאַניזאַציעס, האָבען אים, גלייך דערקענענדיג, אָנגעכאַפּט אין גאַס, געפרעגט אים עפּעס פאַרשעמטער-הייד. ער האָט פּאָרזיכטיג געענטפערט אויף יעדע פראַגע און ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס זענען „יונגלעך, וואָס ווילען עפּעס", האָט ער זיי אַ וואונק געטון צו געהן נאָך אים אויפן שאָסיי.

אויפן שאָסיי פלעגען שטענדיג אָנקומען עטליכע בחורים, אַוועקלעגען אויפן גרינעם פלאַץ אַ פּאָר פּאַרטשיילעכלעך, וואו ער דער פרעמדער האָט זיך צוערשט אַוועקגעזעצט און אַרום אים די יונגלעך, וועלכע האָבען אויסגעהערט זיינע רייד, וועגען דעם; אַז אויף דער וועלט איז פאַראַנען זאַטע און הונגעריגע; באַדריקער און אונטערדריקטע. די בחורים פלעגען אויסשטעלען אַ פּאָר הונגעריגע אויגען און באַטראַכט דעם פרעמדען ווי, אַ מלאך הגואל.

אין דר׳אמתן האָבען זיי קיינמאָל נישט געוואוסט ווער ער איז? פון וואַנען ער איז געקומען? וואו שלאָפט ער און ווען ער פאָרט אַוועק, און בכלל צי איז ער עפּעס אַ מענש פון עסען, טרינקען? האָט ער אַ פאָטער. אַ מוטער? איז ער אַ פּערזאָן, וואָס לעבט אין אַ הויז מיט מענשען צוגלייך. דאָס אַלץ איז פאַר זיי געווען פרעמד און רעטזעלהאַפט. און איז ער אַוועק פון זיי, האָט ער זיך געטראָגען אין זייער געדאַנק, ווי אַ ליכטיגע לעגענדע. מען האָט אָנגעוויזען דאָס אָרט, וואו ער איז געזעסען אויפן פעלד, נעבען ווערלכען בוים אפילו, מיט ווערמען ער האָט מעהר גערעדט און ווערמען פון זיי איז ער מעהר געפעלען.

אָט, אין איינעם פון אַזעלכע טעג, איז אַ מענש אַ נידרי-גער מיט דיקע באַקען און אַ בלאָנד צעקאָשמעט בערדל, מיט אַ רויטע בלוזע אונטערן פאַלטאָ און אַ גראָבען שטעקען אין האַנט, זיך פאַמעליך אַראָפּשפּאַצירט פון באַן. לאַנזאַם מיט די הענט אין די קעשענעס, זיך אַ קוק אַרומגעטון, עס איז שוין געווען פאַר-נאַכט, די זון איז שוין לאַנג פאַרשוואונדען אונטערן סגיל הייזער פון דער ווייטער באַן-סטאַציע אונטער אים, נאָר פאַר אים איז געלעגען אויסגעשפּרייט אַ שטערטעל הייזלעך, אַ טראָטואַר, אַ קלויס-טער, אַ רוסישע צערקווע, וואָס האָט געקלונגען דרייסט אויף אַלע אירע קלענערע און גרעסערע גלעקלעך, ווי זיי וואָלטען פאַר-צעהלען, אַז זיי זענען די הערשער דאָ. דער יונגערמאַן האָט זיך אַ קוק אום געטון און באַמערקט, אַז די באַן, וואָס האָט אים אָהער געבראַכט איז שוין פאַרשוואונדען. נור פון גאַנץ ווייט האָט זיך געהערט דער פיף-פאַף פון רויך און פאַרע, דער פייף און דער רויטליכער וואָלקען, וואָס איז געלעגען געגען רויטען הימעל. דעם פרעמדען איז אַביסעל אומעטיג געוואָרען, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז געקומען צו קיינעם נישט, שלאָ-פען האָט ער נישט וואו, עסען ווייס ער נישט וואו צו געהן. עפּעס נור אַ באַקאַנטע קריסטין האָט ער, וואו ער האָט אַמאָל געגעסען סמעטענע מיט זויער מילך, שלאָפט זי.

דערזעהען, אַז עס איז אומעטיג און פוסט האָט ער אויפ-געשטעלט דעם קאָלנער, איינגעטוליעט דעם קאָפּ און געזונגען,

געהענדיג לאַנגזאַם, איינע פון די לידלעך, וואָס האָבען נאָך ניי און פריש געקלונגען אין דער יודישער גאַס. ער האָט יעדעס מאָל געטון אַ ברום, אַ בליק אונטער זיך און אַ שפּרייז פאָראויס, אַמאָל האָט ער אויס איינטאָניגקייט געטון אַ קלאַפּ מיטן שטעקען אין דער ערד, ווי ער וואָלט דערמיט וועלען די איינטאָניגקייט איבערייסען. ווען ער איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, האָט אים עטוואָס אָפּגעשטעלט. דאָס איז געווען דאָס רויטע פייער פון דער קוזשניע, וואָס האָט פאַרשפּרייט די רויטקייט אויף ווי ווייט. דער פרעמדער איז געשטאַנען פון ווייטען און מיט אונצוטרוי האָט ער באַטראַכט דאָס אַלץ אַרום. פון דאָרט האָבען אַרויסגעקוקט יודע-לעס ברכה׳לעס, און שלמה׳ס קאָפּ, אַלע האָבען זיי געהאַלטען די שפּיצען פינגער פאַר׳ן פייער און אַלע האָבען זיי עטוואָס גערעדט:

—היינט אין דערפריה בין איך אַזוי געשטאַנען אין דער ניי-ער — האָט יודעל געזאָגט, האָב איך באַמערקט אויף דער ערד עטליכע פאַפּירלעך מיט רויטע געפּאָרטע הענט און מיט ווערטער. „חבר און חברשאַפט״. האָב איך זיי גענומען צום לייענען האָט זיי דער יונג, וואָס רוימט אָפּ דאָס ליים פון די מוירען, מיר זיי פון האַנט אַרויסגעריסען, פאַר אַזעלכע פאַפּירלעך האָט מען נעכטען ביי נאַכט אַוועקגעפירט שרה׳ן די הייבאַם אין קרי-מינאַל אַריין און פון דאָרט אין ציטידעל אַריין.

—אין ציטידעל? וואָס איז דאָס פאַר אַ מין היז? — האָט געפרעגט ברכה׳לע.

—אַ טורמע אַזעלכע, וואו מען לאָזט אַריין מענשען, ווי חיות, מען גיט זיי נישט קיין עסען און נישט קיין טרינקען און אַמאָל וואַרפט מען זיי דאָרט אריין אין אַ קעלער, צוזאַמען מיט חיות.

—צוזאַמען מיט חיות? ניין, איך וועט די פאַפּירלעך שוין מעהר אין האַנט נישט האַלטען, האָט זיך דערשראָקען פאַר די רייד ברכה׳לע און זיי אַרויסגעריסען פון דעם ברודערס האַנט אַרויס.

—באַרויג זיך ברכה׳לע, האָט יודעלע געזאגט מיט אַ שמיי-

כּעל, אויב די פּאַפּירלעך רעדען אָן צו טון גוטע זאַכען אויף דער וועלט, איז קיין מורא נישט צו האָבען פאַר די וועלף און חיות.

—אויך איך האָב דערפאַר קיין מורא נישט, האָט פעסט און ענטשלאָסען געזאָגט שלמה, און אַ טונקעלער לאָק האָט זיך אַ טרייסעל געטון פאַר זיינע אויגען.

ביידע האָבען גענומען אַ פּאַפּירעל און געהאַלטען עס לאַנג פאַר די אויגען און געשושקעט זיך.

אין דער צייט ווען זיי האָבען דאָ אַזוי גערעדט, איז דער פרעמדער געשטאַנען און אויסגעהערט זייער שמועס איבערהויפּט איז צו זיינע אוירען שנעל צוגעפלויגען דאָס וואָרט: ציטאַדעל, און דאָס וואָרט האָט אים עפּעס דערמאָנט וועגען זיך.

לאַנג, שוין לאַנג ווי ער איז געווען אויף דער לער אין שטאָדט ביי איינעם „פוסען”, אַ דיקער מענש, אַ שילדען-מייס-טער, וואו עס האָט געאַרבייט אַ געזעל—אַ שטאַרקער יונג, וואָס האָט געברענגט פּראָקלאַמאַציעס אין די קעשענע, און אים געגע-בען זיי צו פאַרשפּרייטען. א רויער, אומענטוויקעלטער יונג איז ער נאָך געווען און האָט פון די פּראָקלאַמאַציעס גאָר נישט געוואוסט. פלעגט אים דער געזעל זאָגען, אַז כל זמן, ער וועט נאָך אַרומ-געהן אויף דער פריי וועט ער גאָר נישט וויסען, נור ווען ער וועט זיך אַריינכאַפּען אין ציטאַדעל, וואו עס זיצען גרויסע מענ-שען, דאָקטוירים, וועט ער ווערען אַ אַנטוויקעלטער מענש”,

די דאָזיגע ווערטער זענען בליץ-שנעל דורך זיין מוח און ער האָט געשטעלט שטילע, פאָרזיכטיגע טריט פאָראויס, פילענדיג אַז זיי וועלען ווערען היימישע.

ווען ער איז צוגעקומען נאָענט צו דער קוזשניע האָט ער פאַמעלעך און מיט אַ שמייכעלע אַריינגעלעגט דעם קאָפּ אין טיר אַריין און געפרעגט מיט אַ קול נישט איבערצושרעקען קיינעם:

איז פאַראַן ביי אייך אַ שוועבעלע?

די קעפּ ביי אַלעמען האָבען זיך אויסגעדרעהט אין דער זייט פון דער טיר און יודעלע האָט באַלד זיך, באַרויגענד, גע-זאָגט:

ווען עס איז נישטאָ ביי אונז קיין שוועבעלע איז פייער
דאָ גענוג, איר קאָנט פייער נעמען.
—אַ דאַנק אייך פאַר'ן פייער—האָט דער פרעמדער געזאָגט
—וואויל פייער, וואַרים פייער, אַנו, לאָמיר זעהען, ווי עס קוקט
אויס. און ער האָט זיך צראָפּגעבויגען צולעגענדיג אַ ציגאַר צום
קליינעם הייסען אויוועלע, וואו עס איז באַלויכטען געוואָרען זיין
בליאָנדער, ברייטער קאָפּ מיט'ן צעקאָשמעטען בערדיל, אַריינגע-
זעצט אין אַ רויטער קאַצאַפּסקער בליוזע, פאַרויכערט, אַרויסגע-
לאָזען אַ שווערען קנויל רויך. דערנאָך האָט ער פאָרזיכטיג
באַטראַכטענדיג די מענשען אַרום, געזאָגט:
פייער און אייזען, אָט וואָס איך זעה ביי אייך. שווערע
שטיקער אייזען, שוויים אויפ'ן שטערן, אָפּגעבריטע פינגער.
באַ, און פאַרוואָס זעהט מען דאָס נישט ביי יענע רייכע
לייט, וואָס וואוינען אין פאַלאַצען? ניין, ביי זיי זעהט מען דאָס
אייזען שוין אויסגעשמיעדט עס דינט זיי גוט!
דערנאָך האָט ער זיך, פאַרטראַכטענדיג אין שלמה'ס שטע-
רען, אָוועקגעשטעלט געגען אים און געזאָגט:
—פאַרוואָס איז ביי אייך אויפ'ן שטערן אַ צייכען פון אַ
רויטער פאָדקאָווע?
—דאָס איז פון אַ פערד—האָט שלמה אים אָנגעקוקט מיט
די גרויסע קאַלטע אויגען. נישט וויסענדיג, וואָס ער מיינט מיט
די ווערטער.
—איך ווייס, אַז עס איז פון אַ פערדישער קאָפּעטע—האָט דער
פרעמדער געזאָגט—אָבער זאָגט מיר פאַרוואָס, איז קיינמאָל נישט
דער פאַל, אַז יענע רייכע שטערענס זאָלען אַרונטערפאַלען אונ-
טער די קאָפּעטעס.
—ווייל זיי זענען קיין שמידער נישט.
—אָט טאַקע דערפאַר, וואָס זיי אַרבייטען נישט אין אָט
דער הייסער קוזשניע און ווערען נישט אַזוי אָפּגעבריט ווי אייע-
רע הענט און שטערענס—האָט דער פרעמדער שוין אויפגעהויבען
פאַטעטיש זיין קול, כּדי מען זאָל אים הערען שטאַרקער.
אַלע האָבען זיך אַ קוק דורך געטון, ווי מיט אַ מוראַדיגע

פרייד, נישט פאַרשטעהענדיג פון וואַנען עס איז געקומען דער מלאך הגואל, אויסער יודעלע.

דער פרעמדער האָט אויסגעלאָשען זיין ציגאַר, אַ בלאָז-אויס געטון דעם צו שטאַרקען אָטעם פון דער ברוסט און זיך פאַרטראַכט, אין אַלעמענס פנים׳ער, פונקט ווי ער וואָלט וועלען ביי עמיצען אויסגעפינען אַ פעהלער, און באַמערקענדיג ווי ביי ברכה׳לען זע־נען די פינגער פאַרבונדען, האָט ער, וועלענדיג אויסזוכען דעם נאָענטסטען צו איר, באַמערקט מיט אַ שווערען זיפץ:

—אָט אַזאַ פאַסקודנע וועלט איז עס, ווילט איר דרימלען אין אייער זיסען שלאָף, מוזט איר שטעהען אויף די פיס און קלאַפּען מיט׳ן שווערען האַמער. ווילט איר שפּאַצירען, מוזט איר ליגען אין די ענגע פינסטערע קעלערס און ווילט איר... קושען די הענט פון אייערע כלות זענען זיי פול מיט וואונדען.

דער פרעמדער האָט יודעלען, וועלכען ער האָט מסתמא געהאַלטען פאַר איר נאָענטסטען, אָנגעקוקט—צו דערקאָנען, ווי עס האָבען געווירקט זיינע ווערטער אויף אים.

יודעל האָט זיך אָבער געפונען אין אַ מאָדנער נישט אַני־געגעמער לאַגע, האָט ער פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געפּויקט מיט אַ פינגער אין נאָענטען שטיין אַריין.

—און וואָס־זשע איז די עצה—האָט שלמה פעסט און מיט אַ פרעטענזיע געפרעגט.

דער פרעמדער האָט זיך אומגעקוקט אין דער פינסטערניש און זיינע אויגען האָבען זיך ווי אַרויסגעדרעהעט פון די לעכער, ווי ביי אַ מענש, וואָס געהט שפּעט ביינאַכט אַ פאַרברעכען טון. און שטיל זיך צעהיצט:

—איבערדרעהען אָט די געמיינע וועלט, מאַכען אַ סוף פון אָט דעם אַכזריותדיגען לעבען, אָט וואָס!

—למשל?—האָט אַריינגעקלאַפּט שלמה נייגיריג.

—וואָס למשל? געגענשטעלען זיך און נישט טון, וואָס די „בורזשויען״ פאַרלאַנגען.

—וואָס איז דאָס „בורזשויען?—האָט אים שלמה נישט פאַר־

שטענדליך אַנגעקוקט.

—אָ, וואַרט, יאָגט אייך נישט, מיר וועלען נאָך לאַנג דאַר-פען רעדען, דערווייל שווייגט, עס געהט דוכט זיך עמיץ.

און דער פרעמדער האָט זיך ווידער אומגעקוקט אין אַלע זייטען, עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דאָ געהט אַ מענש מיט אַ שפּיז אַנטקעגען אים און וויל אים נעמען דאָס לעבען, דאָ שיסט ערגעץ אַ ביקס אויס, און דאָ געהט איינער מיט אַ מעסער אין מויל. ער האָט זיך באַלד גענומען גרייטען אין וועג אַריין. פּאַ-ראָכטען דעם שניפּס, דאָס רויטע העמדעל און געזאָגט:

—דערווייל אַ גוטע נאַכט, ביים צווייטען מאָל וועלען מיר נאָך מעהר רעדען, רעדען אַ סך, דערווייל זאָל עס בלייבען בסוד, איך הייס פּישעל, עס הייסט אַ נאָמען האָב איך אַנ׳אַנדערען, נאָר רופען רופט מען מיך אַזוי און איר זאָלט מיך אויך אַזוי רופען, כדי דער אמת׳ער נאָמען מיינער זאָל נישט ענטדעקט ווערען, אַ גוטע נאַכט. מיר וועלען זיך נאָך זעהען צום צוויי-טען מאָל!

מיט אַ מינוט שפּעטער איז פּישעל געלאָפען שנעל מיט זיינע קורצע פיסלעך, מיט דעם גערדאַנק, אַז ער האָט שוין אין שטעדטעל אַריינגעוואָרפען דעם ערשטען פונק, ער איז געלאָפען דעם קאָפּ אַריינגערוקט אין קאָלנער. עס איז אים אפילו שלמה נאָכגעלאָפען און געבעטען אָפּשלאָפען אַ נאַכט, נור ער האָט עס אָפּגעזאָגט.

ווען פּישעל איז שוין געווען ווייט פון דער קוזשניע האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַנ׳איינזאַמען שטיין און פאַר דער לבנה געצייכענט מיט׳ן גראָבען שטעקען; דאָס דיקע פּנים פון שטאָדטישען שפּיאָן, וואָס געהט אים שוין נאָך עטליכע טעג, אַ באָרד, צוויי גרויסע אויגען, ווייסע הויזען. און אָפּציטערענדיג אין דער איינזאַמער פינסטערניש איז ער אַלע מאָל אויפגעשטאַ-נען פון אָרט, ביז עס האָט זיך געהערט אַ פּייף פון אַ באַן, ווען ער איז פאַרשוואונדען.

## VIII

## זייער באַראַטונג,
## און דער גראָבער סטראַזשניק.

**איך** צוזאַרגענס זענען זיך אַלע צוזאַמענגעקומען אין קוש־ניע, געזעסען ביים פייער, געטראַכט און גערעדט וועגען פרעמ־דען. שלמה האָט ווידער אַרויסגענומען דאָס בלעטעל מיט די רויטע הענט און געזאָגט:

—און אָט אַזוי האָט אונז דער פרעמדער געהייסען לעבען אין ברודערליכקייט און פריינדשאַפט—ווי אין אָט דעם בלעטעל שטעהט.

—ער איז אַ קלוגער מענש—האָט ברכה׳לע געזאָגט, ער האָט גערעדט שעהנע ווערטער און גוטע ווערטער, אָבער פון וואַ־נען קאָן ער זיין?

—ווייס איך, האָט שלמה געזאָגט שטאָלץ. אַך, ער איז געקומען צו אונז, איך בין גליקליך, וואָס איך האָב אים געזעהען.

—איך וואָלט דאָך וועלען וויסען נאָך וואָס ער איז געקו־מען אַהער? ווען? מיר האָבען אים דאָך גאָר נישט געזעהען גע־הן פון דער באַן—האָט געפרעגט ברכה׳לע.

—די מענשען זעהט מען קיינמאָל נישט געהן פון באַן, נור וואָס געהט עס מיך אָן, אַבי ער איז געקומען. וואָס זאָגסטו, יודעל?

יודעלע איז געווען פאַרטיפט אין עפעס און צוקלאַפענדיג מיט אַ פינגער האָט ער זיך אַריינגעמישט:

—ווי מיר דוכט זיך, איז פישעל, דער פרעמדער, דער וואָס האָט צעשיט די פאַפירלעך איבער די פאַבריקען, איך האָב אים

אָך נעכטען געזעהען דעם קאָפּ אין קאָלנער באַהאַלטען. ער איז דורך זלמן-רופא׳ס הויז און זיך אָפּגעשטעלט, אַריין צום פעלד-שערס מיידלעך און דאָרט אַ שמועס פאַרפירט...

—ריכטיג, ריכטיג — איז שלמה אַריינגעפאַלען אין שמועס, איך האָב אים נאָך נעכטען געזעהן אין סעדיל שפּאַצירען מיטן „פאָטשטער״ פון פּאָסט, מען זאָגט אויך, אַז דער פּאָסטטער איז אַ לינקער, ער איז פאַרמישט אין דעם מיידעלס זיצען אין תפיסה. ער איז אַ סאָ...

—ציאַליסט האָט איבערגעשלאָגען יודעלע מיט אַ שמייכעל.

—אָ, נישט רעדט הויך דאָס וואָרט—האָט פלוצלינג ברכה׳-לע אַרויפגעלעגט די הענט אויף ביידענס מיילער, דאָס איז אַ שרעקליך וואָרט. פאַר דעם וואָרט קאָן מען טון דאָס אייגענע, ווי פאַר אַ גנבה און גזלה. וואָרום אָט די הייבאַם האָט מען נור דערפאַר אַוועקגעפירט אין ציטאַדעל, שאַ, איך האָב אים, דוכט זיך, טאַקי דאָ שוין נעכטען געזעהן.

—אָ, איך האָב אים געוויס געזעהן. ער האָט זיך שפּאַצירט אַרום די פענסטער פון ... די נייטאָרינס.

—נו, אַרום די נייטאָרינס האָט ער אויך געמעגט שפּאַצירען, וואָרום זיי געהערען אויך צו אונז און אַרבייטען אַזוי שווער מיט די נאָדלען, ווי מיר דאָ מיט די האַמערס—האָט שלמה געזאָגט.

—אודאי, אודאי—האָט אונטערגעהאַלטען ברכה׳לע, איך האָב אים אפילו געזעהן ביי די שניידער, שוסטער און סטאָ-ליאַרעס, ערשט איצט זענען אַלע געקומען צום באַשלוס, אַז מען האָט אים געזעהן שוין נעכטען אין שטעדטיל, און האָט מען דאָס שוין געוואוסט, האָט מען אָנגעהויבען רעדען וועגען דעם, ווער ער קאָן פאָרט זיין, פון וואַנען? שטאַמט ער פון עלטערן באַ-זעסענע, אָדער וואַנדערנדע? האָט ער ברידער, שוועסטער, איז ער פון די היעגלענדישע אָדער פרעמדע? דערנאָך האָט זיך גע-הערט עפּעס שווערע טריט קוואַקטשען אין בלאָטע, אַלע האָבען אַ ציטער געטון און אויסגעדרעהט די קעפּ צו דער טיר, געגען וועלכער עס האָט אַ בלישטש געטון אַ שווערד און די מעשענע בלעך

פון גראָבען סטראָזשניקס היטעל. צוגעהענדיג נענטער, האָט ער אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ, אַ קוק זיך אום געטון און געזאָגט:

—איך זוך דאָ דעם חזיר מיינעם. איר פאַרשטעהט, היינט אין דערפריה איז פון הויז אַרויס דער חזיר, נישט ער האָט גע-געסען, און נישט ער האָט געטרינקען און נישט ער האָט אָנגע-זויגען די קינדער. און שטעלט אייך פאָר, דאָס עגמת-נפש וואָס איך האָב, אַז די חזירניקעס האָבען מיר דערפאַר געוואָלט געבען צווייהונדערט רובל מזומן געלד. האָט איר אים נישט געזעהען?.

שלמה, ברכה׳לע און יודעל האָבען זיך דורכגעקוקט איינס דאָס אַנדערע, ווי זיי וואָלטען נישט פאַרשטעהן, וואָס ער וויל און שלמה האָט אַ ביסעל דרייסט אַזאָג געטון:

—צי ווייסט איר נישט, אַז חזרים טאָרען מיר נישט עסען און נישט אַריינלאָזען אין שטוב?

—יאָ, דאָס ווייס איך, נור וואָס... דער חזיר קוקט נישט, ער האָט אַ נאַטור צו קריכען וואו מען דאַרף נישט, אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ, וועגען וועלכען איך בין אַהער געקומען. איר פאַרשטעהט, איך בין דאָ נעכטען געגאַנגען, האָב איך געזע-העז אַ פאַרשוין מיטן הוט איבער די אויגען. אַ ממזר, אַזעלכער, ווער, וואָס, פון וואַנען און פון וועלכער הינטישער פאַמיליע ער איז און צי האָט ער אַ פּאַס און וואוין-רעכט? יאָ, איך האָב אים געזעהען ביי אייך רויכערען אַ ליולקע, זאָל מיר אַזוי מיין גאָט העלפען, אַ געמיינקייט אַזעלכע...

די אַרומיגע זענען בלאַס געוואָרען און נערוועז געוואָרפען בליקען איינס צו דאָס אַנדערע, וואָרום כל זמן ער האָט נאָך גערעדט פון חזיר האָבען זיי זיך געפילט נישט שולדיג אין זיין פאַרלוירען געהען און האָבען דעם סטראָזשניק אָפּגעמאָסטען מיט קאַלטע בליקען פון אויבען ביז אַראָפּ, אָבער ווען זיי האָבען אָנגעהויבען הערן די רייד איבער דעם ווי דער, פרעמדער האָט אַ ליולקע גערויכערט, זענען זיי אַלע בלאַס געוואָרען:

—אַ פרעמדער? ניין, קיין פרעמדער איז ביי אונז נישט גע-ווען, עס הייסט דורכגעגאַנגען די קוזשניע איז ער יאָ, נור שלאָ-פען דאָ האָבען מיר אים נישט געלאָזט, האָט זיך געפּלאָנטערט

אין די רייד שלמה,

—יאָ, מיר האָבען אים אפילו פאָרגעלעגט אַ געלעגער, נור וואָס דען שלאָפען האָט ער נישט געוואָלט, האָט זיך אַרויס-געכאַפּט פון מויל אַ וואָרט ברכה׳לען, און זי האָט אַ ציה געטון דעם ברודער ביים רעקעל, דאָס ער זאָל מעהר נישט רעדען.

יודעלע האָט געמאַכט אַ קלוגע פשרה און רויג געענטפערט דעם גראָבען סטראַזשניק, וואָס איז געשטאַנען אַ צעשראָקענער:

—דורכגעגאַנגען אפשר איז ער יאָ, נור וואָס דען, ערש-טענס, האָט מען זיך אפילו אויף אים נישט אומגעקוקט, און ווידער ווען ער זאָל דאָ יאָ ווען עפּעס טון, וואָלט מען אים אויך נישט געלאָזט. דען... מיר זענען מענשען פאַרנומענע, וואָס האָבען קיין צייט נישט צו אַזעלכע זאַכען.

נישט אויסגעהערט אפילו וואָס מען רעדט צו אים, האָט דער גראָבער סטראַזשניק אַרויסגענומען אַ בוך, וואו עס זענען מיט בליישטיפט געווען פאַרשריבען פאַרשידענע פּראָטאָקאָלען פון גנבות און קאַרעס פאַר אומריינקייט, פאַרשריבען דאָס אויסזעהן פון קושניע, די רעדער, די כאָמוטעס, דעם מיעך, וואָס בלאָזט פונאַנדער דאָס פייער און די פנימ׳ער ווי יעדער זעהט אויס, דערנאָך האָט ער אויסבלאָזענדיג דעם אָטעם, ווי אַ שטאַרקער בעל חשבון, אַמאַך געטון מיט דער האַנט:

—היט אייך קינדערלעך, היט אייך די ביינער! און איז אַוועק מיט שווערע טאָפּטשעדיגע טריט אין בלאָטע.

XI

# די סכלאָדקע.

מיט עטליכע טעג שפּעטער איז „פישעל" געקומען שוין נישט פון דער שאָסיי־זייט, דען יענץ אָרט האָט זיך שוין צו פיל געוואָרפען מענשען אין די אויגען אַריין. ער איז אָנגעקומען פון דער בית-עולם-זייט, געמאַכט זיך אַנ׳אויסרייך ביים גרע-בער, דאָס ער דאַרף באַגראָבען אַ קינד און דאַרף דאָ זיך זעהען מיט חברה קדישה. אַדורך דאָס בית-עולם-געסיל און אַ פייף געטון דורך צוויי פינגער, עס הייסט: דו וועסט מיך שוין נישט אָנקו-קען מעהר—און שנעל געקומען דורך אונטערגעסלעך אין קוזשניע אַריין. דאָס מאָל אין גאָר אַנדערע בגדים, אין אַ ווייסען קאָסטיום מיט ברייטע הויזען, אַ שטרויענעם הוט, אַ רענצעל און עפּעס אַ פּעקעלע, וואָס איז באַשטאַנען פון חזיר-פלייש און אַ בריטווע זיך אַליין צו גאָלען.

דאָס מאָל איז פישעל אַריינגעקומען דרייסט, אַזוי ווי ער האָלט זיך שוין מיט די מענשען געקאָנט יאָרען. אַוועקגעוואָר-פען די פּעקלעך פון הענט און געזאָגט גאַנץ פראָסט:

—חברים! איך בין הונגעריג און שלעפעריג, כ׳חליש עסען און חליש נאָך שלאָפען, און דער עיקר וועלען מיר די נאַכט דורכפירען אַ שטיקעל אַרבייט, מיר וועלען דאָ בלייבען אַליין און מיר וועלען עפּעס אויפטון.

פישעל האָט מיד אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דאָס אָנטון, ער איז שטעהן געבליבען אין דער רויטער בליוזע און געקעמט די בליאָנדע האָר מיט די פינגער, דערביי האָט ער אַ בליק געוואָר-

פען אויף די פּאָדלאָגע מיט די צעוואָרפענע כאָמוטעס און רע-
דער, וואָס עס האָט אָנגעזאָגט אפילו, אַ קלאָגעדיגע נאַכט, נאָר
נישט מעהר ער האָט געוויזען, אַז עס אַרט אים נישט.

—עס איז נור שלעכט, וואָס עס איז קיין רעכט געלעגער
נישטאָ, האָט זיך ענטשולדיגט מיט אַ פאַרגליווערטען שמייכעל
שלמה, מען קאָן זיך דאָ די ביינער צעברעכען.

—עס מאַכט נישט אויס, האָט פישעל קלאָגעדיג געקוקט
אויף די פּאָדלאָגע, מיר מוזען שוין געוואוינט זיין דערצו, באַ-
רוּהיגט אייך און זעצט אייך אַוועק.

ברכה'לע איז אַרומגעגאַנגען אַ ביסעל אומרוּהיג פון דעם,
וואָס דער גראָבער סטראַזשניק האָט דאָ אַ וויזיט געמאַכט און
וואָלט צופרידען זיין, ווען פישעל וואָלט אַוועקגעגאַנגען פון דאַ-
נען שלאָפען. שלמה'ן אָבער האָט פאַרדראָסען איר שוואַכקייט און
ער האָט עפּעס געדראָט דער שוועסטער מיט בייזע וואונקען.

יודעל איז אַרומגעגאַנגען איבערן שטוּב און געטריי אַוועק-
געראַמט די רעדער, די אייזענס, אַז פישעל זאָל האָבען נישט
קיין צעבראָכענע נאַכט, שלמה האָט אים צוגעהאָלפען.

מיט אַ שעה שפּעטער האָט מען די קוזשניע פאַרמאַכט.
געגענאיבער דעם אויוּון איז געלעגען אַ ביסעל היי, פאַרדעקט
מיט אַ פלאַכטע און אַ קליין פעדערין קישעלע, אַרום דעם געלע-
גער האָבען זיך אַלע אַוועקגעזעצט און נור ברכה'לע האָט זיך
געפּאָרעט אַרום די באַנקע מיט זודיגען טיי און געוואַרעמט
מילך. דאָס פייער האָט זיך צעברענט און געוואַרעמט מילד די
פנימער פון די אַרומיגע. פישעל האָט זיך אויס עדעלקייט נישט
אויסגעטון, נאָר האַלב זיך צעלעגט, האַלב צוגעדעקט מים זיין
פּאַלטאָ און פריהער זיך אָפּראַזירט די באַקען ביז דער קליינער
בליאָנדער צעקאָשמעטער באָרד יפון דער געמבע, דערנאָך האָט
ער אויסגעטרונקען עטליכע גלעזער מילך און געזאָגט צו שלמה'ן:

—איך דאנק אייך, חבר.

דאָס מאָל, האָט זיך שלמה, דער שטאָלצער, מיטן לאָק
אויפ'ן שטערן, אַ ביסעל פאַרוּויטיגט, דאָס איז געווען דעריבער ווייל
פישעל האָט אים גערופען—חבר—און ער האָט געענטפערט:

צום געזונד. איך באַדויער נור, וואָס דאָס געלעגער איז האַרט.

—באַ, דאָס מאַכט נישט אויס, האָט פישעל אַמאַך געטון מיט דער האַנט ווי אַ צירקמייסטער, וואָס איז צוגעוואוינט צו דער דרעסיראָווקע פון חיות.

פישעל האָט זיך איצט אויפגעזעצט, ער איז געווען מונטער, דאָס האַרץ איז פון דער מילך אַ ביסעל זאַט און צופרידען גע־ווען, די באַקען זענען ראַזירט געווען, עס איז אים געווען גרינג און גוט און ער האָט געוואָלט אַ ביסעל זינגען. ער האָט דערום גענומען דעם האַמער און פלוצלינג אַ קלאַפּ געטון מיט אים אין דער קאָוואַדלע.

—צוליב וואָס טוט איר דאָס? האָט אים יודעל געפרעגט.

—וואַרט אויס חברים, האָט פישעל באַגייסטערט געזאָגט, איך וועל אייך עפּעס זינגען, ווילט איר הערען?

—אדרבא, האָט שלמה געזאָגט און זיך געשטעלט, ווי אַ תלמוד פאַר אַ רבין.

פישעל האָט זיך אויפגעזעצט, ער איז שטענדיג געווען אין די גוטע מינוטען אויפגעלעגט, זיינע בלויע אויגען האָבען גע־גלאַנצט מיט וואַרימע פייערלעך און זיין שטים האָט מאָדנע גע־דונערט. אין אַזעלכע מינוטען האָט ער געמאַכט אַן׳איינדרוק פון אַ גרויס, נאַריש קינד.

—וואָס זאָל איך זינגען? האָט ער זיך אַליין געפרעגט. אָט וואָס, און ער האָט געזונגען:

—גלין-גליאָן-גלין, גלין-גליאָן-גלין, קלאַפּט דער האַמער מיט זיין געזאַנג; גלין-גליאָן-גלין...

פישעל האָט געזונגען, באַגייסטערט געקלאַפּט מיטן האַמער, שלמה האָט זיך געלערנט נאָכזינגען. דאָס זינגען האָט אַזוי גע־דויערט אַ שעה צייט, ביז שלמה און ברכה׳לע האָבען זיך אַביסעל אויסגעלערנט דעם אינהאַלט און דעמאָלט האָט פישעל אַוועקגע־לעגט דעם האַמער און אַ זיפץ געטון, ווי פון אַ שווערער אַרבייט.

דאָס מאָל האָט אויך יודעל אַ זיפץ אָפּ געטון, נור פון צו שווערען פילען זיך, פון פישעלס געזאַנג, פון זיין ראַזירען זיך, פון זיין טרינקען און וועלען שלאָפען און ער האָט געזאָגט איינפאַך:

—ווי מיר דוכֿט, האָט איר דאָ געבּרענגט אונז אַ פּלאַן ווי אַזוי צו פירען אַנ'אַרבּייט, איר פאַרשטעהט? בּיי אונז אין שטעדטיל איז פאַרהאַנען אַ בּיסעל אַרבּייטער אין וואַרשטאַטען פאַרפינסטערטע מענשען, וואָס קוקען די ליכט קיינמאָל נישט אָן. עס וואָלט זיך לאָזען מיט זיי עפּעס צו רעדען פון זייער בּיטערען לעבּען. מיר האָבּען געהערט, אַז אין אַנדערע שטעדט וואַקסט די אַרבּייט, מיר ווייסען נאָך אָבּער גאָרנישט.

דאָס מאָל איז פישעל ערנסט געוואָרען און ער האָט געזאָגט:

איר פאַרשטעהט? די ערשטע זאַך איז „קאָנספּיראַציע"—האַלטען אַ סוד, הייסט-עס. און דאַן ווען איר וועט פאַרשטעהען דעם אינהאַלט פון דער „קאָנספּיראַציע" זאָלט איר זיך בּאַשאַפען אַ גרופּע פון אַ פינף, זעקס מענשען, דידאָזיגע מענשען זאָלען צעטיילען צווישען זיך די אַרבּייט אַזוי: אַז, ווען איינער וועט אָנפירען זיין אַרבּייט בּיי סטאָליאַרעס וועט דער צווייטער זיין דער אָנפירער בּיי קנעפּ-מאַכֿער, דער דריטער בּיי היטעל-מאַכֿער א. אַז. וו.

פישעל האָט איצט אויפגעגעבּען דעם פּלאַן פון דער אַרבּייט געגוירער, און האָט בּיסלעכווייז אָנגעהויבּען פּילען אַ מידקייט אין די בּיינער.

יודעלע האָט אים אָבּער דאָס מאָל נישט אָפּגעלאָזט און צוגעהערט זיך צו יעדען וואָרט, צו יעדער בּאַמערקונג. דאָס גראָד איז אים אַריין אין געדאַנק.

מיט עטליכע שעה שפּעטער האָט מען געזעהען פישלען אַוועקפאַלען מיטן קאָפּ אויף אַ קופּע פון רעדער, גיך האָט ער פאַרמאַכֿט די אויגען. און מען האָט בּאַמערקט, אַז צוליבּ דעם, וואָס די בּיינער קוועלען זיך אויפן שלעכטען געלעגער טרייבּען אים שלעכטע חלומות אין טיפע אָפּגרונדען. בּאַגינען האָט עמיץ שנעל אויפגעריסען די טיר און איז פאַרשוואונדען, דאָס איז געווען פישעל.

X

## פּישעלעס פאַרגאַנגענהייט.

דער וואַגאָן דריטער קלאַס איז שנעל געגאַנגען אין וועג און שטיל אָײַנגעוויגט זיינע פּאַסאַזשירען. האַרט ביים פענסטער איז געזעסען אַ דאַמע אין אַ לייבּמען הוט און געדרימעלט, אַנ'אָפּיציר מיט רויטע עפּאָלעטען האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן הענטעל פון זיין שווערד און גלאַט אַזוי געזעסען און געקוקט אין פענסטער אַריין, און צוויי פאַרשוין אין גרינע מונדירען, וואָס זענען עפּעס אויסגעקומען פאַרדעכטיג צוליב דעם, וואָס זיי האָבען אים, פּישלען, צופיל באַטראַכט פון אויבען ביז אַראָפּ. פּישעל האָט אַפילו געוואָלט אַלע מאָל אַ רוק אַוועק טון די טיר און אַרויסגעהן אין צווייטען וואַגאָן, נור געוואוסט האָט ער פון איין זאַך, טאָמיר קוקט מען דיר נאָך, זאָלסטו זיך מעהר פון אָרט נישט רירען, דאָס פאַרערגערט נאָך די סיטואַציע.

ער האָט דערום אָנגעהויבען אַרומגעהן הין און צוריק, אומרויג געראויכערט אַ ציגאַר. אויסגעשפּיגען אַלע מאָל און געהאַלטען די פינגער ביים גאָלדענעם קייטעל, וואָס ער האָט געטראָגען שוין פון לאַנג, צו באַווייזען די פאַרדעכטיגע, אַז ער איז פון די רייכע און געהער נישט צו די אַגיטאַטאָרען, וואָס פאָרען איבער די שטעדט.

טיילמאָל האָבען זיך די פאַרדעכטיגע, אין די גרינע מונדירען, פאַרקוקט אין אַ צווייטען פענסטער, פּישעל האָט זיך דאַן אַ ביסעל באַרויגט און אָנגעהויבען צו טראַכטען פון זיין לעבענס, געשיכטע.

געשפרונגען איז אים פאַר די אויגען דאָס קליינע גרויע הייזעלע אין ליטע, וואו עס האָט יאָרען לאַנג געלעבט זיין טאַטע דער טויבער שכר, דער אָרימער מאַליאַר, וואָס פלעגט ווינטער אָפּזיצען אין שטוב, נור פון איין פּאַר-פּסח ביזן צווייטען געגאַנגען מיטן פּענזעל איבער די הייזער, קיכען מאָלען; און פישעל, דער אָרימער, נאַקעטער יונג, איז מיט אים מיטגעגאַנגען. און ער דערמאָנט זיך, ווי שפּעטער, ווען ער האָט זיך אַרומגעזעהען די אָרימקייט אין שטוב, האָט ער איינמאָל גענומען דאָס תּפילין-ביי-טעלע, דאָס טשעמאָדאַנטשיקעל, און אַוועק אין דער גרויסער שטאָדט אַריין. און ווי ער איז דאָרט געקומען צום מאַליאַר פוס אויף דער לער, ער האָט זיך אַפּאָר יאָר אַרומגעוואַלגערט ביי אים אין שטוב, געשלאָפען אין קיך, אָדער אין פאַרבען-קעלער; גע-ניאַנטשעט דאָס קינד און געהאָלפען קאָכען אפילו, וואָס האָט אים, פישלען, וועלכען מען האָט גערופען „באָניע לער-יונג” זעהר פאַרדראָסען און ער האָט יעדען אונטערנעמער, יעדען, וואָס האָט זיך גערופען מייסטער פיינט געהאַט, ווי דעם טויט.

פישעל האָט אַנ׳אָנגענעהמע באַוועגונג געמאַכט. ער האָט זיך דערמאָנט: ווען עס איז אָנגעקומען די צייט פון דער פריי-הייטס באַוועגונג, איז ער געוואָרען דער, וועמען מען האָט אָנ-פאַרטרויט די גרעסטע פעק פּראָקלאַמאַציעס. און אין דער צייט, ווען די מאַסען האָבען אָנגעהויבען פירען די בערזען-אַרבייט איז ער אַלע נאַכט אַרויסגעקומען אין גאַס אין סעריל מיט אַ פאַר-שפּריצט רעקעל און אַגיטירט.

דאָס האָט אים אַזוי באַליבט און באַוואוסט געמאַכט, דאָס באָניע, וועלכען מען האָט צוליב דער פלינגקייט זיינער גערופען: „פישעלע” איז געוואָרען דער אָנפירער אין די גאַסען-אַרבייט, דורך אים איז אַדורך יעדער סטרייק, יעדער קאָנפליקט צווישען אַ געזעל און אַ מייסטער. שפּעטער אָבער האָט מען דערזעהן, אַז פישלען איז אַ שאָד צו לאָזען ביי גאַסען-אַגיטאַציע מען האָט אים גענומען צו בעסערע אַרבייט, צו פּאָליטישע אַרבייט און געשיקט אים איבער שטעדט און שטעדטלעך האַלטען רעדעס און באַשאַפען אָרגאַניזאַציעס.

דערום איז פּישעלס נאָמען געהויבען געוואָרען און געלוינ-
גען אויף ווי ווייט... יעדער האָט געקאָנט פּישלען, און יעדעס
שטעדטעל האָט אים פאַרלאַנגט, און ווער איז געווען צו דעם
שטעדטעל, וואָס עס האָט די זכיה נישט געהאַט אים צו האָבען
ביי זיך, מען איז אַרומגעגאַנגען מיט די קעפּ אַראָפּ.

און פּישעל, פאָרענדיג שטענדיג אין וועג און שפּענדיג
זיין וויסען בלויז פון בראָשורען און צייט-ביכלעך, איז געוואָרען
אַ „טעאָרעטיקער".

אויסער דעם איז פּישעל נישט געווען קיין מענש, וואָס
זאָל פאַרצעהלען פאַר דער גאַס אַ זאַך ווי זי איז, און שטענדיג
האָט ער עפּעס געהאַט אונטער דער האַנט אַ בינטעל גליקען,
וואָס ער האָט געזעהן אָדער געהערט אין לעבען פון דער פריי-
הייטס-באַוועגונג. אָט דאָ און דאָרט ליגט שוין אַ מיניסטער טויט,
אַ שפּיאָן איז דערשאָסען, אַ גובערנאַטאָר איז אומגעקומען פון דער
וועלט און נאָך, נאָך...

העל-זעהעוודיגע פאַרבען, וואָס האָבען געררייצט זיין פאַנ-
טאַזיע, און אויך אַצינד איז ער געזעסען און געטראַכט, די גרוי-
סע נייעסען, וואָס ער וועט ברענגען אין שטאָדט אַריין, ווי ער
וועט שילדערען די נייע ככאָדקעס. אָרגאַניזאַציעס, וואָס ער האָט
שוין באַשאַפען.

ער האָט אַזוי געטראַכט וועגען דעם, ווי פּלוצלינג איז די
באַן צוגעקומען צום שטאָדטישען וואָקזאַל, וואו עס האָט זיך
פאַר פּישלען אַ רוק געטון דער באַן-זייגער, דער מעשענער גלאָק
און די באַן-זשאַנדאַרמען פאַר וועלכע ער האָט באַזונדערס מורא
געהאַט.

איצט אַצינד האָט זיך פּישעל איבערצייגט, אַז די אין די
גרינע מונדירען זענען נישט קיין שפּיאָנען, דען אויף זייערע
היטלען איז אויסגעמאָלט אַ שיף, אַ סימן, אַז זיי זענען שווימער
אויפן וואַסער. און זיין גאַנצע מורא האָט זיך איבערגעטראָגען
אויף זשאַנדאַרמען פון דער באַן, און נישט וואַרטענדיג ביז די
באַן וועט זיך שטעלען, איז ער אַראָפּ אין דער מיט וועג און
פאַרשוואונדען אין גרויסען שטאָדטישען טומעל.

XI

## זיין באַריכט פאַר חברים.

ווען עמיץ וואָלט זיך אַרויפגעקריגען אויף די מאַרמאָרנע שטי־גען און אָנקלינגען ביי דער טיר פון אַדוואָקאַט ב. וואַלטער, וואָלט ער אומבאַדינגט דערזעהן פאַר זיך אַ גרינעם קאַבינעט, וואו עס זע־נען געזעסען צוויי פּאַרשוין: אַ מאַן און אַ פרוי. ביידע איבער ביכער און ביידע האָבען פון לאַנגווייליגקייט געביסען די שפּי־צען פינגער. דאָס זענען געווען חבר מאַקס און חברה „רוזשאַ זאַקאָפּאַנסקאַ״. חבר מאַקס, איז געווען אַ מענש פון אַ יאָר עט־ליכע דרייסיג מיט אַ שיטערען קאָפּ האָר אויסגעקעמט אין אַ שרינט און צוויי שפּיציגע וואָנצען פאַרדרעהט אין דער הויך, ווי ביי אַ ריטער. פון זיין געבוירען אָן האָט זיך חבר מאַקס אָפּגע־געבען מיט לעהרע אין דער שול. זיין ספּעציאַליטעט איז געווען אַלגעברא און טעכנישע ערפינדונגען. שפּעטער אָבער, ווען ער האָט זיך אָנגעהויבען אָפּצוגעבען מיט סאָציאַלאָגישע וויסענשאַפ־טען, האָט ער די אַלגעברא און טעכניק געוואָרפען און אָנגעהוי־בען זיך אָפּצוגעבען מיט סאָציאַליסטישע אַרבייט און פּראָפּאַגאַנדע.

חבר מאַקס איז אָבער קיינמאָל נישט געפאָרען אויף קיין פּראָווינציעלע אַרבייט און נישט באַשעפטיגט זיך מיט קיין אַגיטאַציע. זיין פּערזאָן האָבען די מאַסען נישט געקאָנט נור זיין נאָמען האָט געקלונגען אין די אַגיטאַציאָנס־ספערען, ווי אַ גע־שעהעניש. ער האָט קאָנטראָלירט די אַלע אַרבייטען און אַרויס־געגעבען אינסטרוקציעס, ווי אַזוי די אַרבייט זאָל געפירט ווערען. חבר מאַקס איז דערום געווען דער שליסעל פון דער פּאַרטיי,

אין וועלכען עס זענען באַהאַלטען געווען אַלע סודות. איבריגענס האָט דער חבר מאַקס געהאַט אַ פאַרגאַנגענהייט, וואָס עס האָט אים צוטרוי געשענקט. אַ יאָר צייט איז ער געזעסען אין טורמע איבער דעם, וואָס ער, דער ערשטער, האָט דעם פראָפעסאָר פון רעליגיעזע ענינים געוואָרפען אַ טינטער אין קאָפּ אַריין—צוויי יאָר; פאַר אַגיטירען צווישען סטודענטען פאַר אַ סטרייק און אַ יאָר פעסטונג פאַר באַליידיגען די פערזאָן פון אַ מיניסטער.

אָט דאָס אַלץ צוזאַמען האָט אים געשענקט דעם גרעסטען צוטרוי צווישען די יעניגע, וואָס האָבען אָנגעפירט מיט די אַגיטאַציאָנס אַרבייטען, פאַר וועלכע מען פלעגט אָפּגעבען דין וחשבון.

די צווייטע: „רוזשאַ זאַקאָפּאַנסקאַ", איז געווען אַ מעדעל מיט אַ זעהר קלינגענדער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט די מעדלישע יאָרען פאַברענגט ערגיץ אין זאַקאָפּאַנע אין אַ מוזיקאַלישער סביבה, זי האָט שעהן געזונגען און פאַרמאָגט לאַנגע בליאָנדע האָר, מיט וועלכע זי אַליין האָט זיך געצערטעלט, ווי אַ מוטער אַ בת יחידה. דערהערט אָבער, אַז עס איז פאַרהאַן אויף דער וועלט אַ סאָציאַליסטישער אידעאַל, האָט זי געוואָרפען דאָס זינגען און זיך אַוועקגעגעבען דער אַרבייט. איינמאָל האָט מען געפונען ביי איר אַ בראָשור, האָט מען זי אַרעסטירט אויף זעקס חדשים.

די זעקס חדשים האָבען איר געגעבען פון איין זייט מוט, ווייבליכע ענערגיע, פון דער צווייטער זייט האָט זי געירשנט אַ שרעקליכע היסטעריק. אירע אויגען זענען שטענדיג געווען אָנגעשטעלט אין אַ מעלאַנכאָליע און די ליפּען פלעגען אָפּט אויסברעכען אין אַ ספּאַזמאַטישען לאַכען אָדער וויינען. נישט קוקענדיג דערויף אָבער האָט מען זיך געטראָגען מיט'ן שענסטען צוטרוי צו איר, און מען האָט זי גערופען חברה „רוזשאַ".

אַזויערנאָך זענען אָט דיביידע געוואָרען דאָס הויפּט-ראָד, אַרום וועלכען עס האָבען זיך געדרעהט די אַלע געשעהענישען. די אַלע פאַרזאַמלונגען, סטרייקען, דעמאָנסטראַציעס זענען געווען אַקצעפּטירט פון די ביידע און צו זיי ביידע איז אַלץ געוואָרען צוגעטראָגען, ראַפּאָרטירט דורך צוויי מענשען, איינעם אַ געוויסען קריסט מיטן נאָמען „קאַטשעראַיק"; אַ נידריגער מענש מיט צוויי

קליינע אויגעלעך, ווי אַ כינעזער אַ פאַרביסענער רעוואָליוציאָנער, אַ פרעכטיגער קאָנספּיראַטאָר, און—פישעל דער פלינקער, באַוועג-ליכער, וואָס קיין זשאַנדאַרם און שפּיאָן קאָן אים נישט אַרעס-טירען.

אצינד זענען מאַקס און רוזשאַ געזעסען און געטראַכט פון אים, ווי פון אַ מלאך און עס איז זיי נור נישט פאַרשטענדליך געווען פאַרוואָס זוימט ער זיך אַזוי לאַנג.

—פישעל, אָ פישעל, שוין דריי טעג, זייט מיר האָבען אים נישט געזעהן, האָט חבר מאַקס נישט פאַרשטענדליך אַ שאַר געטון מיט די פינגער איבער די וואָנצען און פאַרוואונדערט אַ דרעה געטון מיטן קאָפּ.

—וואונדערליך, האָט רוזשאַ נערוועז אַ דרעה געטון מיט די אויגען אין שפּיגעל און באַטראַכטענדיג, ווי בלאַס און נער-ווען זי זעהט אויס, האָט זי געזאָגט:

—מיר קאָן עס זיך נישט גלויבען, דאָס מען זאָל אים חס וחלילה האָבען אַרעסטירט, ער איז צופיל העלד און קאָן זיך אַרויסדרעהען פון געפאַר, ווי אַ פויגעל.

—איך מיין אויך אַזוי, האָט אונטערשטיצט אירע ווערטער מאַקס.

ביידע האָבען זיך אַביסעל פאַרטראַכט, געביסען די נעגעל, געקלאַפּט מיט די פינגער, ווי פון דרויסען האָט זיך געהערט אַ קלונג. צוערשט האָט מען געמיינט, אַז דאָס איז פּאָליציי, נור באַלד האָט מען דערקענט, אַז דאָס קלינגט פישעל און מען איז געגאַנגען עפענען די טיר. פישעל איז אַריין אַ צערודערטער און קוים אויסבלאָזענדיג דעם אָטעם האָט ער געזאָגט:

—פיר פאַרשוין, גאַנצע פיר „פיאָלקעס״* האָבען מיך היינט געיאָגט, אַ מלחמה אַ גאַנצע געווען, נאָכגעשאָסען און איך בין אַנטלאָפען.

—אַנטלאָפען, האָט רוזשאַ זיך אָנגעכאַפּט מיט די פינגער ביי די באַקען, איר פנים האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ פינסטע-רען וואָלקען.

*) זשאַנדאַרמען.

—נאָכגעשאָסען—האָט פישעל מיט אַ העלדישען טאָן ווי-דער געזאָגט.

—נו, וואָס הערט זיך דאָרט, אין דער אַרבייט?—האָט מאַקס געפרעגט קאַלטבלוטיג, ווי ער וואָלט שוין גישט נתפעל ווערען פון פישעלס אַנטלויפען פון געפאַר.

—אַלץ אין בעסטען,—האָט פישעל געענטפערט.—איך האָב שוין דאָרט אַן אָרגאַניזאַציע, אַ קוזשניע אַ גאַנצע, וואוילע יונגען. זיי ווילען דאָס שטעדטעל איבערקערען מיט איין מינוט, צען מיטגלידער רעכענט די אָרגאַניזאַציע און טויזענט די מאַסע, באַרעכענט!

—טויזענט די מאַסע?

—ווי איר הערט. הייגט, מאָרגען, וועט דאָרט אויסברעכען צוויי שוסטער סטרייקען, אַ שטריקמאַכער סטרייק און אַ מויער סטרייק.

—אויסגעצייכענט,—האָט מאַקס געזאָגט,—און דאָס אין אַזאַ קורצער צייט.

—אין אַזאַ קורצער צייט?—האָט זיך פאַרוואונדערט רוזשאַ. זי האָט אַרויסגעריסען אַ בלום פון וואַזאָן, און פאַרשטעקט אין זיין לאַץ.

פישעל איז געווען גליקליך. זיינע בלויע אויגען האָבען געגלאַנצט, ווי ביי אַ זעלנער, וואָס האָט באַקומען צוויי גאָל-דענע בענדלעך אויף די אַקסלען, און זיינע הענט האָבען געשילדערט די גרויסע העלדענטאַטען, וואָס ער טוט אָפּ אין דער באַוועגונג.

דערנאָך האָט ער געגעבען אַ גליקליכען זיפץ אָפּ און געזאָגט:

—אַצינד מוז מען זיך איבערוואַרפען אין אַן'אַנדער גע-גענד און דאָרט אויפפלאַקערן דאָס פייער.

ער האָט שוין דאָ לאַנג נישט געוואָלט זיך פאַראַימען און איז אַוועק.

XII.

## אייגענע ארבייט.

ווען פישעל איז אַוועק פון דער קוזשניע, איז יודעל שטעהן געבליבען אַ מינוס פאַרטראַכט. ער האָט אָנגעצונדען אַ שוועבעלע, פאַרויכערט אַ פאַפּיראָס, און אויסבלאָזענדיג דעם רויך, האָט מען דערקענט אין זיינע קליינע, קלוגע אויגען, דאָס ער באַטראַכט איצט פישעלס ווערטער און אין דר׳אמת׳ן איז ער אים נישט שטאַרק געפעלען. עס איז אים אין קאָפּ אַריין נישט געקראָכען, נישט פישעלס ראַזירען זיך, נישט זיין טרינקען טיי, נישט זיין קלינגען מיט׳ן האַמער. דאָס איינציגע, וואָס ער האָט איצט געדענקט פון פישלען איז געווען דער פלאַן, וואָס פישעל האָט געבּרענגט, ווי אַזוי צו פירען אַנ׳אַרבייט.

דער צווייטער, ווידער, שלמה, איז געווען איבּעראַשט פון יעדער זאַך, וואָס פישעל זאָל נישט האָבּען געטון. צי האָט ער זיך ראַזירט, צי האָט ער געטרונקען טיי, צי ער האָט געקלונגען מיט׳ן האַמער, צי ער האָט געטראַכט, צי האָט צע־בּראָכען אונטער זיין פעסטען קערפּער דאָס ביסעל רעדער, אויף וועלכען ער האָט בּלויז אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ. און ווען פי־שעל איז אַוועק, איז שלמה פאַרזונקען אין עפּעס אַנ׳אי־בּערגעטריבּענעם שטאָלץ, ער האָט זיך געפילט העלדיש, שטאַרק

און אומבאַזיגט. זיין לאָק האָט זיך מער צעלעגט איבער'ן פנים. דער רויטער צייכען פון שטערען האָט מער געפלאַמט און ער האָט אויסגעזעהן, ווי אַ שטאָלצער חתן נאָכ'ן ערשטען זעהען זיך מיט דער כלה, וואָס דרעהט איבער די פּלענער פון זיין לעבען אויף מער גליקליכע וועגען. יודעל, פּאַרקערט, איז געווען אַ באַרעכענטער און גלייכער אין זיין נאַטור, ער האָט געוואָלט אָנהויבען אַרבייטען לאַנגזאַם און שטיל.

—מען דאַרף זיך אַ נעם טון צו דער אַרבייט, — האָט יודעל געזאָגט,—אָבער גאַנץ שטיל, קיינער זאָל נישט וויסען דערפון. ווען מען, אַ שטייגער, קאָן מען נעמען צו דער מיט-הילף?

—אפשר דאָס ביסעל קצבים-יונגלעך?—האָט זיך שלמה געפרעגט,—זיי זענען פעסטע בחורים, מיט זיי וועט זיך לאָזען עפעס מאַכען.

—אָבער מיר דאַרפען דערווייל נאָנטע צו אונז, זיי זאָלען פאַרשטעהן, וואָס מען רעדט צו זיי.

—ווער קאָנען זיי זיין?

—וואַרט,—האָט יודעל געזאָגט, און פאַר זיינע אויגען האָבען אַ שוועב געטון דריי שטאָדטישע בחורים, דאָס איז געווען: משה גבאי, אַ דאַרער, ענערגישער בחור, מיט אַ פּיפקע אויפ'ן שטערען. גבאי האָט מען אים גערופען דערפאַר, וואָס זיין פאָטער איז אַמאָל אַ גבאי געווען. דער דאָזיגער בחור האָט אַמאָל געלערנט אין אַ שטיבעל, לעצטענס, האָט ער זיך גענומען לייענען מעשה-ביכלעך, מערסטענס די ביכלעך פון „אַרבייט און קאַפּיטאַל”, אין וועלכע ער האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט. דער צווייטער האָט געהייסען „חסיד”, דערפאַר, וואָס זיין פאָטער איז אַ חסיד געווען. דער נאָמען חסיד האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט אין שטעדטעל צוליב רעם פאָטער. דאָס איז געווען אַ בחור, אויך אַוועקגעריסען פון לערנען, וואָס האָט זיך געוואָלט לערנען אַ מלאָכה און דערפאַר, וואָס ער

האָט עטליכע יאָר אַרומגעבלאָנדזשעט צווישען מלאכה און לער-נען, האָט ער דערוויייל געכאַפּט אַ בליק אין די בראָשורען. דער דריטער, האָט געהייסען „בדחן", מחמת דער זיידע זיינער איז געוועזען אַ בדחן. דאָס איז געוועזען אַ בחור אַ שלעפּעריגער, אַנ׳אַפּאַטישער, אָנגעטון שטענדיג אין אַ פּאָר גרויסע צעריסענע קאַלאָשען, מיט וואַטע אין די אויערן. דאָך איין מעלה האָט ער געהאַט, ער איז געוועזען אַ קאָנספּיראַטאָר, עס הייסט אַזעלכער, וואָס האַלט אַ סוד אין האַרץ. די דריי בחורים האָט ער גע-האַט אויפ׳ן געדאַנק זיי צו צוציען צו דער אַרבייט.

צומאָרגענס פּאַרנאַכט איז יודעל געגאַנגען מיט די דריי אין שטאָדט-סעדיל און גערעדט וועגען דער שלעכטקייט פון לעבען, וועגען די אָרימע מענשען, וואָס וואוינען אין די קע-לערס, אַרבייטער—אין די גריבער און לעבען, ווי די ווערים. יודעלע האָט גערעדט איינפאַך שטיל, דאָך האָבען זיינע ווער-טער גערירט דאָס האַרץ. און ווען די בחורים האָבען זיך איינ-געהערט, האָט יעדער פון זיי געפרעגט:

—וואָס טוט מען זשע, יודעל?

—מיר דאַרפען זיך זעהען אין קוזניע אַלע נאַכט,—האָט יודעל געזאָגט,—איך וויל צוזאַמען מיט אייך פירען אַנ׳אַרבייט צווישען די אָרימע און אומגליקליכע.

—און וואָס וועט זיין אונזער אַרבייט?—האָבען זיי גע-פרעגט.

—מיר מוזען זיך צוערשט געבען רעכענונג צו זענען מיר שוין פעיג צו רעדען מיט זיי,—האָט יודעל געענטפערט,—דערצו מוז יעדער נעמען די אַרבייט צו וועלכער ער איז פעיג. איינער זאָל לערנען מיט זיינע באַקאַנטע—ביכלעך; דער צווייטער, זאָל פירען שמועסען; דער דריטער, זאָל גלאַט עפּעס פאַרצעהלען, צו וואָס עמיץ פון אייך איז פעיג.

דער „גבאי" האָט גענומען אויף זיך די אַרבייט פון פי-רען שמועסען מיט אַרבייטער ביינאַכט נאָך דער אַרבייט. דער „חסיד" האָט צוגעזאָגט רעדען מיט זיי איבער דעם שרעקליכען

טאָג לעבען, דער „בדחן“ האָט צוגעזאָגט זיי איבצווינגען לי־
דער פון אומגליק און טויט.

יודעל האָט אויסגעהערט זייערע פאַרלאַנגען און די מענ־
שען זענען אים געפעלען.

---

XIII.

## די בערזע.

אין עטליכע וואָלען אַרום האָט מען אין שטאָדטישען סעדיל געזעהן עטליכע קופקעלעך מענשען, געבונדענע איינס צו דאָס אַנדערע און פאַרנומענע אין אַ שטילען געשפרעך. שלמה איז געגאַנגען מיט עטליכע שטאָדטישע אַרבייטער און-טער דער האַנט און ליידענשאַפטליך זיי עפּעס אַריינגערעדט אין די אויערן.

יודעל און ברכה'לע האָבען אַרום זיך געפירט אַ גרופּע בערג-אַרבייטער.

דער גבאי, דער חסיד און דער בדחן זענען דערווייל מיטגעגאַנגען מיט יודלען און אויסגעהערט, וואָס ער רעדט, כדי זיי זאָלען זיך אויסלערנען דאָס, וואָס זיי האָבען צו רע-דען מיט אַנדערע.

די ערשטע עטליכע טעג האָט מען נאָך געמיינט, אַז דאָס איז עפּעס אַ שפּאַציר און דאָס שטעדטעל, וואָס עס איז געוואוינט צו זעהן שפּאַצירענדע, האָט זיך אויף זיי נישט אומ-געקוקט. שפּעטער אָבער האָט מען באַמערקט, אַז די שפּאַצי-רענדע זענען עפּיס פון איין מין פאַרשוואַרצטע מענשען, אַזעל-כע, וואָס ליגען שטענדיג אין די וואַרשטאַטען. האַ, ווי קומען זיי אַהער? און מען האָט זיך אָנגעהויבען אַריינטראַכטען אין דער זאַך אַריין. האָט מען דערזעהן, אַז דאָס איז איינע פון

יענע סעדיל-רעדלעך, וואָס וואַקסען אויס אין אַלע שטעדטלעך און די מענשען האָבען אָנגעהויבען מורא האָבען פאַר דעם. מען איז אַליין נישט געגאַנגען און מען האָט קיין קינד נישט געלאָזט געהן אַהין.

אַ חוץ דעם האָט עס צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון גראָבען סטראַזשניק, וואָס האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז אין דער לעצטער צייט פאָרגעקומען. עפּעס שטענדיג האָבען דאָ שפּאַצירט, זומער-פּאַרנאַכט, די אָנשטענדיגסטע קינדער פון שטאָדט, מיידלעך אין בלויע קליידלעך, יונגעלייט מיט שענע פּאַלטאָס, און פּלוצלינג איז דאָס אָרט פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין עפּעס אַנ׳אָרימען הויז פאַר אָפּגעריסענע אַרבייטער.

אין אמת׳ען געזאָגט, האָט דער גראָבער סטראַזשניק געוואוסט נאָר פון איין זאַך, וואָס דער שטאָדטישער פּאָליציימייסטער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז קייזערליכע פאַרברעכער זענען נאָר איינציגע מענשען, מענשען אָהן אַ באַשטימטער פּראָפעסיע, מענשען מיט אַראָפּגערוקטע הוטען איבער די אויגען, וואָס האָבען קיין פּאַספּאָרט קיינמאָל נישט, ס׳רוב פרעמדע, אומבאַקאַנטע פּנים׳ער. אָט דאָ זעהט ער אייגענע מענשען און ער פלעגט אַדורכגעהן, אָפּשטעלען זיך אַ מינוט אין אַ מאַך טון מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: „וואָס אַרט עס מיך דען?" שפּעטער אָבער האָט אים די זאַך אָנגעהויבען ווערען נישט פאַרשטענדליך און ס׳רוב מאַטערן אין שלאָף.

עפּעס איינמאָל פּאַרנאַכט איז ער אַזוי געשטאַנען אין דער בודקע ביים סעדיל, האָט ער געהערט דאָס וואָרט סאָציאַליזם, טורמע, טויט-שטראָף און פּאָליציי. דער גראָבער סטראַזשניק האָט זיך אַ פּאָר מאָל איבערגעצלמ׳ט און שווער אָפּגעעטעמט. דערנאָך איז ער אַריין אין סעדיל און צעטריבען דאָס פּובליקום. דאָס פּובליקום האָט זיך אָבער קנאַפּ וואָס דערשראָקען דערפון און שטעהן געבליבען.

ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די גרופּע שפּאַצירענדע זענען נישט קיין לופט-כאַפּער. איז ער פּאַרנאַכט

אַדורכגעגאַנגען, האָט ער זיך אַריינגעריסען אין ספּדיל און געזאָגט מיט גוטענס: „קינדער, געהמס שלאָפען.“ האָבען די קינדער זיינע גוטע ווערטער נישט געהערט. האָט ער אַרויס־געכאַפּט די שווערד, און געפּאָכעט מיט איר, ווי יענע שווערד, וואָס האָט נישט געלאָזט אָדמ׳ען צוריק אַריין אין זיין גן־עדן. די קינדער אָבער האָבען נישט געקוקט אויף זיינע ווערטער און זיך רוהיג שפּאַצירט ווייטער.

---

## XIV.

### די בערזע פון די פיינע קינדער.

אזויערנאָך האָט דאָס שטאָדטישע סעדיל, וואו עס האָבען אַמאָל שפּאַצירט די מיידלעך און בחורים נאָכ'ן עסען, פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ ואַמעל-פּונקט פון אַרבייטער. משה גבאי איז נאָך אַ קורצער צייט, איינהערענדיג זיך אין יודעלס רייד אויף דער בערזע, געוואָרען אַ זעלבסשטענדיגער מענש, וואָס האָט אַליין אָנגעפירט מיט אַ „קרייזעל". דער חסיד האָט, נאָך אַ שטיקעל קאַמף אין שטוב, אַראָפּגעוואָרפען די קאַפּאָטע, אויסגעטון זיך פון די לעצטע שפּורען פון חסידות און געוואָרען אַ פרייער אַגיטאַטאָר. דער בדחן האָט גלאַט אַזוי אויסגעזונגען פאַרשידענע לידער.

צווישען זיי און יודלען איז געשטאַנען שלמה. שלמה איז מיט קיין גאָר רויע מענשען נישט געגאַנגען, דען ער איז אין זיין ענטוויקלונג געשטאַנען צווישען יודלען און די דריי: גבאי, חסיד און בדחן. שלמה איז געגאַנגען מיט מער באַוואוסטע מענשען. דאָרט האָט מען נישט גערעדט בלויז וועגען ביטער-קייט, אָרעמקייט סתם, נור מען האָט שוין גערעדט וועגען סטרייק, וועגען אַרבייטס-טאָג און אָפטמאָל באַרירט פּאָליטישע פראַגען, אין וועלכע שלמה אַליין איז נאָך אַפילו נישט שטאַרק באַהאָוועגט געוועזען, און אָפטמאָל איבערגעפרעגט יודלען.

יודעל האָט נישט געהאַט קיין גרויסע קוואַלען פון

"אַנען ער זאָל שעפּען זיינע ידיעות, אַ חוץ, וואָס פון צייט-צו-צייט איז אים אַריינגעפאַלען אַ בראָשור, אָדער אַ געהיימע ידיעה פון דער גרויסער שטאָדט און לויט איר האָט ער אַרויסגעגעבען זיין אַנשויאונג אויף געוויסע זאַכען.

אַזוי אַרום האָט אָנגעהויבען צו קלינגען דאָס וואָרט בערזע, ווי עפּעס אַ געהיימער שאָטען. מען האָט אָנגעהויבען רעדען וועגען איר געהיימער קראַפט און פון אירע באַוואָפענטע מענשען. איבערהויפּט האָט איבערגעשראָקען דאָס, וואָס מען האָט געזאָגט, אַז ביי שלמה׳ן, אָט דעם קוזשניע-יונג, איז פאַראַנען אַ שטילער רעוואָלווער, עס הייסט אַזאַ מין כלי, וואָס דערשיסט אַ מענש גאָר אָהן אַ קלאַפּ. דאָס האָט באַאונרוהיגט די יעניגע בעל-מלאכות, וואָס האָבען געהאַלטען מענשען, און די געוועלב-שטעהער, וואָס זייערע געוועלבער זענען אויסגעקומען מיט די טירען געגען דער בערזע.

דאָס איז אָבער געווען דער פּראָסטער עולם פון שטעדטעל ש.

געווען אָבער אַ קלאַס מענשען, וואָס האָבען טאַקי אַ ביסעל מורא געהאַט פאַר דער בערזע, נור איינצייטיג האָבען זיי איר צוגעטראָגען אַ שטיקעל חניפה. דאָס זענען געווען שטיקלעך מיוחסים, מענשען פון אַ שענער פאַמיליע. נור ערגעץ וואו האָבען זיי געהאַט אין דער פאַמיליע אַ סטודענט, אַ שטיקעל קעמפער אין אוניווערזיטעט, וועלכען מען האָט אַ פּאָר מאָל אַרויסגעוואָרפען און איז געוואָרען אַ שטיקעל באַרימטהייט. מיט דער דאָזיגער באַרימטהייט האָבען די מענשען פון דער העכערער געזעלשאַפט קאָקעטירט. איבערהויפּט מיידלעך, וואָס האָבען געוואָלט ווייזען דער שטאָדט, דאָס זיי זענען נישט קיין אָפּגעשטאַנענע און געהערען צום פּראָגרעס. אָט אַזעלכע ענליכע געפילען, האָט מען געקאָנט דערקענען ביי דער געשעצטער פאַמיליע באָגער.

די פאַמיליע באָגער איז באַשטאַנען פון אַ פאָטער, אַ שטאָדטישען דאָזאָר, אַ ווייכער, בלאָנד-האָריגער מענש, אַ בעל-טובה און נדבן, אויף אַלע פראָנטען; אַ זוהן, וואָס האָט יאָרען

שטודירט אויף דאָקטאָר און דעם דאָקטער נישט אויסשטודירט; אַ שוועסטער, וואָס האָט זיך געלערנט מוזיק, גלאַט אַזוי, ווייל מען האָט געזאָגט, דאָס זי האָט „אַנ׳אויער״; און אַ טאָכטער אַ בת יחידה, וואָס האָט געהאַט אַ פּאַטענט אויף זעקס קלאַסען גימנאַזיע.

אָט דער דאָזיגער פּאַטענט איז ביי דער פאַמיליע געווען אַ מין צירונג פּאַר אַ שדוך. ווען מען האָט אויסגערעכענט איר געלד, אירע מתּנות, אירע שענע אויגען, האָט מען אויך צוגערעכענט דעם פּאַטענט פון די זעקס קלאַסען.

די דאָזיגע בת יחידה, וועלכע מען האָט גערופען „שע־נע רויזעל״, האָט באַלאַנגט צו די עדעלסטע פיגורען פון שטעדטעל ש. דאָס איז געווען אַ מיידעל קרוב צוואַנציג יאָר, מיט בלויע לויפּעדיגע אויגען, וואָס האָט אין איר לעבען ליב גע־האַט שעהנע חתונות, בעלער פון דראַגונער־אָפיצירען און פאַר־ווײלונגען פון גימנאַזיסטען, וואו זי האָט שטאַרק פּרעזענטירט און מען האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ זכיה צו זיין אין איר געזעל־שאַפט.

אַ לאַנגע צייט, נאָך איידער זי האָט געוואוסט וואָסאַרע שעהנע עלעמענטען עס שטעהען־צו צו דער אַרבייטער־באַוועגונג, האָט זי זיך געהאַלטען ווייט פון דער גאַס. זעלטענס האָט מען זי געזעהן שפּאַצירען אין דער זייט פון דער בערזע. נור ווען זי האָט דערהערט, וואָס פאַר אַ מין ווירקונג די בערזע באַקומט און דערצו, אַז עס הויבען זיך אָן צו דרעהען סטו־דענטען אַרום איר, האָט זי אַוועקגענומען די האַנט פון האַרץ.

עפּעס איינמאָל איז זי געווען אויף אַ פאַרוויילונג פון גימנאַזיסטען. זי האָט זיך דאָרט באַגעגענט מיט אַ גראָבען סטו־דענט, אַ קריסט, אַ בחור פון אַ יאָר דרייסיג. ער האָט גע־טראָגען אַ בלויען ראַנד אַרום דעם היטעל, כאָטש מען האָט אים שוין לאַנג אַרויסגעוואָרפען פון אוניווערזיטעט. דער סטודענט האָט זי געפרעגט:

—זייט אַזוי גוט, נעמט איר אין דער פּרייהייטס־באַ־וועגונג קיין אנטייל נישט? ווי שעמט איר זיך נישט אין דער

היינטיגער צייט צו שטעהן פון דערהייטענס, פריילין? עס איז פשוט אַ שאַנד, אַז אַ יונגער מענש און מיט בילדונג...

רויזעל האָט צופרידען פון וואָרט „מיט בילדונג" אַ שמייכעל געטון און געפרעגט:

—קענט איהר מיר נישט זאָגען דאָס פּראָגראַם?

—גוט, איך וועל אייך זאָגען,—האָט דער סטודענט געזאָגט,—נור מיט'ן באַדינג, דאָס מען זאָל אייך קורצליך זעהען אויף דער בערזע. די בערזע איז היינט נישט קיין חרפה.

און רויזעל האָט ווידער אַ שמייכעל געטון, ווי פון אַ חנוודיגען קאָמפּלימענט. דערנאָך האָט זי אים געגעבען די האַנט און געזאָגט:

—איך דאַנק אייך זעהר, וואָס איהר רופט מיך צו דינען די אָרימע שיכטען. ווי איהר זעהט שטעה איך צו צו דער פריי-הייטס- באַוועגונג. איך שטעה פאָלקאָם צו!

## XV

### איר אַרויסטריט—„וועלוויל בורעם״

צו מאָרגענס האָט מען אין שטאָדטישען סעדיל געזעה׳ אַרויסקומען אַ צאַרט, בלאָנד מיידעל, וואָס האָט זיך אַ פרעג געטון אויפ׳ן סטודענט, וועלכער האָט אין דער לעצטער צייט אָנגעהויבען אַרויסקומען אויף דער בעריזע. און ווען זי האָט אים דערזעהן פון וויטענס, האָט זי אַ שמייכעל געטון און אים דערלאַנגט די האַנט.

—גוט, חבר׳טע, וואָס מיר זעהן אייך דאָ אַרויסקומען, האָט זיך דער גראָבער סטודענט דערפרעהט.

—זעהר שעהן, וואָס מיר האָבען דאָ אַן׳אינטעליגענטע חבר׳טע,—האָט אונטערגעהאַלטען אַ צווייטער סטודענט.

—אויך איך בין צופרידען צו באַגעגענען אַזעלכע הויכגעשטעלטע מענשען.

—אויך איך,—האָבען צוגעגעבען אַנדערע.

רויזעל און איר חבר האָבען אַ פּאָר מאָל דורכגעשפּאַצירט דאָס סעדיל און גערעדט צווישען זיך איבער די בלויע שיין פון דער לבנה, איבער׳ן שטערען מאַרס, איבערן שיפעל מיט׳ן בלויען פענדיל, און נאָך און נאָך...

דערזעהן, אַז רויזעל געהט אויף די בערזע איז געוואָרען אַנ'ענגשאַפּט אין סעדיל, יונגע ווייבלעך, מיידלעך, בחורים, האָבּען זיך צוגעקוקט דערצו, ווי צו אַ גרויס געשעהעניש. די בערזע איז געוואָרען לעבּהאַפּטער, די שמועסען שטאַרקער:

—אַז רויזעל דעם דאָזאָרס געהט, מעגען מיר אויך געהן,— האָט עמיץ געזאָגט פון אַ זייט.

—ניש'קשה, אונזער רויזעל איז אויך שוין דאָ אויף דער בערזע,—האָבּען אַנדערע שטאָלצירט.

—רויזעל וועט אונז אמת'דיג אַגיטירען.

און אויסער די אינוויינינגסטע, זענען אויך אין דרויסען געשטאַנען ווייבּער מיט די פינגער אויף די בּאַקען און מקנא געווען די בּערזע.

אַחוץ דעם האָט עס שרעקליך געווירקט אויפ'ן אייל-סוחר, וואָס זיין געוועלבּ איז אויסגעקומען פּונקט קעגענאיבּער דער בּערזע, וועלוויל בּורעס.

וועלוויל בּורעס איז געווען אַ יוד אַ בּרייטער, אָנגעטון שטענדיג סיי ווינטער, פּיי זומער אין אַ וואַטענעם פּאַלטאָ מיט פּאָדקאָוועס אויף די שטיוועל, זיין בּאָרד, ווי די פאַרבּ פון זיין פּנים, האָט אויסגעזעהן, ווי דער געדיכטער אייל זיינער. זיין פּלייצע איז געווען אַ פּעסטע, זיין קאַרק—בּאַוואַקסען מיט האָר און אין זיין גאַנצער פיגור איז געלעגען עפּעס שווערעס. ער איז געווען געזונט און געדינט אַמאָל אויף סלוזשבּע.

אַצינד האָט ער געהאַט אַ קראָם פון אייל און שוואַקס, קעגענאיבּער דעם סעדיל. צו אים פלעגען קומען בּעל-עגלות, זעלנער שמידען די שטיוועל. מיט זיי איז ער היימיש געווען אוּן נישט מורא געהאַט צו געהן אַפּילו אויף אַ וואַלקע. ער האָט אַלעמען געלעגט, און דערפאַר האָט מען אים גערופען „בּורעס”. עס הייסט אַזוי געזונט און שטאַרק, ווי אַ בּורעס—גרויער בּער.

דאָך האָט ער שטאַרק מורא געהאַט פאַר איין זאַך, פאַר דער בּערזע. הימעל און ערד עפּען זיך, אים האָט זיך אויס-

געדוכט, אַז גאָט האָט אַראָפּגעשיקט אויף אים אַנ׳אייבּיגע פּלאָג.

עפּעס איינמאָל האָט עמיץ אויף דער בּערזע אויסגע- שאָסען פון אַ בּיקס, און פון דעמאָלט אָן האָט זיך אים אויסגעדוכט נאַכט-נעכטליך, אַז בּיקסען צילען אין זיין גע- וועלב אַריין. און ער האָט נישט גערוט, געזוכט מיט די אויגען, וואָסאַרע מענשען געהען דאָרט ? און וואָס טוען זיי ?

דערפילט עפּעס אַ נייעם מענש, אָדער סתם אַ געדיכטען שמועס איבּער דער בּערזע איז בּורעס שיער נישט משוגע גע- וואָרען פאַר שרעק. ער פלעגט דערום צווישען מנחה און מעריב אַריינקומען, אין בּית-המדרש, נישט טויט און נישט לעבּעדיג, אַוועקשטעלען זיך בּיי אַ שטענדער און אויסרופען :

—רבותי ! היינט איז געקומען אַ פרעמדער מיט בּרילען, אַ גע׳שמד׳טער תּלמודיסט. אַ פייערדיגער קאָפּ, קיין יוד איז ער שוין נישט ; אַ פּיסק האָט ער, רעדען קאָן ער — אַ וועלט, ער האָט היינט גערעדט אין וועלדיל — אַ שרעק !

—אין וועלדיל, אין וואָסער וועלדיל ?—פלעגען אים פרעגען די שכנים.

—אָט אין דעם ס—קלער וועלדיל,—האָט ער אויסגע- גלאָצט די אויגען,—פּאָליציי האָט אים געזוכט.

—האָט זי אים געפונען ?

—ניין. ער איז אַנטלאָפען, די מענשען זענען זיך צע- לאָפען.

—לעדיג ?

—ניין. מיט אַ פאָן, איר הערט, אַ רויטע פאָן, ער האָט זי געכאַפּט אונטער די קאַפּאָטע !

און וועלוויל האָט געוועקט די מורא׳דיגע פאַנטאַזיע פון די מענשען און זיי האָבּען נישט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַנ׳- אומגליק גאָט האָט אַראָפּגעשיקט צו זיי.

אַצינד ווען ער האָט דערועהן, אַז רויזעל, דעם דאָזאָרס,

געהט אויך אַרויס אויף דער בערזע, איז וועלוויל שיער נישט משוגע געוואָרען פאַר וואונדער. ער איז אַרומגעלאָפּען אַרום די דראָטענע פאַרקאַנעס פון סעדיל, געבראָכען די הענט, ווי ס׳וואָלט אים עמיצער ח״ו פון דער וועלט אַוועק.

אין דער אייגענער נאַכט האָט געקאָכט אין בית-המדרש. וועלוויל האָט נישט גערוט, ער האָט יעדען דערצעהלט פון אָט דער מערקווירדיגער ערשיינונג.

XVI

## דער ערשטער שטרייק.

די בערזע האָט זיך פּתח יענער צייט אָן, צעטיילט אין דריי גרופּען, כאָטש פאַר דער וועלט האָט זי אויסגעזעהן, ווי איינע.

פון אויבען אָן אין סעדיל, האָט מען פון צייט-צו-צייט געזעהן אַרומגעהן די שלאַנקע, עדעלע רוזשאַ מיט דעם קריסט-ליכען סטודענט, וואָס האָט ליב געהאַט צו שפּאַצירען מיט אַ יודישער אינטעליגענטער חבר'טע. די דאָזיגע גרופּע האָט גע-ענטפערט בלויז אויף טעאָרעטישע פראַגען, וועלכע זיי האָבען געוואוסט צו ענטפערן נישט פון די ספּעציעלע בראָשורען, נור פון דעם קורס פּאָליטישע עקאָנאָמיע, וואָס זיי האָבען אין גימ-נאַזיע געלערנט. נאָך זיי זענען נאָכגעגאַנגען די-יעניגע, ביי-אַרויסגעקומענע, וואָס האָבען זיך פאַרקוקט אויף רויזלען :—אַז זי געהט, מעגען מיר אויך געהן.

אָפּגערוקט פון זיי איז געגאַנגען שלמה מיט זיין גרופּע, וואָס האָבען שוין אַ ביסעל פאַרשטאַנען עקאָנאָמישע פראַגען און געפּלאָנטערט זיך אין עקאָנאָמישע שמועסען.

משה גבאי און דער הסיד האָבען גערעדט בלויז מיט זייערע גרופּען איבער דעם שלעכטען לוין פון די אַרבייטער, דער ברהן האָט זיך געלערנט זינגען לידער.

דער איינציגער אָבער, אַרום וועלכען עס האָט זיך גע-דרעהט די גאַנצע בערזע, איז געווען יודעלע, נעבען וועלכען

ס'ס זענען געגאַנגען די גרובען ערד-אַרבייטער, די אָרימסטע און אומגליקליכסטע. יודעל האָט גערעדט מיט אַנ'אינערליך וואַרימען פלאַם:

—אייערע לעבענס-פּייערלעך האָט מען באַרויבט פון אייך, ווען איר זענט נאָך קינדער אין די וויגען געווען. אייערע מוטער-בריסטען האָבען אייך אין דער קליינער קינדהייט קיין מילך נישט געקאָנט געבען, איר זענט פאַר'משפּט צו אייביגע פּיין.

יודעלע האָט גערעדט שטיל און זיינע ווערטער האָבען געציטערט, ווי די שטילע טענער פון אַ וואַרימער פידעל. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט איז ער געוואָרען דער, צו וועלכען יעדער האָט זיך צוגעהערט. איינמאָל איז ער אַרומגערינגעלט געוואָרען פון דער גאַנצער בעריזע. יודעל האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזעהן פאַר זיך די דאַרע, פאַרשוואַרצטע פּנימ'ער, וואָס האָבען געקוקט אויף אים מיט באַגייסטערונג און געוואָלט, אַז ער זאָל זיי עפּעס זאָגען.

—יאָ,—האָט ער געזאָגט,—עס איז געקומען די צייט, וואָס איר מוזט ווייזען, אַז איר זענט נישט נאָר קיין פאַרשוואַרצטע מאַסע, נאָר איר קאָנט באַווייזען אַ כח.

—און וואָס הייסט איר אונז טון?—האָבען זיי געפרעגט מיט אויפגעריסענע אויגען.

—איר וואַרפט די אַרבייט, איר מוזט פאַרלאַנגען דאָס וואָס אייך קומט. קיינער זאָל נישט ברעכען מיין וואָרט!

צוערשט זענען די מענשען שטעהן געבליבען דערשראָקענע און זיי האָבען קיין ווערטער נישט געפונען, ווי אַזוי קאָן מען וואַרפען די אַרבייט, צו וועלכער מען איז פאַרדונגען און אין וועלכע'ס יאָך און שפּאַן מען געהט שוין יאָרען. שפּעטער אָבער, ווען יודעל האָט געזאָגט: —איר וועט זעהן, אַז פון די בעקער-אויוועניס וועט שוין קיין פלאַם און רויך מאָרגען מער נישט געהן, די קצבים וועלען מאָרגען נישט שחט'ן—זענען

אַלע שטעהן געגליבען מיט אַ שטילען אונטערטעניגען בליק פאַר אים.

נאָך אין דער אייגענער נאַכט איז יודעלע מיט שלמה'ן אַרומגעגאַנגען אין אַלע וואַרשטאַטען און אָנגעזאָגט, אַז די אַר-בייט מוז זיך מאָרגען אָפּשטעלען ביז דער לוין וועט נישט אַלעמען געהעכערט ווערען. יודעל איז געווען אין זיינע טאַטען אַ באַשלאָסענער און אַ קאַלטער און ער האָט געטון זיין אַר-בייט אַליין, נישט מורא האָבענדיג, וואָס אים זאָל נישט דראָען.

מאָרגען גאַנץ פריה האָט זיך פון די שטאָדטישע בעקע-רייען נישט געזעהן דער טונקעלער רויך און פלאַם. די בע-קערס האָבען נישט געבאַקען, די קצבים האָבען נישט גע'שחט'ן און די שטאָדטישע דראָזשקעס האָבען זיך נישט באַוויזען אין גאַס. עס איז געווען אַ מהומה, די ערשטע אומבאַוואוסטע מהומה, וואָס מען האָט נישט געוואוסט פון וואַנען זי איז געקומען.

יודעלע, שלמה, דער חסיד, גבאי און דער בדחן זענען אַרומגעגאַנגען אין גאַס, און אַרום זיי—די צעשראָקענע בעלי-הבתים, וואָס האָבען זיך מיט עטליכע טעג פריער אויסגע-לאַכט פון דער באַוועגונג. אַצינד אָבער ווען זיי האָבען שוין דערזעהן איר קראַפט, האָבען זיי אָנגעהויבען מורא קריגען. פון צייט-צו-צייט איז יודעלע צוגעגאַנגען צו אַ קראָם, געהייסען זי פאַרמאַכען, אָפּגעשטעלט אַ פור, אָדער געהייסען וואַר-פען די אַרבייט די, וואָס האָבען נאָך מורא געהאַט מיטצוגעהן מיט זייערע חברים. די שטאָדט האָט געלעבט אין שרעק, דער סוחר האָט נישט געהאַנדעלט, דער בעקער האָט נישט געבאַקען און די מתפללים אין שול האָבען אָנשטאָט צו דאַווענען געשטאַ-נען געגען פענסטער און מיט פאַרצווייפעלטע בליקען באַטראַכט די שפּאַצירענדע מאַסע אין סעדיל.

—וואָס איז דאָס אין דרויסען ?—האָט מען געפרעגט.

—אַ שטרייק.

—וואָס איז דאָס אַ שטרייק ?—האָט געפרעגט וועלוויל בורעס.

## XVII

## די לעגענדען אין דער צייט פון דער פרייהייטס-באוועגונג און די פארוואונדערונג פון רב.

אין דער אייגענער נאַכט איז וועלוויל בורעס שלעכט געשלאָפען און נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס האָט זיך דאָ איבערנאַכט איבערגעטון. עפעס דאָס רעדער-רוישען פון די דראָזשקעס, וואָס זענען אַנטלאָפען פון גאַס, דאָס געטומעל פון די בעקער, שוסטער און מוירער האָט וועלוולען שיער נישט פון זינען אַראָפגעפירט, כאָטש ער האָט דער ערשטער, אויס מורא, פאַרמאַכט דאָס געוועלב און מורא געהאַט, אַז דער אייל און נאַפט זאָל נישט פאַרברענט ווערען אין קעלער. ער האָט בשום-אופן נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז היינט פאָרגעקומען. פון וואַנען נעמט זיך אַ דרייסט ביי די בעקערס איבערצולאָזען די דייזשעס? ביי די שמידער—אַוועקצוּוואַרפען די קוזשניע? פון וואַנען נעמט זיך איבערנאַכט אַזאַ הפקרות און ווער האָט זי אַהער געבראַכט? וועלוויל בורעס האָט אין די יונגעלשע יאָרען געהערט, אַז איידער משיח וועט קומען, וועלען זיך באַווייזען צוויי געשטאַלטען פון אַ באַרג. דאָס וועט זיין די מלחמה פון גוג-ומגוג. אין וועלוולען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די מלחמה איז שוין היינט פאָרגעקומען און, אַז זי הויבט איצט אָן צו ענטוויקלען איר מורא'דיגע אַרבייט. אַ גאַנצע נאַכט איז ער נישט געשלאָפען און ס'זענען אים עפעס מאָדנע געשטאַלטען אים געפלויגען פאַר די אויגען. פון

אײן זײט האָט אים געטראָגען די התפעלות פון אָט די פלינ-קע יונגען, זײער געהן אויף דער גאַס און קלאַפּען דרײסט מיט די פּאָדקאָװעס אָן די שטײנער; פון דער צװײטער זײט האָבען אים עפּעס געשראָקען די געשטאַלטען פון די פרעמדע מענשען, װאָס ער האָט נעכטען געזעהן לױפען אין גאַס. עפּעס אײנער אין בריל און אַ הוט איבער די אויגען, אײנער מיט אַ ברײטען, פאַרבױגענעם שניפּס, אין אַ מאַנטעל, װי אַ גלח. װער זענען זײ? די בײזע געשטאַלטען האָבען אויף אים אָנגעיאָגט אַ מורא פאַר שאָטענס. פאַרן פענסטערל, װאָס געהט אַרײן אין געװעלב, אַ שאָטען פון דרױסען, פון קײטען, פון פּאָלאַפּ פון אונטערן בעט.

—מאַמע,—האָט ער פּלוצלינג געזאָגט צו דער ברײטער מאַמען, װאָס איז אויך אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפען און געקרעכצט,—האָסטו נעכטען געזעהן עפּעס אַ טאָג, אַ מלחמה אַ גאַנצע...

—דאָס איז גאָטס האַנט. מיר זענען זינדיג, זוהנעלע,—האָט אויך די גראָבע מאַמע אָפּגעציטערט—מיר האָבען געמוזט אַ סך שלעכטס טון, טאַנצט אונז דער שטן אַנטקעגען.

—אַנ׳אמת׳ער װילדער שטן,—האָט װעלװיל געװאָרטשעט.

—אָבער פון װאַנען שטאַמט עס די מהומה?—האָט װידער די מוטער געפרעגט.

—װײס איך? עפּעס װילד פרעמדע קומען אָן און דרע-הען איבער דאָס שטעדטיל,—האָט װעלװיל פאַרזאָרגט געזאָגט.

—און דאָס איז דאָך אַפילו אין סדום נישט געװען.

—אַפילו אין סדום אויך נישט.

—און יאָ,—האָט װידער די מוטער געזאָגט,—מען דאַרף געהן אײנרײסען קברים, די טויטע װעקען פון די קברים, װאָ-רום באַלד װעלען מיר אַלע אויסגעהן פון הונגער. די בעקער באַקען נישט, די קצבים שחט׳ן נישט, אַ שטרײק, װאָס איז דאָס אַ שטרײק?

גאָטס קללה און שװײג, מאַמע! נאָך ערגער, װי דער הײשעריק פון מצרים,—האָט װעלװ׳יל אַ זיפץ געטון.

די מאַמע און דער זוהן האָבען אַזוי געֿרעדט און גע-
זיפצט ביז'ן גרויסען טאָג אַריין.

באַגינען איז וועלוויל בורעס, נישט טויט און נישט לע-
בעדיג, אַריין צום רב. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר זיין
טיש און מיט אַ וויינענדיג קול געזאָגט:

—רבי, ווייסט איר, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין שטעדטעלע?
סדום! אַ בערזע אַ גאַנצע, מיט שוואַרצע חברה. בעקערס באַ-
קען נישט, קצבים שחט'ן נישט. וועט איר עס דערלאָזען?

דער רב איז געשטאַנען און געקוקט אין פענסטער. ער
איז געווען, בלאַס און מיט אַ זיפץ האָט ער געענטפערט אויף
וועלוויל בורעס געוויין.

—„עקבא דמשיחא״,—האָט ער שטיל געמורמעלט, מען
דאַרף שטאַרק מתפלל-זיין, אַז די וואָגשאָל צווישען כלו זכאי
און כלו חייב זאָל נישט איבערוועגען ח"ו אויף לינקס. וועה,
אוי וועה!..

## XVIII

## די רויטע פאָן און דער ערשטער מאַי.

דאָס דריטע מאָל איז פישעל געקומען פון אַ דריי-טער זייט פון נייעם שאָסיי. ער איז געקומען פאַרנאַכט, שנעל מיט אומרויגע בליקען, אַריינגעכאַפּט זיך אין קושניע אויסגעשאָטען די פאַרבאַהאַלטענע זאַכען. וואָס ער האָט געטראָ-גען אין בוזים און געזאָגט מיט אַ דערפרעהענדען טאָן:

—איך האָב אייך עפּעס געבּרענגט, אַ רויטע מתנה האָב איך אייך געבּרענגט,—און ער האָט אַרויסגענומען אַ פאָן.

דאָס מאָל זענען אין קושניע געווען; יודעל, ברכה׳לע, שלמה, גבאי, דער חסיד און דער בדחן. אויסער דעם זענען אָנגעקומען פרישע געסט, דער גראָבער סטודענט, דער שטאָד-טישער פּאָטשטאַליאָן, וואָס איז פון זיין אַמט שוין לאַנג אָפּגע-זאָגט געוואָרען, און רויזעלע, וואָס איז צו דער באַוועגונג צו-געשטאַנען. ערשט איצט האָט פישעל פאַר זיך געזעהן אַ בער-זע און אַ גאַנצע באַוועגונג. ער האָט זיך אויסגעפרעגט אויף די מיטגלידער, אויף די מאַסע, אויפ׳ן גאַנג פון שטרייק און ער איז גליקליך געווען. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען די רויטע פאָן, זי אויפגעוויקעלט און געזאָגט:

—עס געהט איצט דער ערשטער מאַי, ווען דאָס לעבען שפּראָצט און בליט, דעמאָלט קומט די צייט, דער אַרבּייטער זאָל די אַרבּייט וואַרפען און אויפהויבען די רויטע פאָן פאַר

דער וועלט. זענט איר צופרידען מיט מיין מתנה ? יאָ, מאָרגען פריה שטעלען מיר אויס אונזערע רייען, מיר געהען אין גרי-נעם פעלד פאָרווערטס, פאָרווערטס˝ געהען מיר!

ביי די ווערטער זענען שלמה, ברכה׳לע, משה גבאי און דער הסיד באַגייסטערט געווען. באַגייסטערט זענען אויך גע-שטאַנען דער סטודענט און רויזעלע. דער פאָטשטאַליאָן, וואָס איז שוין עטליכע מאָל געווען אָנוועזענד ביי אַ דעמאָסטראַציע, האָט זיך געהאַלטען רויג. שלמה, דער שטאָלצער רעוואָ-לוציאָנער, האָט זיך גוט איינגעקוקט אין רויטקייט פון דער פאָן, און האָט זי גענומען צום האַרץ...

אַלע האָבען פרעהליך אויסגערופען: „לעבען זאָל ער.״ און אויפגעהויבען אים צום הימעל. דערנאָך האָט שלמה באַ-קענט פישלע׳ן מיט רויזלען, מיט׳ן פאָטשטאַליאָן און מיט אַלע אַרומיגע.

מאָרגען באַגינען האָט זיך אין קושניע געזעהן אַ באַ-וועגונג פון מענשען. דאָס פייער איז געלאָשען געווען און די מענשען זענען אַרומגעגאַנגען פרערליכע, דעקאָרירענדיג מיט רויט די שטוב פון אינווייניג און פון אויסענווייניג. רויזעל, וואָס איז געווען אַ מייסטערין פון קאָנען דעקאָרירען, האָט אויסגעצירט די שטוב מיט סטענגעס און בלומען. דערנאָך האָט זי יעדען און דער לאַץ עפּעס אַריינגעשטעקט, דעם אַ בלומעל, דעם אַ סטענ-גע און סתם עפּעס אַ רויטען צייכען. און ווען עס איז געקומען צו דער לאַץ פון סטודענט, האָט זי אים אַלס סימן פון פריינדשאַפט אַריינגעשטעקט אַ שפּילקע מיט איר נאָמען.

ניין אַ זייגער אין דער פריה, האָט זיך געזעהן פון קושניע אַ מאַרש פון מענשען אין דער ריכטונג פון שאָסיי. פישעל איז געגאַנגען פאָראויס מיט׳ן רויטען העמדעל און געזונגען איינע פון די נייעסטע לידער. נאָך אים, איז געגאַנגען שלמה, וואָס האָט נאָכגעזונגען פישלען. דער גבאי, דער חסיד און דער בדחן זענען געווען צוזאַמענגעבונדען, ווי אַ קייט. דער סטודענט, רויזעל און דער פאָטשטער זענען געגאַנגען געקניפּט צווישען

זיך. יודעלע און ברכה׳לע זענען געגאַנגען באַזונדער. יודעלע האָט נישט געזונגען. דאָס איז געווען איינע פון יענע נאַטורען, וואָס האָבען נישט געפּאַסט צו קיין צערעמאָניאַלע פייערונגען. די פייערונגען האָבען זיי געטראָגען אין האַרץ. זיינע מילדע ברווינליכע באַקען האָבען זיך צערטליך גערויטעלט, זיינע ליפּען האָבען געשמייכעלט, אין אים האָט זיך צופּגעשפּיגעלט די זוניגקייט פון טאָג צוזאַמען מיט דער פרייד פון יום-טוב.

דאָסזעלבע האָט דורכגעלעבט ברכה׳לע, וואָס האָט געהאַלטען איר „ברודער יודעל״ ביי דער האַנט. אין איר הערציל האָט פרעהליך געקלאַפּט, ווי ביי אַ ווייסער טויב, וואָס האָט דעם פרימאָרגען געזעהן פאַר זיך.

ווען זיי זענען דורכגעגאַנגען דעם שאָסיי, זענען זיי אַריין אין אַ טיפען גרוב. אַלע האָבען זיך פאַרזאַמעלט אויף איין אָרט און פישעל האָט דער ערשטער גערעדט איבער דער באַדייטונג פון אָט דעם טאָג. נאָך אים האָט גערעדט דער סטודענט און דערנאָך האָט זיך יודעל אַוועקגעשטעלט און אָנגעהויבען גאַנץ שטיל:

—חברים און ברידער! איך בין איינער פון די, וואָס זענען געבוירען, ווי איר אַלע, צו געניסען פון יענער זון, וואָס שיינט פאַר אַלע גלייך. דאָך איר ליכט ווערט אָפּט אַוועקגעריסען פון מיינע אויגען, כאָטש דער ווילען זי צו פילען איבער מיין קאָפּ, לעבט טיף אין האַרץ. פאַראַנען אויף דער וועלט צייטען פון לעבענס-פּיין, וואָס רייסט אַראָפּ דעם קאָפּ טיף צו דער ערד און באַרויבט דאָס ליכטיגע אין האַרצען. איר זענט אַרבייטער, יעדע מינוט זענט איר אונטערגעוואָרפען דעם מזל פון קעלט, נויט און הונגער. ווער האָט די שליטא איבער אייך, די זון? ניין! דאָס ערדישע פינסטערע לעבען, וואָס מאַכט אייך פאַר עלענדע יתומים, מעגט איר האָבען טאַטעס און מאַמעס אויף דער וועלט. אומגליקליכע בעטלער זענט איר, כאָטש די אַרבייט גיט אייך אפשר קוים די נשמה צו דערהאַלטען. אָבער איצט איז געקומען די צייט, וואָס די זון פון אָט דעם ליכטיגען טאָג רופט אייך צוריק צו דער פרייהייט

פון לעבען, צו וועלכער איר זענט דאָך ווירקליך באַשאַפען. זייט גרייט די פרייהייט מיט די אייגענע הענט צו נעמען, ברידער !

יודעל האָט שטיל געדעדט מיט אַנ׳אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ און זיין שטים האָט געציטערט פון טרערען. ווי מען וואָלט שפּילען אויף אַ צעבראָכענער פידעל. די פאַרזאַמעלטע האָבען אים באַגייסטערט אויסגעהערט. דערנאָך, ווען ער האָט געענ-דיגט, האָבען אים אַלע אַרומגערינגעלט: שלמה, וואָס האָט איצט שטאָלצירט מיט זיין חבר׳ס רעדע, דער גבאי, חסיד און בדחן האָבען אים אָנגעקוקט מיט פאַרגעטערטע בליקען. דער סטו-דענט און רויזעל האָבען אים די הענט געדריקט. ברכה׳לע האָט אים אַוועקגערופען, אָפּגעווישט דעם שטערען און גע-קוקט אויף אים מיט פאַרליבטע אויגען. דערנאָך האָבען זיך אַלע אָנגעהויבען צו צוגעהן.

ווען זיי זענען שוין געווען נאָנט פון דער קוזשניע, האָט זיך געזעהן פון וויטען לויפען עטליכע מענשען. דאָס איז געווען דער גראָבער סטראַזשניק מיט זיין נייער קאָמפּאַניע וואָס האָבען געזוכט מענשען. אָבער שוין קיינעם נישט געטראָפען.

XIX

## דער טומעל אין שטעדטיל און דער רב:

דער צווייטער טאָג נאָך דער דעמאָנסטראַציע האָט געבּרענגט אַ טומעל אין שטעדטעל, נאָך מער ווי דער שטרייק. וואָרום דער שטרייק האָט נור באַאומרויגט די איינוואוינער מיט גישט האָבּען וואָס צו עסען און וואָס צו טרינקען; קוים אָבּער איז אַריבּער דער טאָג און דאָס לעבּען האָט אָנגעהויבּען געהן מיט זיינע נאָרמאַלע טריט, האָט מען דאָס אַביסעל פאַרגעסען, וואָרום קיין באַזונדערע צייכענס און סימנים, דורך וועלכע עס ווערט איבּערגעבּראָכען דאָס פריערדיגע לעבּען, האָט דער טאָג נישט געהאַט. דער דאַוונער האָט צוריק געדאַוונט, דער ספר-לייענער האָט צוריק די תורה געלייענט, אַנדערש אָבּער איז עס געוועזן, ווען מען האָט אַ הויבּ אויפגעטון די רויטע פאָן. דאָס האָט אָנגעזאָגט עטוואָס נייעס שרעקליכעס פאַר די שטעדטעל־מענשען און איבּערהויפּט פאַרן אַלטען רב, ר׳ שלמה באַבּעס.

דער רב, שלמה באבעס איז געוועזן אַ זקן פון אַ יאָר זיבּעציג, וואָס איז געזעסען על-כסא רבנות שוין פערציג יאָר, געפּסקנ׳ט שאלות, אַלץ לויט דעם דין. געדאַוונט שבּת, יום-טוב אַלץ. מיט איין נוסח און געלערנט זוהר מיט אַ נגון אַנ׳אייגענעם. אָט דאָס דאָזיגע רויגע לעבּען האָט זיך אָבּער איבּערגעריסען מיט איין שלעכטען חלום, וואָס דער רב שליט־א

האָט געהאַט אין אַ פינסטערע נאַכט. עס האָט זיך אים אויס־געדוכט, אַז ערגעץ פון ווייט, ווייט זענען אָנגעקומען מענשען מיט העק אין די הענט, אַריינגעריסען זיך אין בית־המדרש, צעהאַקט די טישען, בענק און בעלעמער, אַוועקגעלעגט די אַל־טע תורה ערגעץ אין באַרג שמות און אָנגעשריבען זיך אַ נייע תורה, נייע חוקים און משפטים און געבעטען צו אַ פרעמדען גאָט.

פון יענער צייט אָן האָט דער אַלטער רב פון קיין רוה נישט געוואוסט. עס האָט אים געשראָקען אי דער טאָג, אי די נאַכט. ביי טאָג האָבען אים אויסגעזעהן די בלויע הימלען מאָדנע פאַר׳מרה־שחורה׳טע, טרויריגע, ווי פאַרצויגען מיט גרויע וואָלקענס, די נאַכט האָט אים אויפגעמישט בילדער פון צעבראָ־כענע לוחות, פון אַלטע ספר־תורות, צעשאָטענע צווישען די שמות און עפעס איין שטילער טרויעריגער געדאַנק האָט געפייניגט זיין האַרץ. עס זענען די לעצטע טעג פאַר משיח׳ס קומען, די לעצטע זענען עס...

און דערהערענדיג, אַז אין שטאָדט האָט מען אויפגעהויבען אַ רויטע פאָן, איז דעם אַלטענס האַרץ געבראָכען געוואָרען פון שרעק, גאַנצע טעג איז ער געזעסען געגען פענסטער, און זיי־נע ליפען האָבען עפעס אומבאַוואוסטעס געשעפטשעט, געשאָ־קעלט מיט׳ן קאָפּ און אָפּטמאָל זענען צוויי טרערען פון זיינע אויגען אַרויס:—וועה, וועה, די טויב, די ווייסע טויב, וואָס בלאָנדזשעט ערגעץ אַרום געפינט צו אירע פיס און פליגלען קיין רוה נישט. און דער אַלטער האָט זיך גע׳חזר׳ט די ווערטער שטיל, העכער און גאָר הויך. מיט עטליכע טעג שפעטער זע־נען ביים רב געזעסען די צוויי אַלטע דאָזאָרעס און גאַנטע דעם רבס. זיי זענען געזעסען און גערעדט איבער די לעצטע געשעהענישען אין שטעדטעל. פלוצלינג איז אָנגעקומען וועלוויל בורעס אַ צעשראָקענער, און האָט אָנגעהויבען מיט אַ וויינענ־דיג קול:

—רבי, איך אַ פאָן אַ רויטע, עבודה-זרה, האָבען זיי

אויפגעהויבען געגען אונז. זיי זענען געגאַנגען אַלע איבער׳ן שאָסיי און געזונגען גוי׳אישע לידער. רבי, די זינד איז שוין צו גרויס, מען קאָן דאָס נישט פאַרשווייגען. וואָס זאָגט איר דערצו, רבי?

דער רב איז געזעסען דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, און גע-קוקט אויפ׳ן טרויעריגען געשפּענסט פון דער שול און בית-המדרש, און ער האָט געמורמעלט:

—געה אַהיים, וועלוויל, דער שטן איז מקטרג אויף אונז און זיין האַנט וועט קיינער נישט שטערען. וואָרום עס קומען אָן די טעג, וואָס דער דור דאַרף זיין אָדער כּלו זכּאי אָדער כּלו חיב. און איך זעה, אַז ער איז כּלו חיב,—האָט דער רב געזאָגט און ביטערליך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

און אָט די דאָזיגע בשורה האָט טרויעריג געמאַכט די פּנים׳ער פון די אַרומיגע און אַלע האָבען אַ שווערען זיפץ גע-טון.

נאָך אין דעם אייגענעם פאַרנאַכט האָט מען געזעהן דעם אַלטען רב זיצען אין בית-המדרש, בלאָנדזשענדיג מיט די טרויע-ריגע בליקען צום אָרון-קודש און עס האָט זיך אים אויסגע-דוכט, אַז די ספר תּורה מיט׳ן רויטען מענטעלע האָט שוין איר כּח אָנגעוואוירען, און אַז איצט וועט אומעטום הענגען די פּאָן.

די מנחה איז, ווי שטענדיג, געדאַווענט געוואָרען, נור אָהן יענעם אינערליכען קוראַזש. דען די מענשען, וואָס האָבען צוגעזעהן דאָס פינסטערע פּנים פון רב, האָבען געדאַוועט, ווי אַבלים.

XX.

## דער רב בעט יודלען.

אין עטליכע טעג אַרום איז יודעל געגאַנגען אויפ'ן טראָ-טואַר נעבען רב'ס הויז. ער איז געגאַנגען, ווי זיין שטייגער, לאַנגזאַם, באַטראַכטענדיג דעם רב'ס אַלטע ברוגז'ע הייזער, וואָס האָבען אויסגעזעהן, ווי פאַרשלאָפענע מצבות. פלוצלינג האָט אים אָפּגעשטעלט דער אַלטער שמש און אונטערטעניג גע-זאָגט:

—ר' יודעל, דער רב בעט אייך צו קומען צו זיך וועגען זעהר אַ וויכטיגען ענין.

—מיך? צו אים?—האָט זיך דאָס שטילע בחור'ל פאַרוואונ-דערט,—וואָס האָב איך דען צוטון ביים רב און וואָס האָב איך מיט אים צו רעדען?

—דער רב בעט אייך, און איר וועט מסתמא קומען,—האָט דער שמש אונטערטעניג געבלאָנדזשעט מיט די פינגער אין זיין בערדיל.

יודעל האָט זיך אַ מינוט פאַרטראַכט, קענטיג, וואָס פאַר אַנ'ענטפער וועט ער געבען דעם גרייז-גרויען, און געזאָגט:

—יאָ, איך געה.

מיט עטליכע מינוט שפּעטער האָט מען געזעהן דעם רב זיצען אויף זיין שטול, הכנע'דיג געגען ברוינעם בחור'ל, וואָס איז געשטאַנען איינזאַם און געשפּילט זיך מיט אַ פינגער אויפ'ן

טיש, ווי ער וואָלט נישט דרייסט זיין צו זעהן די געפאַלענ-קייט פון גרייז.

—שוין פערציג יאָר, מיין קינד,—האָט דער רב געזאָגט,— ווי איך בין דאָ רב אין שטעדטעל, פסק'נען מיינע דין-תורות און שאלות. כ'היט אָפּ חוקים ומשפטים, תורת ד' און ווער האָט איצט דעם גדר געבראָכען, ווער האָט אַזאַ הפקרות אַריינגע-ברענגט, ווער?

יודעל האָט געשוויגען.

—איך באַשווער דיך, מיין קינד,—האָט דער רב גע-זאָגט,— דערצעהל מיר, וועלכער פרעמדער מענש האָט דאָ אַזאַ גיהנמ'דיג פייער אָנגעצונדען אין מיין שטאָדט, ווי עפּעס אַ געהיימע נעסט פון משחיתים וואָלטען דאָ לעבען. זאָג, וועל איך זיי מחרים-זיין זייערע נעמען.

יודעל האָט קאַלט אַ שמייכעל געטון.

—אוי, דו שמייכעלסט, מיין קינד,—האָט דער רב גע-זאָגט,—ווייזט אויס, אַז דיינע ליפּען וועלען פאַרצעהלען ווער יענע בוגדים זענען, וואָס האָבען געוואַגט צו באַרירען דעם אָרון-קודש און זיין ספר-תורה. ווער האָט אַנ'אָפּגאָט, אַ פּאָן, אַהער געבראַכט?

דער רב האָט שטיל גערעדט, מיט טרערען אין די אויגען, ווי אַ מלך, וואָס פילט, אַז די טעג פון זיין הערשאַפט פאַלען. ער האָט גערעדט און געבעטען דעם קליינעם שטיל-שווייגענ-דיגען יודלען, וואָס האָט, אויסהערענדיג זיינע ווערטער, געענט-פערט:

—רבי, איר פרעגט ווער האָט געגען אַלטען הייליגען אָרון-קודש אויפגעהאָנגען אַט די רויטע פאָן? קיין שום מענש-ליכע האַנט. רבי, עס האָט געטון די צייט און דאָס שווע-רע לעבען פון יענע פאַרפינסטערטע, וואָס זהאָבען קיין שום שוץ נישט געפונען אונטערן דאַך פון אייערע בתי-מדרשים און שולען. און ווען איר, רבי, זענט געזעסען פאַרנומען אין אייע-רע תפילות און לויב-לידער צו גאָט, האָט איר פאַרגעסען, אַז אונטער אייך לעבט אַזאַ פינסטערע עלענד, פון וועלכער איר

האָט אַפילו אין אייערע הייסעסטע תּפילות קיין וואָרט פאַר גאָט נישט געוואָרפען, אייערע אויערן זענען פאַר זיי טויב, רבי. אייערע אויגען זעהען גאָרנישט, פאַרשלאָסען זיצט איר אין אייערע עלענדע האַלב-איינגעפאַלענע בנינים און איר טראַכט צו ראַטעווען דאָס, וואָס עס איז שוין לאַנג אין פלאַם. אָבער גיין! די וואַנט פאַלט, די וואַנט ברעכט זיך איין און ווער עס וועט איר נישט לאָזען אומפאַלן, דער וועט איר ערשטער קרבן זיין!

יודעל האָט שטיל און האַרט גערעדט און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס שלאָגט אַרויס פון זיין מויל אַ קוואַל פון שטאַרקע רייד, וואָס קיין בוך און שריפט האָט עס אים נישט געלערנט. דער רב האָט אים נישט פארשטענדליך אָנגעקוקט און פלוצלינג אַ פרעג געטון:

—און ווער זשע האָט די פאָן אויפגעהויבען?

—איך,—האָט יודעל האַרט געזאָגט,—און אויב איר ווילט מיך שעלטען, שעלט מיך, און אויב אייער פויסט וויל מיך שלאָגען, טראָג איך דאָס האַרץ אַנטקעגען.

—אָ, שטן-המשחית,—האָט דער רב אויסגעשריען.—ווילדער, ביטערער שטן-המשחית!—און פאַרשטעלט די אויגען מיט די הענט.

און דערמיט האָט יודעל האַרט אויסגעדרעהט די פלייצע געגען רב און איז אַוועק.

XXI

## דעם רב׳ם חרם.

האַלב-איינגעבויגען, מיט די הענט דעם קאָפּ אונטערגע-שפּאַרט, איז געזעסען דער אַלטער רב איבער׳ן ספר און טרויע-ריג אַלע מאָל איבערגעריסען דעם מורמעלדיגען נגון מיט אַ זיפץ. נעבען אים איז געזעסען דער דין, אַ יוד מיט אַ געקריי-זעלטע באָרד, וואָס האָט וויקלענדיג מיט די פינגער די לאַנגע געקרייזעלטע פאות, טרויעריג נאָכגעמאַכט נאָך אַ פסק, געטראַכט, און אַ שווערער נאָכזיפץ האָט איבערגעריסען זיין געדאַנק.

די צוויי עלטערע בעלי-הבתים, דוב און יוחנן, וואָס טרעטען קיינמאָל נישט אָפּ פון רב׳ס טיש זענען אויך איצט געזעסען נישט וויט פון דין און עפּעס געמורמעלט. עס האָט געהערשט אַ געדריקטע שטילקייט. דאָס לעמפּעל, וואָס איז גע-האָנגען אונטערן שוואַרצען פלעק פון פּאָלאָפּ, האָט שוין צאַנ-קענדיג, זיך געוויגט אַהין און צוריק און אונטערגעסקריפּעט, פונקט ווי עס וואָלט פאַרצעהלען וועגען טרויער און אומעט אין רב׳ס שטוב. אַרום איז געווען שטיל, נור דעם רב׳ס אוי-גען האָבען זיך אַלע מאָל אַ הויב אויף געטון, באַטראַכט די גלטע ספרים-שאַנק, דעם אַלמער און דאָס שטריימעל, וואָס איז געהאָנגען פון וויטען, פונקט ווי ער וואָלט עס באַדויערן, ווער עס נאָך בלייבען אויפ׳ן קאָפּ פון אַלטען רב?

פּלוצלינג איז ער אויפגעשטאַנען פון אָרט אַ קלאַפּ גע-

טון מיט דער האַנט אין טיש און אויסגערופען:

—רבותי! איך זעה, ווי דער שטן שוועבט איבער אונזערע קעפּ, דער שטן איז מקטרג אויף אונז. ווער, וועה, משיח׳ס צייטען. די דורות געהן אויפ׳ן וועג פון כלו חיב.

—כלו חיב, האָט אונטערגעכאַפּט דאָס וואָרט „חיב״ דער אַלטער דוב. יוחנן האָט קרימליך·אויסגעדרעהט דעם קאָפּ און זיינע ל׳יפּען האָבען אַ שעפּטש געטון: „גלות-השכינה״. דער דין האָט אָבל׳דיג באַטראַכט דאָס ספר, פּונקט ווי זיינע דין-תּורות וואָלטען נישט געהאַלטען ווערען. פּלוצלינג האָט דער רב אויסגעשריען:

—רבותי! איך בין אים מחרים! דעם וואָס האָט געוואַגט אויפצוהויבען די פּאָן, די עבודה-זרה געגען דער תּורה, בין איך מחריב, אַז קיינער זאָל נישט שטעהן אין זיינע ד׳ אַמות, זיין נאָמען זאָל אויסגעשלאָסען ווערען פון כלל-ישראל.

דער רב איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק און זיינע געקרענקטע אויגען האָבען געפלאַמט פון אינערליכען וועהטאָג, ווי ביי אַ געפאַלענעם מלך, וואָס האָט זיין כסא-המלוכה אָנגעווארירען.

אויף צו מאָרגענס האָט מען געזעהן דעם שמש צוזאַמענרופען די אַלע מענשען פון שטאָדט. און עס זענען צוזאַמענגעקומען די פּני, די מיטעלע בעלי-הבתים און סתם דאַוונער. דער שמש איז אַרויפגעגאַנגען אויפ׳ן בעלעמער און מיט אַ טרויעריג פּנים אָנגעצונדען די צוויי טונקעלע חרם-ליכט, וואָס האָבען אויף אַלעמען אַנ׳אומבאַוואוסטע שרעק געוואָרפען. די מענשען האָבען אומרויג אַרויפגעקוקט, געשושקעט זיך און געזיפצט אין דער שטילקייט אַריין.

דאָס מאָל האָט דער רב, מיט אַ צעבראָכענער שטים, געזאָגט צום שמש:

—געה, זאַנוויל, און דריי מאָל זאָלסטו אים מתרה ומודיע זיין, צי וויל ער חוזר-בתשובה-זיין. געה, און אפשר וועט ער צוריקקעהרען צו גאָט און זיין תּורה.

דער רב האָט צוריק אָבל׳דיג דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און געבליבען אין אַ שטילען שווייגען. דער שמש איז אַוועק. די

צוויי שוואַרצע חרם-ליכט האָבען געוואַרט צוזאַמען מיט'ן עולם. דריי מאָל איז דער שמש געגאַנגען און געקומען מיט אַנ'ענט-פער צוריק: „ניין, ער וויל נישט. דער חרם איז פאַר אים קיין חרם נישט, די קללה—קיין קללה נישט. ניין, ער וויל נישט, דער פושע עוכר ישראל". און דער „ניין" האָט אָפגעקלונגען טיף אין די אויערן פון די מענשען, ווי אַנ'אָפּקלאַנג פון אַ שווערען טרויערגלאָק.

ערשט איצט איז דער שמש אַרויף אויפ'ן בעלעמער און אויסגערופען:

—רבותי! אין נאָמען פון הרב שליטא ווערט יהודה בן... מחרים. קיינער טאָר נישט שטעהן אין זיינע ד' אַמות. אין מקום קדוש טאָר ער מער נישט קומען און זיין גוף זאָל נישט קו-מען צו קיין קבר ישראל, אַ קללה אויף זיין קאָפּ. ימח שמו, ימח שמו!

דער שמש האָט הויך גערעדט מיט באַגייסטערונג און מיט אַ שטים, וואָס האָט אַלע מאָל געוואָלט אויסשיסען מיט אַ גע-וויין, גערעדט, געשטראָפּט און יעדעס מאָל אויסגעשריען ימח שמו, ימח שמו. דער עולם האָט אָפּגעענטפערט אָמן.

אין דער צייט, וואָס דער שמש האָט געוואָרפען זיין וועהטאָגליכען ימח שמו איבער'ן קאָפּ פון די בית-המדרש מענ-שען, האָט מען באַמערקט צווישען די פּאַרזאַמעלטע אַזעלכע, וואָס זענען געשטאַנען נישט רירענדיג זיך. דאָס זענען געווען אַרבייטער, וואָס זענען געקומען זיך געגענשטעלען דעם חרם. זיי זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען מיט אַ שטילער בייזקייט און פייערלעך אין די אויגען. און ווען זיי האָבען דערהערט דעם אויסרוף: ימח שמו, אָמן, זענען זיי אויפגעשפּרונגען פון די ערטער מיט שטעקענס און פויסטען געגען די מזרח-מענ-שען. דערביי האָט זיך אין ווינקעל אויפגעהויבען אַ רויטע פאָן.

דאָס געשריי איז געוואָרען שטאַרק, דאָס באַפאַלען זיך איינס דאָס אַנדערע מיט שטעקענס איבער די קעפּ, האָט פאַר-ביטערט דאָס האַרץ און דער שמש איז געבליבען שטעהן, ווי אַ

באַזיגטער, וואָס גיט זיך אָפּ אין געפּענגניס. די פּאָן פלאַטערט געגען אָרון-קודש. דער רב שטעהט אין ווינקעל, זיינע בייזע בליקען געווענדעט אַהין און מורמעלט:

—דיין כח, רבש״ע, וואו איז דיין כוח, דיין וואָרט, רבש״ע!

און ער איז געפאַלען מיט׳ן פנים צו דער וואַנט.

## דעם רבס דין־תּורות און די אָרגאַניזאַציע.

דער טומעל אין שטעדטעל איז געוואַקסען. אויף דער בערזע איז טאָג־טעגליך געוואָרען געדיכטער פון שפּאַצי־רענדע אָנפּענגער, אַגיטאַטאָרען און סתם העכערע מענשען, וועלכע מען האָט געשטעלט פאַרשידענע פראַגען. די אָרגאַני־זאַציע האָט באַקומען איר מאַכט אויפ׳ן שטעדטעל און דער רויטער סטעמפּעל, וועלכער באַשטעטיגט די פאָדערונגען פון דער אָרגאַניזאַציע, האָט זיין כח באַקומען. די מאַכט האָט געווירקט נישט נור אויף די בעל־מלאכות, וואָס האָבען גע־מוזט נאָכגעבען די פאָדערונגען פון זייערע אַרבייטער, נור אויך אויף די סוחרים, געוועלב־שטעהער, גאַסען־הענדלער. עפּעס דאָס נאַפּאָלעאָנישע געזעץ, אָפּגע׳פסק׳ענט דורך אַ ריכטער אין אַ קייט, האָט אָנגעוואוירען זיין כח, דען מען האָט געוואוסט, אַז עס איז אַ כח אַנ׳אויסעגעוועהניגסטער, וואָס וועט לאַנג נישט האַלטען. מורא האָט מען אָבער געהאַט פאַר די מענשען, וואָס האָבען געטראָגען דעם „שטילען רעוואָלווער“. ער האָט זיי גע־שראָקען מער, ווי די פעלד האַרמאַטען, וואָס זענען געשטאַנען אין זייערע באַטערייען מער, ווי די טויזענטער ביקסען און שווערדען. נאָך וועניגער ווי דעם ריכטערס קייט, האָט געשראָ־קען דער פּסק־דין פון רב און זיין דין. דאָ האָט מען גאָר פּשוט אויפגעהערט מורא צו קריגען: „אַי, וואָס דער רב האָט

דאָרט גע׳פסק׳ענט!״—האָט מען דעם רב׳ס פסק־דין אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און מיט די טענות און תביעות, וואָס איינער צום צווייטען האָט געהאַט, פלעגען זיי קומען צו דער אָרגאַניזאַציע. פרומע און נישט פרומע האָבען געוואוסט, אַז היינט האָט דעם אַלטען רב׳ס וואָרט קיין כח נישט און צו וואָס זיך לאָזען דאָרט, וואו עס איז קיין כח נישטאָ?

אין עק שטאָדט איז געשטאַנען אַ טיי־הויז. דאָס איז נישט געווען קיין סתם טיי־הויז, דען דאָרט פלעגען זיך צוזאַמענקומען מענשען פון דער בערזע און דורכפירען זייערע ענינים. דאָס איז געווען אַ נידריג שטיבעל מיט אָפּגעריסענע טאַפּעטען און אַ צעבראָכענעם הילצערנעם בופעט, נעבען וועלכען עס איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן מיט אַ ציגען בערדיל, אין אַן אָפּגעריסענעם הוט און דערלאַנגט טיי, אָדער דאַרע קישקעלעך. דער יונגערמאַן האָט אין דער צייט פון דער פרייהייטס־באַוועגונג אַוועקגעוואָרפען דעם האַנדעל מיט לאָטעריי־צעטלען און מעקלעריי און געעפענט אַ טיי־הויז אונטער׳ן שטאָט. אין דעם טיי־הויז פלעגען זיך אַלע פאַרנאַכט צוזאַמענקומען די אַרבייטער מיט גראָשורען, פראָקלאַמאַציעס אָדער סתם זיך אָפּצורוען. און יודעל, וואָס האָט זיך גערעכענט פאַר דעם קלוגסטען, איז געווען שטענדיג דער פאַרמיטלער פון סכסכים. אָט די דאָזיגע פאַרמיטלונג, וואָס האָט אָפּט אויסגענומען צוליב איר אויפריכטיגקייט, איז גיך דערגאַנגען צו די הויכען פון די שטעדטעל-מענשען. און מען האָט אויפגעהערט צו געהן אין די שווערע געריכטען, און מען האָט עס געמאַכט אויף אַ היימישען אופן. איינער האָט געהאַט מיט׳ן אַנדערן אַ סכסוך איבער אַ פערד אָדער אַ זעקיל קאָרן, איז ער אַריינגעקומען אונטערטעניג אין דעם טיי-הויז, אַוועקגעשטעלט זיך און געזאָגט:

—ר׳ יודעל גלייכט אונז אויס. מיר ווילען נישט געהן צו קיין קייזערליכע געריכטען. די אָרגאַניזאַציע וועט עס בעסער מאַכען.

אין יודעל מיט זיין קלוגען, שמייכעלדיגען בליק, האָט זיצענדיג אויפ׳ן טיש, צוגעקלאַפּט מיט די פיס אויסגעהערט ביי-

רע צדדים און אַרויסגעזאָגט אַזאַ אורטייל, וואָס עס איז ביידע געפעלען.

די דין-תורות ביים רב זענען דעריבער אָפּגעפאַלען פונקט ווי עפּעס אַ געהיימע האַנט וואָלט זי אַוועקגעריסען פון אים. שוואַכער און שטילער האָט געקלאַפּט דאָס לעבען אין הויז פון אַלטען רב. נעפּעלדיגער און אומזיכערער זענען זיינע טעג געוואָרען. עפּעס פון צייט-צו-צייט האָט מען נור געזעהן אַריינקומען עטליכע לאָדער. דער רב פלעגט זיך טראַכטען:

—רבש״ע, וואָס איז געוואָרען מיט מיר און מיינע תורה-לערנער? וואו זענען זיי אַהינגעקומען, וואו? אָ, רבש״ע! איך זעה מיינע טעג און נעכט פאַרלאָשענע, כ׳זעה דעם דור אין געשטאַלט פון כלו חיב. אַלץ וועט אַוועקגעהן פון דיר, אַלץ.—און ער פלעגט אַריינפאַלען אין שטול.

עפּעס איינמאָל איז אַריינגעקומען וועלוויל בורעס צום רב, וואָס איז געזעסען האַלב-געבויגען צו דער ערד, ווי אַ אָבל. ער איז צוגעגאַנגען צו אים און אָנגעהויבען צו פאַרצעהלען, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין שטעטעל, ווי די בערזע ווערט פון טאָג צו טאָג פולער, ווי די שטרייקען ווערען שטאַרקער און ווי דאָס געהן מיט רויטע פענער ווערט אָפטער.

דער רב האָט אויסגעהערט און אַריינגעלעגט דעם קאָפּ אין די הענט, דערנאָך האָט וועלוויל אויסגעשאָסען:

—רבי, דאָרט אין ווינקעל איז פאַראַן אַ טיי-הייזעל, זיצען דאָרט די חברה און פסק׳ענען שאלות. עס קומען דאָרט אַהין יודען מיט בערד, בית-המדרש-יודען, נעמען אַראָפּ די היטלען און בויגען זיך פאַר דער רויטע פאָן. הערט דער רבי?

דער רב האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און נישט פאַר-שטענדליך אָנגעקוקט וועלוועלן.

—רבי,—האָט יער ווידער געזאָגט,—און דער שופט פון די דין-תורות איז ער, יודעל. דער, וועלכען דער רב האָט מחרים געווען.

—ער?—האָט דער רב געפרעגט.

—יאָ, דער אייגענער כל-בו׳ניק. ער האָט איצט די דין-תורות פון שטעטעל אַריינגעלאַפּט אין זיינע הענט און. דאָרט, דאָרט זענען זיי. דאָרט, דאָרט!

וועלוויל האָט דערשראָקען גערעדט און זיינע אויגען זענען געווען פול מיט טרערען, ווי ביי אַ קינד. דער רב איז אויפגעשטאַנען פון אָרט אַרומגעגאַנגען הין און צוריק און אויסגעשריען:

—חבל, חבל! חבל, חבל!

---

XXIII

# טעראָר.

פישעל איז שוין מער נישט געקומען, דען ער האָט באַלאַנגט צו יענע פראָפּאַגאַנדיסטען, וואָס האָבען נור געקאָנט אויפרודערען אַ שטעטעל, אָפּקלאַפּען אַ פּאָר הייסע פאַרזאַמלונגען אין וועלדיל, אָרגאַניזירען אַ דעמאָנסטראַציע, ווי עס דאַרף צו זיין. די אינערליכע אַרבייט און אירע סודות איז אָבער געפאַלען נור אויף אַנדערע. יודעל איז בטבע נישט געווען קיין רעדנער, קיין פאָן־טרעגער, קיין פּראָקלאַמאַציע־שיטער און אין זיין צאַרטען דאָך שטאַרקען כאַראַקטער איז געלעגען די דיסציפּלין, דאָס צוזאַמענבונדען די פעדים פון דער פרייהייטס־באַוועגונג. און טאָג־טעגליך האָט יודעלס שטילע אַרבייט געבּרענגט איר פרוכט שטאַרקער. יודעל איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט געהאַלטען די בערזע, וואָס האָט פאַרמיטעלט צווישען די אַרבייטס־געבּער און אַרבייטס־נעמער; וואָס האָט גערופען אַ שטרייק, וואָס האָט אָפּגעשטעלט דעם פאַרקעהר פון די פורען און דראָשקעס, וואָס האָט אַרויסגעגעבען באַפעהלען און שטראָפען פאַר די, וואָס האָבען געקריוודעט די אָרימע און פאַראומגליקטע.

אָט די דאָזיגע שטילע מאַכט, וואָס איז געוואַקסען, ווי פון אונטער דער ערד אַרויס, האָט צו וויסען געגעבען דעם

גראָבען סטראַזשניק און זיינע מיטהעלפער, אַז דאָ איז פאַראַן ערגעץ אַ נעסט פון געהיימע פערזאָנען, וואָס רודערן אויף דאָס שטעטעל, בונטאָווטשיקעס אַזעלכע, וואָס ווילען מאַכען אומאָרדנונגען. איבריגענס האָט דער גראָבער סטראַזשניק געהערט, אַז אין דער הויפטשטאָט מאָסקוואַ און אין נאָך שטעט קומען פאָר אומרוען. סטודענטען וואַרפען די טינטערס די פראָפעסאָרען אין די קעפּ אַריין, אַרבייטער אין די קאַזיאָנע זאַוואָדען וואַרפען די אַרבייט און מאַכען „געגענקייזערליכע" פאַרזאַמלונגען. און דאָס האָט אין זאַטען, שלעפעריגען פּנים פון סטראַזשניק אָנגעצונדען אַ פייער, ער האָט נישט גערוט און נישט געקאָנט שלאָפען. בייננאַכט האָט מען אים געזעהן זיך אַרומדרעהען ביים וואָקזאַל און ווען עס איז אָנגעקומען דער צוג, האָט ער רעווידירט די פּעקלעך און קעסטלעך פון די פּאַסאַזשירען, באַפּאַלען וואוינונגען, האָטעלען, אַרעסטירט דורכגעהער. נור מאָדנע, ער האָט קיין פאַרדאַכט אויף קיינעם נישט געפונען. וואָס עס איז שייך יודלען און די מענשען, וואָס האָבען געלעבט אין דער קוזשניע זענען זיי אים אַפּילו אויפ'ן זינען נישט געקומען, דען ער האָט זיי געקאָנט פון קליינערהייט, און פון וויג אַפּילו, ער האָט געדענקט יודלען, ווי ער פלעגט קליינערהייט זיך רוקען אויף די הענטלעך צו דער שיסעל באָרשט און קאַרטאָפעל זיינע, ווי ער האָט זיך געשפּילט מיט'ן סטראַזשניצקע פייפערל, ווי ער האָט אים מיט די פינגער די באָרד געגלעט. קאָן אַזעלכער זיין אַ בונטאָווטשיק?

אויך שלמה'ן האָט ער געקאָנט פאַר אַזעלכען. אַ בחור'ל, וואָס האָט צו טון מיט פאָדקאָוועס כסדר, ליגט שטענדיג אין קוזשניע ביים פייער, קאָן אַזעלכער זיין אַנ'אַגיטאַטאָר? פאַרקעהרט אָבער האָט ער פון יענער צייט אָן, וואָס ער האָט דערשנאַפּט פישלען, אָנגעהויבען דורכצוגעהן אָפּט די קוזשניע זיך אָפּצושטעלען.

איינמאָל איז יודעל אַזוי געגאַנגען איבערן שאָסיי. ווען ער האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער באַמערקט אונטער די פּלייצעס דעם גראָבען סטראַזשניק אַנ'איבערגעטועניעם.

—וואָס איז דאָס ?—האָט אים אַ פרעמדער געדאַנק באַהערשט און ער איז פאַרביי אים, ווי ער וואָלט אים נישט זעהן.

דאָס מאָל איז יודעל אַוועק אין קוזשניע, אַוועקגעשטעלט זיך אַ מינוט געגען פייער, ווי ער וואָלט באַטראַכטען די כונה פון סטראָזשניק און ער האָט געזאָגט:

—שלמה, איך בין געקומען צום געדאַנק, אַז געאָרג, דער סטראָזשניק, געהט אונז נאָך. מיר קאָנען זיין יעדע מינוט פאַר־שפּילט. זיין קומען אַהער איז נאָר אַנ׳אויסרייד. און מיר טאָרען מער מיט אים קיין סך נישט רעדען. דען איך האָב אים היינט געזעהן אַנ׳איבערגעטוענעם. נאָך וואָס, צום טייוועל, האָט ער עס געטון ?

—ווייס איך,—האָט שלמה געענטפערט פאַרזאָרגט,— ער זוכט מסתמא נאָך פישלען. אָבער ער איז איצט צו אָפט אַ גאַסט ביי אונז.

—מיר דאַרפען אויסמיידען אַ סך צו רעדען מיט אים,— האָט יודעל נעזאָגט,—עס קאָן פאַלען אַ חשד אויף אונז, וואָס שטילער אַלץ בעסער.

—איך רעד קיינמאָל נישט קיין סך מיט אים,—האָט שלמה באַמערקט,—און ענטפער נור דערויף, וואָס ער פרעגט. אָבער יודעל, מיר האָבען דאָך געוואָלט רעדען וועגען עפּעס, כ׳מיין וועגען געוועהר„ וואָס עס איז געקומען אין אונזערע הענט. אוי, ברודער, עס קומען אָן צייטען, וואָס מען וועט נישט קאָ־נען געהן מיט די לעדיגע הענט.

—יאָ, יאָ,—האָט יודעל קאַלט און געלאַסען געזאָגט,—די אויגען אַרום אונז ווערען, וואָס אַמאָל מער אין מיר מוזען אָפּ־היטען נישט דאָס אייגענע לעבען, ווי דאָס לעבען פון די אָרימע, אומגליקליכע, וואָס האַלטען זיך אָן אונז.

—און איך וועל נאָר געהן אַ קוק טון, וואָס עס הערט זיך מיט׳ן קאַלטען אייזערנעם קעסטעלע.

—געה און באַטראַכט עס,—האָט יודעל געזאָגט. זעה צו ליגט עס נאָך, וואו עס איז באַהאַלטען.

שלמה האָט נערוועז אַוועקגעוואָרפען דעם האַמער. זיינע

גרויע, קאַלטע אויגען האָבען זיך אַנ'אומרויגען דרעהגעטון אין די לעכער און ער איז צרויס פון קוזשניע. ווען ער איז שוין געווען אין דרויסען, איז ער אויף די נעגעלעך צו אונטער דער הינער-קאָמאָרקע, עפּעס אויפגעגראָבען און אַרויסגענומען אַ קע-סטעלע, פלינק עס אַ הויב-אויף געטון און אַריין אין קוזשניע.

ביים טונקלען, רויטליכען שיין פון אויווען האָט מען איצט געזעהן זעקס לאַנגע רעוואָלווערען, דראָטען, אויפרייס-מאַטעריאַל, פאַר וועלכען שלמה אַליין האָט אָפּגעציטערט. אָט דאָס מאַטעריאַל, איז געברענגט געוואָרען מיט עטליכע טעג צוריק פון דער גרויסער שטאָדט. עס איז געשיקט געוואָרען צו פאַרטיידיגען זיך פון אַנ'אָנפאַל, אין פאַל פון אַנ'אַרעסט, אָדער ווען אַ געהיימע פערזאָן וועט באַפאַלען. עס איז געשיקט גע-וואָרען צו יודלען, פון וועלכען מען האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ גרויסער קאָנספּיראַטאָר און פאַרטרויליכע פערזאָן. יודעל האָט עס איבערגעגעבען שלמה'ן. שלמה האָט עס באַגראָבען אונטערן פענסטער פון שטאַל. ערשט איצט זענען זייביידע געשטאַנען און באַטראַכט דאָס געוועהר.

—עס קומט אָן די צייט, וואָס מיר וועלען זיך מוזען באַנוצען דערמיט,—האָט יודעל געזאָגט,—בלוטיג זיך באַנוצען. מיר מוזען גרייט זיין יעדע מינוט.

—איך קלעהר אויך אַזוי,—האָט שלמה האַרט געענטפערט,— איך האָב דערפאַר קיין מורא נישט.

—און איך קאָן שיסען, שלמה—האָט יודעל זיך דער-פרעהט.

—איך איך.—האָט שלמה געזאָגט.

עס איז פּלוצלינג אָנגעקומען ברכה'לע, און דערזעהענדיג די פּיסקעס פון די רעוואָלווערען האָט זי אָנגעכאַפּט יודלען ביי האַנט, און מיט שרעק אַ בליק געטון אין זיינע אויגען.

XXIV

## די שטילע באַראַטונג.

יודעל, שלמה, דער גבאי, חסיד און בדחן זענען געזע־סען אין דער פאַרמאַכטער קוזשניע און שטיל האָבען זייערע ווערטער געפּליסטערט אין דער לופט. יעדער פון זיי האָט אַ נעם געטון איינעם פון די רעוואָלווערס, אַ פּרוב געטון און אַרויסגעוויזען זיין דרייסטקייט, זיין קאַמפּלוסט.

דערנאָך ווען דער רעוואָלווער איז דורכגעגאַנגען אַלע־מענס הענט, האָט אים אין האַנט אַריין אַ נעם געטון אַ זייטי־גער מענש, וואָס איז געזעסען נעבען יודלען. דאָס איז געווען דער פּאָטשטאַליאָן, חבר וואָלגעמוט.

דער פּאָטשטאַליאָן וואָלגעמוט איז פון זיין קינדהייט געווען אַ מאַשיניסט אין אַנ׳אייזענבאַן וואַרשטאַט. ער איז אַ חוץ די אַרבייט פעיג געווען צו פאַריכטען אַ וועלאָסיפּעד, אַ ביקס, אַ רעוואָלווער און בכלל דאָס אַלץ, וואָס עס געהער צום וואָרט מאַשין.

זייענדיג שוואַך צו דער אַרבייט האָט זיך וואָלגעמוט דערשלאָגען מיט זיין ביסעל קענטניס, וואָס ער האָט געקריגען אין אַ מיטעל־שולע צו ווערען אַ פּאָטשטאַליאָן. אָבער אויך דאָ האָט ער זיך קיין אָרט נישט געפונען און איז געוואָרען באַ־זייטיגט.

פון דעמאָלט אָן האָט וואָלגעמוט געדינט אין אַ וועלאָסי־

פּעדען געשעפּט, וואו עס איז אויך געווען יעגער-ביקסען צו פאַבריצירען. ער האָט אויך געקאָנט די טעכנישע אַרבייט פון צוזאַמענשטעלען די אַלע אויפרייס-מאַטעריאַלען, ווי דינאַמיט, פּאַראַפין און נאָך אַנדערע פּרעפּאַראַטען. מיט יודלען איז ער היימיש געווען פון שטענדיג און גערעדט אָפט מיט אים וועגען דער אומגליקליכער לאַגע פון די אַרבייטער אין די גרויס שטאָטישע וואַרשטאַטען. דאָס איז געווען אַ הויכער, בליאָנדער קריסט מיט בלויע אויגען און באַקענבעך, וואָס האָט שטענדיג אין מויל אַ לולקע געהאַלטען, געררויכערט און פאַרצעהלט אָפט וועגען זיינע נייע ערפינדונגען אויף'ן געביט פון טעכניק און עלעקטריציטעט. אַ חוץ דעם איז ער געווען אַ גוטער, געאיבטער שיסער און באַמבאַדיסט. ווען יודעל האָט זיך צורעדט מיט אים וועגען דער נויטיגקייט פון אויסלערנען זיך שיסען אין דער היינטיגער צייט, האָט וואָלגעמוט זיך גענומען צו באַשאַפען אַזאַ גרופּע געאיבטע שיסער.

מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט דער קריסט זיך אויסגעקליבען עטליכע בחורים, צווישען זיי: דעם גבאי, דעם חסיד, דעם בדחן און שלמה'ן, וועלכע ער האָט גערופען ווייט אויף'ן שאָסיי. און דאָרט אויסגעשטעלט זיי אין רייען. יודעל איז געשטאַנען פון ווייטען און צוגעקוקט זיך צו יעדען, צו זיין ענערגיע, קאַמפּספּעיגקייט און כאַראַקטער. מער פון אַלע איז אים געפעלען זיין שטאָלערנער חבר שלמה, וואָס האָט קאַלט געצילט און געשאָסען. און דער גבאי, דער דאַרער בחור מיט'ן פּיפּקעלע, וואָס האָט אַרויסגעוויזען פאַרביסענקייט ביי זיין שיסען.

ווען זיי האָבען פאַרענדיגט די איבונגען, איז יודעל צוגעגאַנגען און מיט אַ שמייכעלע זיי צו געוואונשען ערפאָלג.

— דו, — האָט ער געזאָגט צו שלמה'ן, — וועסט מיט דער צייט זיך אַנ'עצה געבען מיט אַ נאָכקריכער נאָך די פּלייצעס, דעם ערשטען שפּיאָן, און דו, גבאי, וועסט זיין אַ מייסטער אָפּצורוימען פון וועג אַ פּיאָלקע. איך וואונש אייך מזל-טוב!

יודעלע מיט׳ן צאַרטען כאַראַקטער האָט פיינט געהאַט בלוט-פאַרגיסונג. יעדעס מין שחט׳עריי, יעדעס מין מעסער, וואָס איז געפאַלען אויפ׳ן האַלז פון אַ לעבעדיג באַשעפעניש, יעדען גוואַלדטאַט, נור קוים איז עמיץ אויפגעשטאַנען געגען אים, איז דאָס פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ נקמה געפיל. און דאָס דאָזיגע ברענענדיגע נקמה-געפיל האָט אויפגעפלאַמט אין אים ביי דער מינדסטער באַליידיגונג פון אַ שטאַרקען געגען אַ שוואַכערען, ביי דער מינדסטער נשמה באַרירונג. פלעגט ער זעהן אין גאַס אַ רייטער, וואָס שמייסט זיין פערד, איז ער אים געלאָפען אַנט-קעגען און אויסגעשריען: „עי, רויבער, וואָס שלאָגסטו דיין אומגליקליכע חיה? עס קאָן דאָך קומען די מינוט, וואָס דו זאָלסט, ווי זי געשלאָגען ווערען.״ פלעגט ער זעהן אַ די-נער מיט אונטערטעניגע בליקען פאַר זיין בעל-הבית, פלעגט זיך אים ווילען צוגעהן צום בעל-הבית און אַ זאָג טון: „מענש פון בלוט און דינער-הויט, אמת, אַז דו געוועלטיגסט היינט איבער דיין קנעכט, נור וועה, מאָרגען קאָן דיין קנעכט דיך הינטיש פאַרפאָלגען.״ און אָט דאָס דאָזיגע געפיל האָט אים פאַרפאָלגט. זעהענדיג די טויזענטער אָרימע, באַליידיגטע פון האַרען און נישטיגע פאַרשוינען, איז ער טאָג-טעגליך געוואָרען אָנגעצונדענער און צאָרנפלאַמיגער.

מערסטענס האָט זיך אין אים אָנגעצונדען פאַרדרוס געגען די איבערגעטוענע, פרעמדע לייט, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען דרעהען אין שטעטעל. דער גראָבער סטראַזשניק, וואָס איז אַלעמאָל פאַרוואַנדעלט געוואָרען דורך זיין אָנטוען אין אַ פרעמ-דע פערזאָן האָט אים די אויגען געשניטען.

## XXV

# דער גובערנאַטאָר.

צום אויער פון גובערנאַטאָר איז די ידיעה וועגן דעם, אַז אין שטעטעל איז אומרויג ביז דער דעמאָנסטראַציע מיט דער רויטער פאָן נישט דערטראָגען געוואָרען. מען האָט דאָס געהאַלטען פאַר קליינע מאַרק-סקאַנדאַלען, וואָס קאָנען געשעהן יעדען מיטוואָך און דאָנערשטאָג, און וועגן וואָס עס לוינט גאָרנישט צו רעדען. נור ווען איבער דער שטאָט האָט זיך אויפגעהויבען די רויטע פאָן, אַ סימן, אַז דאָ איז אַ רויטע מאַכֿט פאַראַן, האָט עס שוין דער גראָבער סטראַזשניק, אין וועלכֿענס הענט עס איז געלעגען די גאַנצע פּאָליצייאישע מאַכֿט, ראַפּאָרטירט צום גובערנאַטאָר.

דער ש—צער גובערנאַטאָר, איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר פופציג, הויך, שטאַרק געבויט, גרוי, מיט אַ פּירעקידיג געשוירען בערדעל, וואָס האָט אים געגעבען דעם אויסדרוק פון די צאָל יאָרען וויפיל ער איז אַלט געווען. אָבער זיין פלינק באַוועגליכֿער קערפּער, די שפּיצרוזגע, מיט וועלכֿער ער האָט אויס גדלות געפּאָכֿעט און געשמיסען אָרימע דורכֿגעהער, די גאָלדענע עפּאָלעטען אויף די אַקסלען, האָט אים פיל יונגער געמאַכֿט.

דער ש—צער גובערנאַטאָר, איז געווען אַ קינד פון יענער הויכֿער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט די גאָטהייט געפונען

נור אין דער פויסט. דער אַלמעכטיגער קייזער פאַרמאָגט אַ גרויסע מעכטיגע פויסט, דער מיניסטער—אַ קלענערע פויסט. דעם גובערנאַטאָרס פויסט גרייכט נור ביז איבער זיין גובערניע. דאָך אין זיין האַנט ליגט די גאַנצע גובערניע און ער קאָן מיט איר טון דאָס, וואָס ער וויל.

נור די גובערניאַלע קאַנצעליאַריע האָט דאָ נישט געהאַט, וואָס צו באַהערשען מיט דער פויסט, האָט זי זיך שוין אַזוי יאָרען געדרעהט אויף אירע אַלטע רויגע רעדער. ווי: איינגעצויגען די שטייערן פון גרויסע אייגענטימער, ערד שטייערן, פיה און פערד שטייער, און אַרויסגעגעבען פון צייט צו צייט אַנ׳אויסלענדישען פאַספאָרט צו קורירען גאַלשטיינער און מאַכען בעדער פון זאַלץ פאַר שמאַלץ-ליידענדע, דיקע פאַרשוינען, און דער גובערנאַטאָר האָט זיך געלעבט אַ פריי יונג לעבען, געטאַנצט מיט אָפיצערסקע פרויען, פאַרבראַכט אין אָפיצערסקען קלוב אין געפאָרען אָפט אין זיין געבורטסשטאָט פעטערבורג, פון וואַנען ער האָט מיטגעבראַכט אַ הויף-דאַמע, אויף זומערוואוינונג... די רעשט האָט אים גאָר נישט געקימערט אויסער דאָס, וואָס ער פלעגט אין גאַס צונעמען אַ טשעסטי וואָ פראָנט פון אַ זעלנער, אָדער פון אַנ׳אָפיציר און ביינוואוינען אַ פערד-יאַגד: פרילינג און הערבסט. אַזוי האָט דער גובערנאַטאָר פאַרברענגט דאָס לעבען. ביז איצט, ביז דער מינוט, ווען די רויטע פאָן האָט זיך פלוצלינג אַ הויב-אויף געטון איבער דער שטאָט.

פון דעמאָלט אָן איז דער גראָבער סטראַזשניק געקומען טאָג־טעגליך צום גובערנאַטאָר ראַפּאָרטירען וועגען אַלע געשעהענישען אין שטאָט און דער גובערנאַטאָר האָט געהייסען צעטרייבען די פאַרזאַמעלטע, שלאָגען מיט דער שווערד איבער די קעפּ און אָפּטמאָל שיסען. און געהענדיג אין גאַס פלעגט ער אָפּשטעלען מענשען, זיי שלאָגען מיט דער שפּיצרוזגע.

יודעל פלעגט דורכגעהן אין גאַס כמעט אומבאַמערקבאַר פאַר׳ן גובערנאַטאָר, די הענט אין די קרומע קעשענעס פון דער מאַרינאַרקע, די גרויס שמיוועלדיגע פּיס אַ ביסעל איינגעבויגען. נור ער האָט דעם גובערנאַטאָר געזעהן דורך און דורך.

ער האָט געזעהן זיין שטאָלץ, זיין גאוה׳דיגען הויכגעוואוקס און ער האָט אינערליך געשמייכעלט, ביטער מיט צאָרן-פייער-לעך אין די אויגען. סאַראַ נאַר, האָט ער געטראַכט, סאַראַ איינגערעדקייט, וויפיל הויכגעוואוקסיגע זיכערקייטען פאַלען מיט איין מינוט, ווען דער ווילדער סויט גיט זיי אַ לאַך אין די אויגען אַריין. אוי, סאַראַ נאַר.

און ער האָט גוט באַטראַכט, ווי ער געהט, דער גובער-נאַטאָר, דורך וועלכע וועגען און שטעגען, ווען קומט ער אַרויס פון שטוב, ווען געהט ער שלאָפען און ער האָט דאָס בילד שטיל באַהאַלטען אין זיין זכרון.

XXVI

## דער ערשטער אַקט געלונגט נישט.

—דעם ערשטען טויט וואָלט איך געשענקט דעם גובער-נאַטאָר׳,—האָט יודעל געזאָגט צו שלמה׳ן, שטעהענדיג רויג אָנ-געשפּאַרט מיט׳ן עלענבויגען אויפ׳ן פענסטער פון דער קוזש-ניע,—ער איז מיר צו גרויס אין די אויגען. גלייכער שטענ-דיג אָנצוהויבען פון קאָפּ. פונדעסטוועגען וועלען מיר אָנהויבען פריער פון די קליינע הינט, דער גראָבער מוז פאַלען דער ערשטער. דאָך וועמען נעמען מיר צו אים?

דער גבאי האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלז און געזאָגט:

—מיר, מיר גיט אים איבער, איך וועל אים שוין רעכטפאַר-טיגען כאָטש היינט.

דער חסיד, וואָס איז געשטאַנען נעבען אים, האָט אויס-געדריקט זיין גרייטקייט צו וואַרפען זיך דער ערשטער אויפ׳ן סטראַזשניק. שלמה און דער בדחן האָבען ביידע אָנגעכאַפּט ביים הענטעל פון איין רעוואָלווער און געריסען זיך איבער אים.

געגאַנגען איז וואָלגעמוט, דער אָנפירער פון אַט דער קאַמפּס-גרופּע, שלמה און גבאי. שלמה האָט געשפּילט די ראָליע פון אַ פאַרטיידיגער, אָפּצושלאָגען אין פאַל פון אַן׳אַרעסט גבאי׳ן; גבאי איז געגאַנגען פאָראויס, לאַנגזאַם, אַז מען זאָל אים נישט באַמערקען צווישען זיינע חברים.

די נאַכט איז צוגעפאַלען. דער גראָבער סטראַזשניק, וואָס האָט געוואוינט אויפ׳ן שאָסיי, האָט אָפּגעגעסן זיין זאַטען באָרשט מיט חזיר-פעטס, פאַררויכערט אַ לילקע און אַוועק אין גאַס אַריין זוכען באַהאַלטענע מענשען.

גבאי איז אים נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט. אין האַרץ האָט געקלאַפּט, די אויגען האָבען זיך גרויס געדרעהט אין די לעכער. און דער גראָבער איז געגאַנגען מיט אַ זיכערע פעסט-קייט פאָראויס, יעדעס מאָל ווען ער איז דורכגעגאַנגען אַ קראָם האָט אַ ליכטיגע רויטקייט אַ שיין אָפּ געטון אויף זיין פנים. און דער גבאי האָט דערזעהענדיג דאָס רויטע פנים מיט דער האַלבער וואָנצע, זיך עפּעס דערשראָקען פאַר זיך אַליין. און ווען ער איז אַריין אין אַ פינסטער געסעל איז ער אים נאָכגעגאַנגען, ווי אַ שאָטען.

ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך. דער רעוואָלווער איז פאַר-גליווערט געוואָרען אין זיינע הענט און עפּעס אויסגעוואַקסען פאַר אים אין געשטאַלט פון אַ גרויס, גרויס באַשעפעניש. די פיס זענען אים אָפּגעשטאַנען, די הענט האָבען געציטערט און אין האַרץ האָט געפילט עפּעס אַ פאַר׳חלש׳טע מורא, פון וועל-כער ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען.

—שיס ! שיס !—האָט עמיץ אויף אים אַ רוף געטון.

נור דער גבאי, וואָס איז בטבע געווען אין זיין נאַטור אַ יונגעל פון אַ בכבוד׳יגען חסיד׳ישען טאַטען, האָט די שטים נישט געקאָנט הערען. ער האָט זיך געראַנגעלט און דעם רע-וואָלווער פון האַנט אַרויסגעלאָזט.

—דעם רעוואָלווער האָט שלמה נעכאַפּט. ער האָט דער-פילט, אַז אויף זיין גורל איז געפאַלען צו פאַרענדיגען דאָס, וואָס דער גבאי האָט אומגעלומפערט אָנגעהויבען. האָט ער גע-כאַפּט דעם רעוואָלווער און אויסגעשאָסען צוויי מאָל. ביי ביידע מאָל האָט ער נישט געטראָפען און דער גראָבער האָט, אַ מינוט שטעהענדיג פארגליווערט, געכאַפּט זיך פאַר דער שווערד און געפּאָכעט, אַז קיינער זאָל אים נישט קאָנען דערגרייכען.

מיט דער מינוט איז געוואָרען אַ טומעל אין שטעטעל.

די קראָמען זענען פאַרמאַכט געוואָרען, די מענשען זענען זיך צעלאָפען אין די שטובען און אין די טויערן. די פּאָליציי, וואָס האָט געהאַט אין איר באַזיץ עטליכע איבערגעטוענע און אָנגעטוענע אין זייער פאָרם—פּאָליציאַנטען, האָט זיי צעשיקט אין אַלע עקען שטאָט און זייער שיסען האָט זיך פון דעם און יענעם ווינקעל געהערט.

דאָס שטעטעל האָט געקאָכט און ווי נאָך אַ תענית האָבען זיך געהערט די זיפצען. קיינער האָט גאָרנישט געקאָנט טון: דער בעקער האָט נישט געבאַקען, דער שוחט האָט נישט גע׳שחט׳ען, דער סוחר האָט פאַרגעסען אין זיינע פדיונות און יעדער האָט געפרעגט: לעבט ער נאָך, דער גראָבער? שטעהט ער נאָך אויף די פיס? מערסטענס האָט זיך באַרוהיגט וועלוויל בורעס, וואָס איז שוין די נאַכט נישט געשלאָפען און קוקענדיג מיט מורא אין שוואַרצען קוימען אַריין, האָט ער גערעדט מיט אַ ציטערדיגע שטים צו דער גראָבער מאַמען, וואָס איז געלעגען געגען די דריי שטינקעדיקע אייל-פעסער, און אַ קליין גלעזיל אייל מיט אַ קנויטל האָט געברענט נעבען איר, ווי אַ נר-תמיד.

—אָט זעה, מאַמע, וואָס איך האָב געזאָגט,—האָט וועלוויל זיך באַרימט און זיין קול האָט געציטערט פון שרעק,—דער שטילער רעוואָלווער האָט אויסגעשאָסען און ער וועט נאָך שיסען און שיסען און דערשיסען אַלעמען מיט איין מאָל. מיך, דיך און אונז אַלעמען דאָ, אָט, וואָס מיר האָבען דערלעבט.

—מיר זענען אין גלות און שוואַרצע משחיתים טאַנצען דאָ, אין שטעטעל אַרום—האָט די גראָבע מאַמע געענטפערט מיט אַ גראָבער באַסען-שטים—וואַש די הענט, וואָלף, און לייען קריאַת-שמע כּאָטש, פּאָלג מיך!

—יאָ, קריאַת-שמע וועט העלפען,—האָט וועלוויל ביטער צעגעזיפצט און אויסגעדרעהט דאָס פּנים צו דער וואַנט.

## XXVII

## די פֿײַנע קינדער רוקען זיך אָפּ.

—אַצינד, חען דו וועסט נאָך איינמאָל אַרויסגעהן אויף דער בערזע, וועט חשך זיין,—האָט די מוטער פון דער פאַמיליע באָגער, אַ הויכֿע, בלאַסע פרוי מיט ברילען און מיט אַ גראָבען קרבן-מנחה סדור אין דער האַנט, געזאָגט צו איר טאָכֿטער רויזעל, וואָס איז געזעסען בלאַס און דערשראָקען פון דער נעכֿטיגער נאַכֿט און געקוקט דאָרט, צו דער בערזע, וואו זי פלעגט זיך באַגעגענען מיט׳ן גראָבען סטודענט, דעם קריסט.

די טאָכֿטער רויזעל האָט אַ קאַפּריזנעם בליק געטון צו דער מוטער, ווי זי וואָלט זאָגען: וואָס ווילססו, סיי-ווי-סיי האָב איך קיין גרויסען פאַרלאַנג נישט אַהין צוגעהן. וואָרום ביז איצט איז ביי איר די בערזע געווען אַ מין שפּאַצירערט, וואו זי האָט געקאָנט דורכֿפירען אירע ראַנדעוואוען. דאָרט, אין סעדיל, פלעגט זי אַלע נאַכֿט זיך דרעהען אַהין און צוריק, רעדען, שמועסען און הייס דעבאַטירען איבער עפּעס. אין דער אמת׳ען האָט מען געמיינט, אַז דאָס רעדט מען איבער הויכֿע ענינים, נור אין גרונט גענומען, האָט דער סטודענט איר דאָרט באַשאָטען מיט קאָמפּלימענטען, פון וועלכֿע זי האָט זיך פאַרויטיגט ביז איבער די אויערן, און אַצינד טאַקי, ווען זי האַט געהערט, אַז עס שמעקט מיט שיסען און הענגען איז זי זיצען געבליבען אין שטוב און אירע פאַרבענקטע

אויגען האָבען אוועקגעצויגען אַהין, אַהין:

—אַציגד זאָלסטו מער נישט געהן אַהין,—האָט די מו-טער געזאָגט,—נו, לאָמיר זעהן, אַז דו זאָלסט עס וואַגען צו טון? דאָ, זאָלסטו זיצען, עס פעלט מיר נאָך אַ קויל צו קריגען. נור, ויאָס דאַרף איך רעדען מיט דיר, אַז סיי-חי-סיי וועל איך דיר די שיך באַהאַלטען און דו וועסט נישט קאָנען אַרויס-געהן!

רויזעל האָט אַ בליק געטון אונטערן בעט און אין דער אמת׳ען האָט זי דאָרט די שיך אירע נישט געזעהן. זי האָט אַ קוק געטון אין שאַנק, האָט זי דאָרט אירע מלבושים נישט געפונען און עטליכע באַדויערענדע טרערען זענען פון אירע אויגען אַרויס.

—אָט, וואָס עס האָט מיך געטראָפען,—האָט רויזעל אַ שאָקעל געטון מיט׳ן קאָפ, ווען די מוטער איז אַוועק און אַוועק-געלעגט דעם קאָפ געגען פענסטער, ווי אַ געשאָסענער פוי-געל.

אין דעם אייגענעם אָוועט זענען די אַלע פיינע קינ-דער שוין מער אויף די בערוג נישט געקומען. אַ טייל האָבען זיך פאַרקוקט אויף רויזלען, אַז זי קומט נישט, דאַרפען זיי אַוודאי נישט געהן, אַ טייל האָבען פון זיך זעלבסט מורא גע-קריגען און נישט געגאַנגען. פון דער בערזע זענען אַראָפּ אַלע יענע בלוי-קליידעלדיגע שטובמיידלעך, וואָס האָבען, שפּאַצירענ-דיג מיט די סטודענטען, אַ שטיקעל צייט דעקאָרירט דאָס סע-דיל.

XXVIII

## זמַן האָנט.

—די אַרבּעט איז אייך נישט געלונגגען, גיט עס אי-בּער אין מיינע הענט,—האָט יודעל אויף צומאָרגענס געזאָגט צו שלמה'ן, גבּאי'ן, דעם חסיד און וואָלגעמוט'ן.

און ער האָט לאַנג נישט געדעדט. מיט איין מינוט איז ער געוועזן איבּערגעטון אין אַ טונקעלען אַנצוג מיט בּרילען איבּער די אויגען, ווי אַ שאָפער. דערנאָך האָט ער געכאַפּט דעם רעוואָלווער אין קעשענע און איז אַרויס איינער אַליין פון שטוב.

דאָס מאָל איז דאָס צאַרטע פּנים יודעלס, ווי פאַרענדערט געוואָרען. עס האָט, ווי אָנגעוואוירען יענע אינערליכע רוהיג-קייט און רחמנות'דיגקייט. די קליינע אויגען האָבען זיך שנעל געדרעהט אין די לעכער, די ציין האָבען פאַרבּיסען געקריטשעט. ער איז געגאַנגען שנעל איינער אַליין, זוכענדיג אי-בּערן וועג דעם גראָבּען סטראַזשניק. עס איז פינסטער אויף די גאַס געוועזן, נור אַ רויטע שיין פון אַן'איינציגער לאַמטער-נע האָט אַוועקגעלעגט איבּער די רויטליכע שטיינער טונקעלע שאָטענס פון די פאַרקאַנעס. ערגעץ ווייט האָבען די קירכען-גלאָקען געקלונגען מידע, שווערע אָנוואַרפענדיג אַ פאַרבּאַהאַל-טענעם שרעק אין זיינע אויגען. יודעל איז געגאַנגען שנעל און ער האָט נישט געפילט, צי טראָגען אים זיינע פיס, זיין

קערפּער צי עפּיס אַ געהיימע האַנט טראָגט אים ערגעץ אין דער ווייטקייט. די פּאַרקאַנעס און הייזער זענען געפלויגען, ווי דורך אַ פענסטערל פון דער באַן. שנעל, שנעל פאַרשווינדענ־דיג, ווי עמיצענס הענט וואָלטען זיי צעשיט פאַר זיינע אויגען. אין זיינע אויערן האָט מורא׳דיג געקלונגען, גערוישט, געפּייפט און געציטערט.

נור פלוצלינג האָט אים עטוואָס אָפּגעשטעלט, דאָס איז געווען דער דיקער קערפּער פון סטראַזשניק, וואָס האָט זיך אים אַ ווייז געטון אין דער האַלבער פינסטערניש. יודעל האָט זיך דאָס מאָל דערשראָקען פאַר אים, פונקט ווי ער וואָלט אים דאָס ערשטע מאָל אין לעבען זעהן, עפּיס מאָדנע האָבען אים אויסגעזעהן די דיקע פּלייצעס, די בלישטשעדיגע שווערד, די וואָנסע, ער האָט געוואָלט אַ הוסט טון, נור ער האָט זיך אָפּגעהאַלטען.

אין יודלען איז עפּיס אין האַרצען קאַלט און פאַרגלי־ווערט געוואָרען. עס האָט ערוואַכט אין אים דער שטילער, מילדער צער־בעלי־חיים. דער, וואָס האָט קיינמאָל פאַר זיך קיין בלוט נישט געקאָנט זעהן; דאָס קינדישע, פּיעטשטשענדע און בענ־קענדע האָט אַ ריר געטון די אינערליכע סטרונעס פון זיין האַרץ, מיט איין מאָל האָט ער שעור פון האַנט דעם רעוואָל־ווער נישט אַרויסגעלאָזט און געהאָלט אוועקגעזעהן שטיל און באַזיגט פון זיינע צאַרטע געדאַנקען, נור ער האָט זיך דערמאָנט אין די פאַרשוואַרצטע פּנים׳ער. מיט די עלענדע אויגען און די נאַקעטע לייבער זייערע און ער איז שטעהן געבליבען פעסט, דריקענדיג דאָס הענטעל פון רעוואָלווער.

ער איז געשטאַנען, געקוקט אין דער ווייטקייט און זיין האַרץ האָט שטיל געקלאַפּט, ווי ביי אַ פויגעל, וואָס איז אַריינ־געפאַלען אין אַ פרעמדע אומבאַקאַנטע נעסט. דאָס דיקע פּנים פון סטראַזשניק האָט זיך אַלעמאָל פאַר זיינע אויגען אַ וואָרף געטון און געברענגט אַ רחמנות׳דיגען, שרעקליכען ציטער אין די ביינער. ער האָט זיך אומגעקוקט, ער האָט זיך פאַר עפּעס אַ געשטעלט דערשראָקען, דאָס איז געווען די אַם, די ליבע,

פרעמדע זויגערין, וואָס האָט אים אַמאָל אין אירע אָרעמס געהאַלטען און דערצויגען. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, ווי זי שטעהט נעבען אים, בעט אים ־יִפּעס און פאַרלאַנגט עפּעס פון אים.

ער האָט דעם רעוואָלווער אַרויסגעלאָזט פון האַנט און געבליבען שטעהן נידערגעשלאָגען און געפאַלען ביי זיך, ווי אַ יתום וואָס איז אין אַ טונקעלען וואַלד פאַרבלאָנדזשעט. פּלוצלינג אָבער האָט ער דערפילט אין זיך אַ פעסטקייט, אַ שטאַרקייט אין די גלידער, ווי טויזענטער שטימען וואָלטען אים רופען: „יודעל, מיט דיין טאַט וועסטו טויזענטער מציל זיין!" און ער האָט מיט שרעק דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, פאַרמאַכט די אויגען, דערנאָך אויפגעהויבען די הענט, און אַ קוק געטון מיט איין אויג דורך די שפּאַרעס פון פּאַרקאַן, וואו עס איז געשטאַנען דער גראָבער סטראַזשניק.

—טראַך, טראַך—האָט זיך געהערט אַנ׳אויסשאָס דורכ׳ן פּאַרקאַן—טראַך, טראַך,—עמיץ האָט אַ פאַרצווייפעלטען געשריי געטון און געפאַלען.

דאָסמאָל האָט זיך יודעל האַרט אומגעדרעהט און מיט געלאַסענע טריט אַוועק אַהיים.

## XXIX

## זייער באַגייסטערונג.

יודעל איז אַריינגעקומען, געלאַסען זיך אַוועקגעזעצט צווישען זיינע חברים און אַ וויש געטון דעם שטערען, פונקט ווי ער וואָלט גאָר נישט האָבען אָפּגעטון, נור שלמה און ברכהלע, וואָס האָבען געוואוסט, וואו ער איז געווען, האָבען אים אַרומגעכאַפּט צעקושט זיך מיט אים און אויסגעפרעגט, וואו ער האָט דעם גראָבען באַגעגענט. יודעל האָט נישט געענטפערט, ער איז געווען שטאָלץ פון זיין עו״שטען געלונגענעם טאַט און דאָס שטאָלצע גליק פון נקמה האָט ער באַהאַלטען אין האַרץ. עפּעס פון מינוט צו מינוט האָט ער זיך דערמאָנט אָן די אויגען פון גריגאָרין דעם גראָבען, אָן זיין שמייכעל און אָן זיין דריק צו מיט די ציין ביים שטאַרבען, און אַ הייסער שוידער האָט דורכגעבליצט זיין מאַרך, נור ער האָט זיך באַרוהיגט.

—אַצינד האָבען מיר דעם ווילדען דאָרן אויסגעריסען מיט׳ן וואָרצעל,—האָט יודעל געזאָגט,—קיינער וועט נישט שטערען!

—עס איז דיר גוט, וואָס דו האָסט אים אָפּגערוימט פון וועג אי׳ן דערמיט מציל געווען דאָס לעבען פון טויזענטער אונזערע,—האָט שלמה געזאָגט און אַ קוש געטון אי׳ם אין קאָפּ.

—נאָר מער וועסטו נישט געהן צו אַזעלכע אַרבעטען,—האָט אים אָנגעכאַפּט ביי די הענט ברכה׳לע,—דו ביסט מיר אַ

שאָד, איך האָב די גאַנצע צייט נישט גערוט, דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט אין מיר, דו וועסט מער נישט געהן.

—אַז עס וועט אויסקומען, ברכ׳טשע, וועט מען מוזען ווייטער געהן,—האָט יודעל איר אַ גלעט געטון איבער׳ן קאָפּ, זעה, שוועסטערל, שטער מיר נישט, זעה, וועל איך דיך ליב האָבען!

—און איך וועל עס דיר נישט לאָזען געהן, מיין חבר,—האָט ברכה׳לע געזאָגט,—אין דער מינוט ווען דו ביסט אַוועק האָב איך דאָס גאַנצע גליק פאַרלוירען...

—נו, דו זעהסט דאָך דאָס איך בין צוריקגעקומען—האָט מיט אַ שמייכעל יודעל געזאָגט,—איך וועל געהן, און ווידער צוריק קומען.

—און, אַז דו וועסט שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען?..—האָט ווידער ברכה׳לע געזאָגט.—און זי איז געפאַלען מיט׳ן קאָפּ אין זיינע אָרעמס.

מיט עטליכע מינוט שפּעטער איז שלמה און ברכה׳לע אַרויס אין דרויסען, יודעל איז זיצען געבליבען איינער אַליין, און אין האַרץ האָט נאָך געקלאַפּט מיט יענע אויפגערעגטע קלעפּ פון נאָך אַ שטאַרקען טאַט. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ ראָד, וואָס איז געלעגען אויף דער ערד, און זיינע קליינע אָנגעצונדענע אויגען האָבען געקוקט אין דער טיפער ווייסקייט. דאָס פּייער אין קוזשניע איז געלאָשען געווען, און אַ קליין פלעמיל פון אַנ׳אייל-לעמפּעל האָט באַגאָסען די ווענט און פּאָלאַפּ פון דער קוזשניע מיט אַ רויטער, קאָנוואולסיווער שיין. יודעל האָט זיך, ווי מיט שרעק, צוגעפּרעסט צו די שטאַפּלען פון ראָד. פון דרויסען זענען אָנגעקומען געשרייען. דאָס זענען געווען די געשרייען פון גריגאָריס פרוי און קינדער. די געשרייען האָבען זיך אים איינגעשניטען אין די אויערן און געמאַטערט מיט מאָדנע אומגליקליכע שאָטענס פאַר די אויגען.—בין איך שולדיג? האָב איך אַ פאַרברעכען געטון? האָבען יודעלס ליפּען געשמאַמעלט. ניין! נאָך אַ טויט פון איין שולדיגען וויינט איצט אַ פרוי מיט קינדער און וויפיל אומשולדיגע קינ-

רער באַוויינען דעם טויט פון זייערע פריה געשטאָרבענע פאָ-
טערס?

ווידער איז אים ליכטיג געוואָרען אין די אויגען און
עפּיס אַ פרעהליך געקלאַנג פון טויזענטער פאַרמאַטערטע הער-
צער האָט אים, ווי פאַרקלונגען מיט אַ מאָדנעם פרעהליך גע-
זאַנג, ווי זיי וואָלטען זאָגען: עס איז ווערט דער טויט, וואָס
דו האָסט געשענקט איינעם, אום דו זאָלסט דערמיט ערלעזען
טויזענטער. יודעל איז אויפגעשטאַנען פון אָרט און אָנגעהויבען
געהן אַהין און צוריק, ווי זיך צו באַפרייען פון די צווייערליי
געדאַנקען, וואָס האָבען אים געמאַטערט, געפּרעסט דאָס האַרץ.
די טיר האָט זיך געעפענט און עס איז אַריין ברכה׳לע, זי איז
אויף אים צוגעפלויגען מיט אירע צוויי שמאָלע הענטלעך, ווי
צו בעטען אים:—וועסטו נאָך אַהין געהן, אַ יאָ?

XXX

## דער טומעל און די שיסעריי.

דאָס שטעטעל האָט איצט אויסגעזעהן, ווי אין אַ שרעקליכען יריד; די געוועלבער זענען פאַרמאַכט געווען, דער האַנדעל איז געווען אַ צערודערטער, מענשען זענען געלאָפען אַהין און אַהער, ווי דערשראָקען פון אַ שרעקליך געשעהעניש. דאָ, דאָרט זענען אַרומגעלאָפען אַ גרופּע פּאָליציאַנטען מיט די רעוואָלווערען אין די הענט, געזוכט, געפרעגט און אָפּגעשטעלט מענשען אין גאַס: „ווער האָט געשאָסען גריגאָריען, ווער"? און זעהענדיג ווי קיינער ענטפערט זיי נישט, זענען זיי נאָך ווילדער און דערשראָקענער געוואָרען פאַר'ן אייגענעם לעבען; מען האָט געשאָסען גלאַט אַזוי אין דער לופט אַריין, אין די קראָמען, אין די פענסטער פון שול און בית-המדרש און אין די אייגענע פּאָליציי—קאַמערען. אויף די קיאָסקען און ראָגעס זענען אַרויסגעקלעפּט געוואָרען אויפרופען פון גובערנאַטאָר, אַז די שולדיגע אין גריגאָריס טויט דאַרפען געהאָנגען ווערען, אָדער צעריסען ווערען אויף שטיקער. אין דער רוסישער צערקווע האָט מען אַ גאַנצען טאָג אָפּגעריכט גאָטעס-דינסטען, די גלחים האָבען דרשות געהאַלטען פאַר גריגאָריס נשמה וועגען. די גלאָקען האָבען געקלונגען אויף דעם גאַנצען אָרקעסטער, קלענערע און גרעסערע גלאָקען.

פאַרנאַכט האָט מען פון גריגאָריס שטוב געזעהן טראָגען

אַ טרומנע מיט אַ היטעל און אַ שווערד. נאָך דער טרומנע זע-נען נאָכגעגאַנגען פּאָליציאַנטען מיט בלויזע קעפּ, די גאַנצע גובערניע און אירע טשינאָווניקעס און דער גובערנאַטאָר אַליין איז נאָכגעפאָרען לאַנגזאַם, און באַטראַכטענדיג דעם ציווילען המון האָט ער זיך געקלערט, וואָס איז אים אויסצו׳הרג׳ענען אָט די גאַנצע מחנה מענשען, אַז ער זאָל דערגעהן, ווער עס האָט זיין גריגאָרין פון דער וועלט אַוועקגענומען. און טראַכ-טענדיג וועגען גריגאָריס טויט האָט אַ בליין געטון אין זיין געדאַנק, אַז אויך אויף אים לאָקערט אַ שרעקליך אויג, וואָס וועט אין איין מינוט גלייך מאַכען אים, דעם גרויסען הערשער, צו גריגאָרין און פאַר זיינע אויגען איז געשפּרונגען עפּיס אַ מענש מיט אַ הוט איבער די אויגען און דעם ברייטען שטע-רען, מיט אַ קינזשאַל אין האַנט.

דערווייל איז צווישען דעם המון אַרומגעגאַנגען מוטלאָז, איינער אַליין, אָפּגערוקט פון אַלעמען, יודעל. פון די שרעקלי-כע, שלאָפלאָזע נעכט האָט זיך אים דער קאָפּ געדרעהט און געשלאָגען די שלייפען. אין זיינע אויערן האָט נאָך געקלונגען דאָס געוויין פון גריגאָריס ווייב און קינדער; דאָס קלינ-גען פון דער צערקווע, דאָס בעטשען פון די גלהים און דאָס שפּילען דעם טרויערמאַרש פון די זעלנער, וואָס האָבען באַ-גלייט גריגאָרין. גאָט איינער, זיי זאָלען וויסען, אַז שולדיג אין דעם אַלעמען איז ער, נור יודעל? נאָכמער האָט אים וועהגעטון דאָס האַרץ, דאָס ווען ער איז דורכגעגאַנגען דעם פּאַרקאַן פון בית-עולם, נעבען וועלכען מען האָט באַדאַרפט באַגראָבען גרי-גאָרין, האָט אים דאָס ווייב אָפּגעשטעלט און אויסגעשאָסען מיט אַ געוויין:

—ליבער אַדאַש, מיין מאַן האָט מען מיר צוגענומען פון דער וועלט. דו האָסט דאָך אים געקאָנט, סאַראַ טייערע נשמה דאָס איז געווען. קיין פליג פון דער וואַנט נישט געטשעפּעט, זענען מערדער געקומען און אים זיין לעבען צוגענומען, אפשר קאָנ-סטו עמיצען פון זיי, אפשר קאָנסטו געוואָר ווערען, וואו באַ-האַלטען זיך די מערדער, וואו?

און יודעל האָט אויסגעהערט די ווערטער און ער האָט נעפילט אין זיך עפּיס אַ שטילע דערשלאָגענקייט. גאָט איינער, יוען גריגאָריס פרוי ווייסט, אַז ער האָט איר מאַן צום קבר געבּרענגט און די קינדער פאַר יתומים געמאַכט? און ער האָט זיך געפילט אי שולדיג, אי געוואָלט וויינען, אי מיטלייד האָט ער געטראָגען פאַר גריגאָריס קינדער.

ווען דער עולם האָט צוריקגעקערט פון בית-עולם האָט יודעל נישט געקאָנט רוען און ער האָט געמוזט אַריינגעהן צו גריגאָריס קינדער, וועלכע זענען אים אויסגעקומען מאָדנע אומגליקליך, און ער האָט זיי געגומען אויף די הענט, געשפּילט זיך מיט זיי, געקושט און אָפטמאָל באַגאָסען מיט טרערען.

—נישט טרויערט פרוי און קינדער—האָט יודעל געזאָגט מיט אַ טרייסטענדער שטים—עס איז געשעהן דאָס, וואָס עס האָט געמוזט געשעהן. איר זענט יתומים געוואָרען, פאַרפאַלען, אַצינד וועלען מיר קומען אָפטער צו אייך, וועניגסטענס, אייך טרייסטען אַ ביסעל.

און ער איז אַוועק מיט אַנ'אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ.

---

## XXXI

## דער באפּעהל—שלמה'ס טויט.

אויך אויפ'ן דריטען טאָג איז יודעל אַרויסגעגאַנגען פון שטוב אַ טרויעריגער, דורכגעגאַנגען גריגאָריס הויז, באַטראַכט די שוואַרצע בענדער אַרום גריגאָריס בילד און אַ זיפץ געטון: גלויב מיר, הייסט עס, דאָס איך בין קיין מערדער נישט פון דער נאַטור און נור דיין גורל, אין וועלכען דו האָסט זיך גע-דרעהט, האָט צו דעם אומגליק צוגעפירט. פאַמעליך איז ער צוגעקומען צו דער קוזניע און דערזעהענדיג שלמה'ן האָט ער, מיד און פאַרצווייפעלט, די האַנט אויף אים אַרויפגעלעגט:

—וואָס איז מיט דיר?—האָט שלמה פאַרוואונדערט געפרעגט יודלען.

—עס איז מיר אַ שאָד גריגאָרין, דעם פאָטער פון די קינדער. דאָך אויפ'ן טויט פון דעם, וואָס האָט אונזער לעבען פאַרפאָלגט, פרעה איך מיך,—האָט יודעל טרויעריג געשעפּ-טשעט.

—מיר וועלען אים שוין מער נישט זעהען דאָ, אַרום דער קוזניע—האָט שלמה געזאָגט,—זיי פרעהליך, איך בין אויך פרעה-ליך!

—פרעהליך און טרויעריג—האָט געשעפּטשעט מוטלאָז יו-דעל—פרעהליך אויף זיין נישט שעדליכקייט פאַר אונז, טרויעריג

אויפ׳ן אומגליק פון זיין געפאַלענעם קערפּער—אויף דעם טויטען פאָטער פון די קינדער.

—נו, זיי רוהיג האָט שלמה זיין באַליבטען חבר אַ וויש-געטון מיט דער האַנט דעם שטערן—און קום אַ ביסעל אין גאַס. אין גאַס זאָגט מען איז אומרוהיג; די וואך פון סאָלדאַטען איז פאַרדאָפּעלט, קום, לאָמיר אַ קוק טון!

מיט עטליכע מינוט שפּעטער זענען ביידע געגאַנגען אי-בער דער בערזע. ווי שטענדיג, צום פאַרנאַכט זענען אַרויסגע-קומען די אַרבייטער, וואָס האָבען שטענדיג געפונען זייער שוץ אונטער די מילדע פליגלען יודעלס, זיי האָבען געפרעגט זיי-ערע פראַגען און יודעל האָט זיי, ווי זיין שטייגער, געענטפערט שטיל, מיט האַרציגע טרערען אין די אויגען.

—זעה, ווי מען געהט געגען אונז, ווי אַ מחנה סאָלדאַ-טען וואָלטען אונז אַנטקעגען קומען,—האָט פּלוצלינג יודעל גע-זאָגט צו שלמה׳ן,—נייע היטלען און מונדירען, פריש מיליטער!

שלמה איז שטעהן געבליבען האַרט: מיר רירען זיך נישט פון אָרט, מעגען זיי טוען, וואָס זיי ווילען!..

—אויך איך געה נישט פון דאַנען, האָט יודעל געזאָגט.

—מיר געהען קיינער נישט—האָבען זיך אַלע אָוועקגעשטעלט אויף די ערטער.

מיט עטליכע מינוטען שפּעטער איז דאָס סעדיל געוועזען אַרומגערינגעלט פון סאָלדאַטען און פּאָליציאַנטען, וואָס האָבען געמאָלדען דעם גובערנאַטאָרס באַפעהל צו פאַרלאָזען דאָס סע-דיל.

—אָבער איך געה נישט פון דאַנען—האָט שלמה זיך האַרט אָוועקגעשטעלט געגען זיי.

—איר וועט אונז נישט איבערשרעקען — האָט יודעל באַ-שיידען געזאָגט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

די סאָלדאַטען און פּאָליציאַנטען זענען געוועזען נאָך גרי-גאָריס טויט ווילד. זיי האָבען איצט קיינעם נישט געשוינט און יעדער מענש האָט זיך אין זייער צערייצטען מח געמאָלט אין געשטאַלט פון אַ מערדער מיט אַ קינזשאַל אין האַנט.

—געהט איר נישט אַוועק פון דאַנען ?—האָבען דערשראָקען פון פאַרוואונדערונג די פּאָליציאַנטען געפרעגט.

—ניין,—האָט קאַלט געענטפערט שלמה און איז אַרויס פּאָראויס צום טירל קאַלט און האַרט, ווי אַ סטאַטויע.

—אויך איך געה נישט—איז אונטערגעקומען פון הינטען יודעל.

די פּאָליציאַנטען האָבען דריי מאָל געוואָרענט אַוועקצוגעהן. די מאַסע איז פּאַמעליך זיך צעגאַנגען. יודעל און שלמה צוזאַמען מיט זיין שוועסטער ברכה, וואָס האָט ביידע ביי דער האַנט געהאַלטען, זענען געשטאַנען. פּלוצלינג האָט זיך געהערט אַ פייערדיגער קנאַל אין דער הויך. ברכה׳לע האָט אויסגעשאָסען מיט אַ געוויין:—קומט!

אַלע זענען געשטאַנען. דער קנאַל האָט זיך ווידערהאָלט—שלמה איז געפאַלען טויט, ברכה׳לע איז לעבעדיג נאָכגעפאַלען נאָך איר ברודער, יודעל האָט זיך דערשלאָגען אַראָפּגעלאָזט קוקענדיג, ווי דאָס שטאָלערנע פּנים פון זיין חבר פאַרקרומט זיך אין אַנ׳אויסטערלישער גרימאַסע.

די גאַס איז פּלוצלינג אַנטשוויגען. די טונקעלע לאַמטערנעס האָבען אויסגעדרעהט זייערע קעפּ מיט באַדויערן; די מענשען זענען זיך צעלאָפען אין די שטובען און נור די איבערגעבליבענע הינט אין גאַס, וואָס האָבען קיינמאָל נישט געהערט קיין שיסעריי, האָבען געוואָיעט אין דער לופט, און אויסגעמישט האָט זיך זייער וואָיען מיט׳ן פייפען פון רעגען און ווינט.

יודעל איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, זיין האַרץ איז געווען אָפּגעשטאָרבען, די געדאַנקען ווי פאַרגליווערט, ער האָט נור געפילט, דאָס ער האַלט אין האַנט, דאָס איינזאַמע באַשעפעניש, ברכה׳לע, וואָס האָט זיך געבעטען איר ברודער זאָל געהן פון דאַנען אַוועק לעבעדיג, און איבערגעלאָזט אים טויט. יודעל האָט איר אַלע מאָל אַרומגעכאַפּט, שטעהן געבליבען פאַרגליווערט, און אַ שולדיגען קוש געטון אין אירע שטאַרע אויגען:

—וואָס שטעהסטו, שוועסטער?—האָט יודעל געזאָגט זע־הענדיג ווי ברכה׳לע בלייבט אַלע מאָל שטעהן איינזאַם און דערשראָקען פאַר עפּעס. און זאָגענדיג די ווערטער האָט זיך אים געדאַכט, דאָס ער האָט געבּרענגט דעם טויט דעם שולדי־גען גריגאָריען, אָבּער אויך צום קבר געפירט שלמה׳ן.

---

## XXXII

## זײַנע שטילע פּלענער.

יודעל האָט ברכה׳לען אַוועקגעפּירט אַהיים און אַליין אַוועק. עס איז פּוסט אויף די גאַסען געווען. די מענשען זענען אין די שטובען געלעגען פּאַרבאַהאַלטען און זייערע אויערן זענען געווען אויסגעשפּיצט צום דרויסען, באַנייט זיך נישט דער יאָמער/ פון די קוילען איבער זייערע הייזער? אַמאָל, אַמאָל האָבען זיי געהערט, אַז ערגעץ, ווייט, האָבען די זעלנער אויף אַ מלחמה געשאָסען, האָט זיי דאָס שיסען פון ווייטען געשראָקען. אַצינד האָבען זיי די מלחמה געהערט פון דער נאָענט. און יעדער קנאַל, יעדער איינציגער שאָס האָט זיי געפּירט אין עפּיס אַ פרעמד, מורא׳דיג מלחמה־לאַנד.

יודעל איז געגאַנגען לאַנגזאַם, צוקוקענדיג זיך צום דרויסען, מיט זיינע טונקעלע לאַמטערנעס, וואָס האָבען קוים באַלויכטען די שטיינער, אַ ווינטעל האָט ערגעץ־וואו אַ בלאָז געטון און באַוועגט אַ טירל פון אַ לאַמטערנע, אַ לאָדען אָדער אַ קייטעל פון אַ טויער. דאָ און דאָרט האָט אַ קאַץ געמיאַוקעט נישט מיט איר שטענדיגען מיאַוקען, נור מיט עפּיס אַ ביטער אומגליקליך וויינען, פונקט ווי מען וואָלט איר צוגענעמען די קינדער פון דער זײַט. פון צייט צו צייט האָט פייערדיגער אויפרייס פון אַ ביקס, אַ טרייסעל דורכגעטון

די לופט און דורכגעפלויגען, ווי אַ פייערדיגע שלאַנג דורך די פינסטערע פענסטער-שויבען, פאַר וועלכען יודעל אַליין האָט זיך דערשראָקען. נור אַט האָט דאָס קנאַלען אויפגעהערט און נור די בלאָנדזשענדע עכאָס האָבען אָפּגעהילכט ווייט, ווייט אין די וועלדער און איבערגעלאָזט אין יודעלס אויערן עפּעס אַ טונקעל שווער געפיל פון מורא, חרטא און געפאַלענקייט ביי זיך.

יודעל האָט זיך דאָס מאָל אָפּגעריסען פון ברכה׳לעס איינזאַמען הויז און געלאָפען דאָרט אין סעדיל אַריין, וואו עס איז געלעגען שלמה מיט׳ן לאָק אויפ׳ן שטערען; אַ קאַלטער, מיט מאָזאָל סטע הענט, ווי ער איז געווען ביים לעבען. יודעל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו אים און פון ליבשאַפט אַריר געטון דעם לאָק. ער האָט דערזעהן זיינע גרויע, אָפּגעקילטע אויגען, וואָס האָבען געקוקט מיט אַ געבעט: „דאָס ברענען זיך שטענדיג ביים פלאַם פון פייער איז מיין לעבען געווען און די הייסע קויל האָט די געשיכטע פון מיין לעבען געענדיגט״ יודעל איז אַ פּאָר מאָל צוגעפאַלען צו שלמה׳ס פּנים און עפּעס אַ שעפּטש געטון, ווי ער וואָלט אים זיין טרייסט זאָגען, דער-נאָך זיך אויפגעהויבען און מערקווירדיג: אין דער מינוט איז יודעל שוין נישט געווען דער מילדער בעל-רחמנות, נאָר דער קאַלטער בעל-נקמה.

„דער גובערנאַטאָר האָט אַזאַ באַפעהל געגעבען״—האָט יודעל צו זיך אַליין אַ שעפּטש געטון—ער האָט עס געהייסען—און מיט איין מינוט האָט אַ שאָרך דורך געטון פאַר אים דער הויכגעוואוקס פון גובערנאַטאָר מיט דער שפּיצרוזגע, זיין פרע-כער שמייכעל און די צוויי גאָלדענע שליפּעס אויפ׳ן אַקסעל.

—דער גובערנאַטאָר האָט עס געהייסען,—האָט ער ווי-דער אַ מורמעל געטון מיט די ליפען,—דער גובערנאַטאָר—און איז אַוועק שנעל. ער איז אַוועק אין דער פינסטערניש איינער אַליין מיט זיך. אין זיינע אויערן האָט געראַוישט איינע פון יענע קלעגליכע בענקשאַפטען. כון נאָך פאַרלירען אַ נאָנטען ליבען מענשען פון זיך; און זיינע פיס האָבען זיך געשלעפּט

ביז דער טיר פון זיין הויז, וואו ער האָט שטיל אָפּגעקייטעלט דאָס קייטעלע, אַריין אויף די נעגל און אַ קוק אַרום געטון די פּנים׳ער פון די מענשען, וואָס זענען געלעגען אין אַ נערוועזען שלאָף. אין דער לעצטער צייט האָט ער געפירט אַ געהיים לעבען פאַר דער שטוב. ער האָט נור אָפּגעאַרבעט זיינע פאָר שעה אין טאָג, איז ער פאַרנאַכט שנעל אַוועק אין סעדיל, געקומען איז ער שפּעט, געלעגט זיך, אַז קיינער זאָל נישט הערען. אָנגעשפּאַרט האָט ער דעם קאָפּ אויף די פויסט און קוקענדיג אין די פינסטערע שויבען-פענסטער, האָט ער געטראַכט פון די פרעמדע פּאָליציי-לייט, וואָס קומען אָן טעגליך פון אַנדערע געגענדען, פון איבערגעשוענע מענשען, פון פאַרברעכער און רויבער. און יעדעס מאָל ווען אים איז אויסגעקומען איין פּנים פאַרדעכטיג, האָט זיך אין אים עפּעס אָנגעזונדען אַ נקמה—געפיל, אַ געפיל פון צעררייסען און צעשמעטערן.

און אַ צינד, ווען ער האָט געוואוסט, אַז דעם גובערנאַטאָרס באַפעהל האָט אָפּגעריסען פון אים זיין טרייסטען שלמה׳ן, האָט ער נישט נערוט, אַלע מאָל האָט מיט אַ צינישער פרעכקייט פאַר אים אַ שוועב געטון דער גובערנאַטאָר, זיין שמייכעל און זיכערער שפּאַציר אויף דער גאַס, און זיין שפּיצרוזגע.

—טויט פאַר טויט,—האָט ער געשעפּטשעט אין זיך, דערשראָקען פאַר די אייגענע רייד.

יודעל האָט פּרובירט פאַרמאַכען די אויגען, נור שלאָפען האָט ער נישט געקאָנט. וואָס מער ער האָט זיך איינגעהערט אין דער אויערן-רוישענדיגער שטילקייט, אַלץ מער האָט געשוועבט פאַר זיינע אויגען שלמה, דער שטאַרקער, שטאַלצער, טויטער מיט׳ן פאַרגליווערטען שמייכעל אויף די ליפּען, וואָס האָט אים, ווי געבעטען: „שטעה אויף, יודעל, און מאָן די קריוודע מיינע און אַנדערערס, שטעה אויף!״

XXXIII

## די לויה.

צוועלף אַ זייגער בייטאָג האָבען די אַרבייטער געוואָר-פען די אַרבייט און אַרויס מיט דערשלאָגענע בליקען אויף דער גאַס, איבער וועלכער עס זענען געגאַנגען אַהין און צוריק די צעמישטע פּאָליציאַנטען, וואָס האָבען זיך אומגעקוקט פון הינטען, געכאַפּט זיך אַלע מאָל צו די רעוואָלווערען: געהט ניט פון הינטען איינער, אַזעלכער, וואָס געהט אַ סוף מאַכען צו זייער לעבען?

די אַרבייטער זענען אַרומגעגאַנגען אין די גאַסען מיט רויטע בענדער און פון זייערע אויגען זענען טרערען געפלאָסען; טרערען שטילע, קרענקליכע, אויף זיך, אויפ'ן אייגענעם לעבען און אויפ'ן טויט פון שלמה'ן. ביסלעכווייז זענען זיי זיך צו-זאַמענגעקומען אין דער קוזשניע, זיך אַוועקגעזעצט נעבען טוי-טען, באַלעגט זיין קערפּער מיט רויטע בענדער און טרויעריג געשאָקעלט מיט די קעפּ אויפ'ן טויטען. ברכה'לע האָט נעבען איר ברודער נישט געקאָנט זיצען, איז זי געפאַלען אויף איר געלעגער, מיט די פויסטען, דעם קאָפּ אונטערגעשפאַרט, די האָר צעל זט און שוידערליך געוויינט אין ק שען. יודעל איז אַלע מאָל דורכגעגאַנגען, איר אַ גלעט געטון איבער'ן קאָפּ, ער האָט מיטגעפילט איר יתומה'שאַפט, איר איינזאַמקייט און זיין ברודערליבע צו איר איז נאָך שטאַרקער, ווי שטענדיג געוואָרען.

באַלד האָט דער טרויער-וואָגען געריהרט, ברכה׳לע און יודעל האָבען פאַרמאַכט די טיר, און אַוועק צו די פאַרזאַמעל-טע. ברכה׳לע איז געווען מיד, פון איר פּנים און האָר האָט געשמעקט מיט אויסגעטרוקענטע טרערען און בלאַסער הויט, זי האָט דעם קאָפּ אָנגעלעהנט אויף זיין אַקסעל און געגאַנגען.

—שווייג, שוועסטער—האָט יודעל געזאָגט—פילענדיג עפּעס אַ קינדישען מיטלייד צו איר—איך וויל איצט דיין לעבען אונ-טערהאַלטען, איך וועל זיין אַ ברודער פאַר דיר.

—איך געה מיט דיר—האָט ברכה׳לע שוואַך געענטפערט און אַלע מאָל געוואָרפען אַ באַדויערענדען בליק אויף אים.

די פאַרזאַמעלטע זענען געקומען אויפ׳ן בית-עולם און נישט, ווי אַמאָל, באַגראָבען דעם טויטען מיט אַ קדיש, נור גע-זונגען דאָס ערשטע מאָל אויפ׳ן בית-עולם פרייהייטס-לידער, וואָס האָבען זיי אי געשראָקען, אי דרייסט צוגעגעבען. די לי-דער האָבען איבעראַשט די שטעטעל-מענשען און זיי האָבען זיך געטראַכט: אַ בית-עולם אָהן אַ קדיש זאָגען, אָהן אַ הספד און אָהן אַ יודיש וואָרט, און ציטערדיגע פייערלעך האָבען זיי אין די אויגען געברענט.

דער גרוב איז שנעל פאַרשאָטען געוואָרען. דער מאַרש פון פרייהייטס-לידער האָט פאַרקלונגען דעם בית-עולם. די פאַר-זאַמעלטע זענען זיך צעגאַנגען, נור יודעל און ברכה׳לע זע-נען געבליבען אַליין, איינזאַמע, פאַרלאָזטע, צווישען די ווייכע סטעזשקעס. עס איז געווען אַ כמורנער טאָג, די זון האָט זיך שנעל געטוקט צווישען די וואָלקען און נערוועז באַלויכטען די געלע זאַמדען און מצבות. יודעל האָט אויסגעזעהן, ווי פאַר-געסען פון זיך אַליין. זיין פּנים איז געל געווען, די אויגען האָבען געבלאָנדזשעט איבערן געלען זאַמד און אין זיינע איזערן האָט, ווי אַרומגעשוועבט דאָס וואָרט גובערנאַטאָר, און כאַפּענ-דיג אַלע מאָל אויף די ליפּען דעם נאָמען פון גובערנאַטאָר איז ער פּלוצלינג שטעהן געבליבען, פאַרטראַכט זיך אַ מינוט און עפּיס אַנ׳אומבאַקאַנטער ציטער האָט דורכגענומען זיינע אברים: „ער. ער האָט באַפוילען, ער האָט געהייסען“—און ביי די ווער-

סער איז אויפגעשטאַנען דאָס פּנים פון גובערנאַטאָר אים, פון וועלכען ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען. יודעל האָט אַלע מאָל צוגעלעגט די הענט צו די אויגען און אין מח האָט געטומעלט ווי נאָך אַ שרפה, אין די אויערן האָט שרעק-ליך עפּעס גערוישט, געקלונגען און דאָס האַרץ איז פול געוואָ-רען מיט שרעקליכע נקמה-פאַרלאַנגען.

—ווען ער וועט מאָרגען דורכגעהן דאָס געסיל, וועט ער גלייך באַקומען זיין טויט,—האָט יודלען עפּעס אַ פרעמדער גע-דאַנק אַ בליץ געטון—יאָ, מאָרגען! און ביים וואָרט: „יאָ, מאָרגען" זענען אין אים אויפגערייצט געוואָרען אַלע געבלוטען, אַלע שטילע און שטאַרקע געפילען, אַלע אָדערען פון מיטלייד און בענקענדי-גען רחמנות, אַלע יענע שטראָמען פון וועלען פאַרניכטען דאָס שולדיגע, מערדערישע.

—דו וועסט געהן אין געסיל און דאָרט דיין טויט באַ-קומען,—האָט געשעפּטשעט יודעל און אַ דריק צו געטון די ציין. באַלד האָט ער, ווי אָפּגעציטערט פאַרן בלישטש פון זיי-נע שליפעס, פאַר זיין פרעכען שמייכעל און פאַר זיין הויכ-געוואוקס, און איז געגאַנגען ווייטער, פילענדיג טרערען אין די אויגען אויף שלמה׳ס טויט.

## XXXIV

## נקמה, נקמה!

דער טאָג איז געווען דער יום-טוב-טאָג פון קיסר׳ס געבורט. אין דער רוסישער צערקווע האָבען מיט זיג און שמחה געקלונגען קלענערע און גרעסערע גלאָקען מיט דער גאַנצער קראַפט. דער גובערנאַטאָר, וואָס האָט שוין אָפּגעדאַווענט זיין תפילה און אָפּגעבעטען פאַר׳ן קיסר׳ס לעבען, איז צוריקגעפאָרען אויף זיין גלאַנסירטען קעטשיל מיט אַ בליציגער שמחה אין די אויגען. ער איז געווען פריי, מונטער און פריילּיך. אים האָט געפרייט דער פּאַראַד, וואָס די אַרמעע האָט אים היינט געמאַכט ביי דער צערקווע און דאָס, וואָס היינט ביינאַכט וועט ער אין אָפיצירישען קלוב טאַנצען אַ פריילּיכס מיט די שענסטע שטאָט-דאַמען.

ווען ער איז געקומען אַהיים האָט ער אָפּגעעסען. אַ-לעג זיך אַוועק געטון אויפ׳ן סאָפע און פאַרויכערט אַ סיגאַר, קעגענאיבער אים זענען געהאָנגען די בילדער פון די קייזערליכע מאַיעסטעטען, וועלכע ער האָט לאַנג שוין געזעהן ביים סמאָטר פון מיליטער און זיין האַרץ האָט פאַרגעניגענדיג געקלאַפּט. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען באַטראַכט זיך אין שפּיגעל און אַריין אין עס-צימער, צווישען געסט.

אין דער אייגענער צייט האָט יודלען, וואָס איז געלעגען אין האָלב באַוואוסטען שלאָף, אויפגעוועקט אַ קלאַנג פון אַ

באַסאָוועז גלאָק אין דער צערקווע. ער האָט אַ נערוועזען צי-טער געטון און אויפגעשטאַנען. דער באַסאָווער קלאַנג האָט ווידער אויפגעטרייסעלט אין אים אַ מורא פאַר עפּעס שרעקליכע, גרויזאַמעס, ווי פאַר אַ גרויסער מלחמה. יודעל איז אויפגערעגט שטעהן געבליבען און אַ קוק געטון אויף די קופּאָלען פון דער צערקווע און אויף דעם גובערנאַטאָרס געביידע, וואָס האָט אים איצט אויסגעזעהן פרעמד און שרעקליך. זיינע געדאַנקען האָבען מידע און שוואַכע, אַרומגעשוועבט אין זיין מח, זיינע פיס האָבען געצויגען צו דער ערד, ווי נאָך אַ שרעקליכער שרפה-נאַכט און עפּעס אַ טונקעל געפיל האָט געפייניגט זיין געמיט. ער האָט אַ בליק געטון אויף דער ערד, דאָרט זענען געלעגען דריי רעוואָלווערען, וואָס האָבען אַ בלישטש געטון אין זיינע אויגען מיט אַ העלען שטאָלערנעם בלישטש, יודעל האָט די אוי-גען פון זיי שנעל אַוועקגענומען. פּלוצלינג האָט זיך די טיר געעפענט און עס איז אַריינגעקומען גבאי, דער חסיד, דער בדחן און דער קריסט וואָלגעמוט. אַלע זענען אַרויפגעפאַלען אויף זיין האַלז און געקושט אים. יודעל האָט פּלוצלינג אַ זאָג געטון:

—עס זאָל געשעהן דאָס, וואָס מוז געשעהן! ווער געהט היינט פאַרענדיגען דאָס פּרעכע לעבען פון גובערנאַטאָר?

—איך,—האָט וואָלגעמוט, דער קריסט, אַ דרייסטער מענש, מיט בלויע, קאַלטע אויגען געזאָגט.

—ניין, נאָר איך,—האָט געענטפערט גבאי, אַ ווייכער אין דער נאַטור, דאָך אַ דרייסטער.

דער בדחן, אַ שטילער מיט גרויע, פאַרגליווערטע בליקען, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געזאָגט:—„איך געה."

יעדער פון זיי האָט גענומען זיין געוועהר, וואָלגעמוט האָט גענומען אַנ׳אויפרייס-באָמבע. יודעל איז אַריין אין דער צווייטער שטוב, ער האָט געוואוסט, אַז דאָרט זיצט ברכה׳לע און ער דאַרף איר זאָגען, וואוהין ער געהט. ברכה׳לע איז געלעגען אויף דער שלאָף-באַנק, איינגענורעט אין אירע בלאָנדע האָר און פון אירע אויגען זענען טרערען געפלאָסען אין אירע האָר

פריין. און די טרערען זענען געפאַלען איינציגע, ווי פּערלוירע-נע פּערל אין גרויען זאַמד. יודעל האָט די טרערען דערזעהן און זיך אָפּגעשטעלט.

—יאָ, מיין ברודער איז מיר געשטאָרבען,—האָט זי גע-כליפּעט—און דו רייסט זיך אויך אַוועק פון מיר? ניין, דו וועסט נישט געהן—איז זי אויפגעשטאַנען דערשראָקען—איך וועל דיך אַליין נישט לאָזען, איך געה אויך מיט דיר! זי איז איפגע-שטאַנען פון אָרט און אים אַרומגעכאַפּט, ער איז געווען בלאַס און דערשראָקען.

—איך וועל געהן, דו בלייב דאָ, לאַנג דויערן וועט עס נישט,—האָט זי יודעל מילד פון זיך אָפּגעשטויסען.

—ניין, דו וועסט נישט געהן!—האָט זי אים נישט געלאָזט אַוועק פון זיך.

—איך געה און קום!

ער איז אַרויס שנעל. וואָלגעמוט, גבאַי, בדחן און דער חסיד זענען אים נאָכגעגאַנגען. עס איז געווען שפּעט ביינאַכט, דאָס שטעטיל איז געשלאָפען אין זיין אומרוהיגען, נערוועזען שלאָף און ס׳האָט זיך זיי גע׳חלומ׳ט פון רעוואָלווערען און באָמבעס, פון אויפרייסען און קנאַלען; עפּעס אַנ׳עלענדקייט און מידקייט איז געלעגען אויף די פּנימ׳ער פון די שלאָפענדיגע. יודעל איז געגאַנגען שטיל און באַמערקט, ווי דאָרט, אין גובערנאַטאָרס הויז ברענט אַ ליכט, אַ לאָמפּ איבער׳ן גובערנאַטאָרס טיש, וואו עס ליגען דאָ, דאָרט צעוואָרפען זיין היטעל און שווערד. ער האָט זיך דערנענטערט צום פענסטער. אין יודעלס אויגען האָט אַ קלאַפּ געטון דער הויכגעוואוקס פון גובערנאַטאָר, באַגאָסען פון דער רויטער שיין פון לאָמפּ. ער האָט זיך אָנגעטון און געשמייכעלט געגען הויכען שפּיגעל, אַ סמן צופרידען פון דעם, וואָס אים פּאַסט דער יום-טוב׳דיגער אוניפאָרם און אַז ער וועט היינט טאַנצען שען מיט פרויען.

אין יודלען האָט דאָס האַרץ אַ ציטער געטון, ער האָט עטליכע טריט געמאַכט ריקווערטס און געזאָגט דעם קריסט וואָל-געמוט:—ווען דער גובערנאַטאָר וועט אַרויס דורכ׳ן טיר׳ל מוז ער

זיין טויט באַקומען, שטעהט גרייט !..

אין דער מינוט זענען אַלע שטעהן געבליבען, עס האָט זיך קיינער נישט גערירט פון אָרט און יעדענס פּנים האָט זיך אָנגעשטעלט אין אַנ'אַנדער אומרוהיגער פּאָזע. גבאי איז גע־בליבען ווי פאַרגליווערט, ער איז אין זיין כּאַראַקטער געווען אַ ווייכער און נישט דרייסטער, נאָר ווען עס איז געקומען צו דער מינוט, דאָס ער זאָל אויספירען יודעלס באַפעהל איז ער פעסט און אַנטשלאָסען געוואָרען ביי זיך און דאָס דאַרע פּנים מיט דער בראָדאַווקע, דאָס געלע געזיכט האָט באַקומען אַ זיכערע פעסטקייט; דער בדחן האָט אַ ציטער געטון און אַ בליק געטון אויף יודלען אויסצוואַרטען זיין באַפעהל, וואָלגעמוט האָט אָנגעשטעלט זיינע קאַלטע, בלויע אויגען צום טירעל פון גובערנאַטאָרס שטוב. דעם חסיד'ס אויגען זענען געוואָרען אָנגעצונדען און ער האָט זיך גרייט געמאַכט אַנטקעגען צוקו־מען דעם גובערנאַטאָר. עס האָט סך הכּול געדויערט עטליכע מינוט, ווי דעם גובערנאַטאָרס פּנים האָט זיך אַ באַווייז געטון, מונטער און פריי, אין טיר. די רויטע, העלע שיין, וואָס האָט געלויכטען פון שטוב האָט פאַרגאָסען די פעלדער מיט אַ הע־לער רויטקייט און געוויזען די פרעכע הויך פון גובערנאַטאָר מיט דער שפּיצרוגע אין האַנט.

דער גובערנאַטאָר איז געגאַנגען דרייסט און זיינע ליפּען האָבען אויסגעפּייפט עפּעס אַ פריי'ליך לידעל, וואָס האָט געקלונ־גען מיט טאַנץ און לעב־נעכט, אין קלוב פון אָפיצירען, מיט באַל און שמחה.

ווען דער גובערנאַטאָר איז צוגעקומען צום טירעל האָט ער עס אָפּגעקייטעלט און געבליבען שטעהן אַ מינוט, טראַכטענדיג וואוהין צו געהן.

אין דער מינוט זענען אַלע צוגעלאָפען און וואָלגעמוט, וואָס האָט געהאַלטען אין האַנט די אויפרייס־באָמבע, האָט זי געדאַרפט אַ שליידער טון. נור ער איז פון שרעק שטעהן גע־בליבען.

—וואַרף,—האָט יודעל קאָמאַנדעוועט צום בדחן,—וואַרף !

וואַרפט, ווער עס איז דרייסטער, ווער עס האָט מער קראַפט אין זיך! קיינער האָט נישט געוואָרפען.

דאַן האָט יודעל גרויסגעכאַפּט די אויפּרייס-באָמבע און זי אַ שליידער געטון . דעם גובערנאַטאָרס הויך איז צו דער ערד געפאַלען, דער קראַך האָט אָפּ-געהילכט איבער דער גאַנצער געגענד מיט עכאָס און נאָכ-עכאָס.

די פיר פּערטיידיגע מיט די רעוואָלווערען אין די הענט זענען אַנטלאָפען פון איין זייט, יודעל פון אַ צווייטער זייט, ער איז געגאַנגען נישט שנעל, נור לאַנגזאַם, ווי עס האָל'ט אים אַלץ איינס זיין, וועט ער פאַלען אין די הענט פון פאָליציי צי נישט. זיין היטעל איז געווען אַראָפּגערוקט ביז איבער די אויגען, דאָס האַלב-אָפענע פנים האָט האַרט אַרויס-געקוקט און זיינע ליפען האָבען געשעפּטשעט עפּיס קאַלטעס, בייזעס.

ער איז געגאַנגען אין דער טונקעלער פינסטערניש און נעבען אים זענען מיטגעגאַנגען די הויכע בוימער מיט די טונ-קעלע קעפּ, וואָס האָבען אויך אויסגעזעהן, ווי מענשען, וואָס האָבען עמיצען אַוועקגע'הרג'עט אין דער טונקעלער נאַכט. פון דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט אַ זיפץ, אַ געשריי, אַ נערוועז לויפען פון עמיצען. יודעל איז געגאַנגען, נישט אומקוקענדיג זיך, ביז ער איז צוגעקומען צו דער קוזשניע. דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעקייטעלט די טיר און איז אַריין.

אין ווינקעל האָט שוואַך געברענט אַ פייערל, וואָס עס האָט באַלויכטען די רעדער און אַקסען און ענליך געמאַלט די קוזשניע צו עפּיס אַ שלאַכטפעלד פון טויטע. ברכה'לע איז אַרומגעגאַנגען אַ צושראָקענע, ווי האַלב-משוגע. ווען זי האָט דערזעהן יודלען איז זי אים אַרויפגעפאַלען אויפ'ן האַלדז און אַ הויך שלוכצען און וויינען האָט פאַרהילכט די שטוב.

—פון וואַנען ביסטו געקומען איצט?—האָט ברכה'לע זיך געפרייט דורך טרערען—פון וואַנען? פון אַ צווייטער וועלט ביס-טו געקומען? אָ, ווי גוט מיר איז! קיין ברודער האָב איך נישט

מער, ביסטו עס מיר אַצינד. אָ, געה נישט מער אַהין !..

ברכה׳לע האָט געדעדט מיט אַ צעבראָכענער שטים און טרערען זענען פון אירע אויגען געפלאָסען. זי איז געוועזן גליק־ליך און צוויי ליכטיגע פייערלעך האָבען אין אירע אויגען געברענט.

---

XXXV

## דער צווייטער טאָג.

דער שרעקליכער אויפרייס און די נייעס, אַז דער גו-בערנאַטאָר איז צעריסען געוואָרען, האָט אויפגעטרייסעלט די שטאָט. עס האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען: מילא, אַ פראָסטער סטראַזשניק, אים קאָן מען הרג׳ענען, אָבער אַ גובערנאַטאָר, אויף אים זאָל מען קאָנען אויפהויבען אַ האַנט? און ווער, אַ מענש פון שטאָט? און עס האָט עפּיס יעדער געציטערט, אַז עס זאָל נישט פאַלען קיין חשד אויף קיין שטאָט-מענש. סיי יודען סיי קריסטען האָבען מורא׳דיג געשאָקעלט מיט די קעפּ. אַ האַנט אַ פרעמדע און פרעכע האָט עס געטון, קיין אַנדערע נישט און מיט די ווערטער איז דאָס שטעטעל פּטור געוואָרען פון גע-דאַנק, אַז די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַלט אויף עמיצען פון זיי, וואָרום זיי ווייסען גאַנץ גוט, וואָס עס הייסט אַ גובערנאַטאָר; אַ מענש, וועלכען מען האָט אָנגעטרויערט אַלע פּאָראַטקעס פון שטעט און שטעטלעך אַרום, וואָס פאַרמאָגט אַ גאַנצען גאַרניזאָן מיליטער, וואָס פאָרט קיין פּעטערבורג און רעדט מיט׳ן קיסר, וואָס שטאַמט פון מיניסטאָרען און איז אַליין גאָנט געוועזען צו ווערען אַ מענש אין קיסר׳ס הויף.

דאָס גאַנצע שטעטעל האָט אויף צומאָרגענס נישט גע-וואוסט, וואָס מען רעדט דערצו, עס איז אָרומגעלאָפען אַ שרעק אין די ביינער, אַ קעלט, ווי נאָך אַ שרפה. גאָט איינער,

חאָס וואָלט געווען ווען מען געפינט אויס, אַז דאָס האָט געטון אַנ'אייגענער? וואָס וואָלט דאָס געווען אַזוינס? מען האָט עקסטראַ אָפּגעריכט תפילות אין די בתי-מדרשים, אין קירכען, און מען האָט די תפילות אָפּגעריכט הויך: זעהטס, הייסט עס, ווי ווייט מיר זענען פון גובערנאַטאָרס מערדער, ווי ווייט!

איינס אַ זייגער נאָכ'ן האַלבען טאָג האָט מען דעם קערפּער אָפּגעפּירט אין דער רוסישער צערקווע. אין דער צערקווע האָבען געברענט ליכט און אַרום די ליכט האָט מען געזעהן די פּנים'ער פון די בייזע עפּיסקאָפּען און גלחים, וואָס האָבען געמורמעלט ווענען נקמה פון שטעטעל, וואָס פאַרמאָגט אַזעלכע מערדער. נקמה און נקמה-געפיל האָט זיך, ווי צעגאָסען אין די אויגען פון אַלעמען. אָ גאָט, ווען אין עמיצענס האַנט זאָלען אַריינפאַלען די מערדער, וואָס וואָלטען זיי פון זיי איצט געמאַכט? וואָס?

אין דער אייגענער צייט איז זיך צווישען אַלעמען אַרומגעגאַנגען אַ מענשיל שטילערהייד, די הענט אין די קרומע קעשענעס, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, די פיס אַביסעל איינגעבויגען און ער האָט געזעהן דעם צאָרן, די גרויסע גיפטיגע אויגען און זיין האַרץ האָט געקלאַפּט מיט שטילע, אומרוהיגע דאָך צופרידענע קלעפּ. עס איז אים בשעת מעשה געווען אַלץ איינס, זאָל מען אים צעררייסען אויף שטיקער, שלאָגען מכות-רצח. ער איז געווען גליקליך און צופרידען, וואָס ער האָט געזעהן די שוואַרצע טרומנע און וואָס מיט זיין טאַט האָט ער אויפגעבראַכט אָט די גלחים און פינסטערע דאַוונער.

—סאַראַ שרעק און סאַראַ טויטע פייערלעך עס שפרינגען זיי אין די אויגען אַרום—האָט יודעל געשעפּטשעט און בשעת מעשה האָט ער זיך געקילט דאָס האַרץ און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דערמיט האָט ער אָפּגעוויטש די מידקייט און שווערקייט פון יענע אומגליקליכע, פאַרפינסטערטע אין זייערע קעלערס און שטובען, דערמיט האָט ער געהויבען די קראַפט פון זייער לעבען.

און פאַרנאַכט, ווען די טרומנע מיט'ן גובערנאַטאָרס הי-

טעל איז געטראָגען געוואָרען אויפ'ן צמענטאַזש אַרויס און עס זענען נאָכגעגאַנגען די פּאָן־טרעגער, גלחים, דער אָר־קעסטער האָט געשפּילט דעם טרויער־מאַרש, איז יודעל נאָכ־געגאַנגען און עפּיס אַנ'אינערליכער שטאָלץ האָט געגלעט דאָס האַרץ זיינס און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, דאָס דאָרט איבער דער טרומנע שוועבט דו פּרייליכע, טויטע געשטאַלט פון שלמה'ן, וואָס שעפּטשעט: בלוט פאַר בלוט, אַ קאָפּ פאַר אַ קאָפּ!

ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם, טריט ביי טריט און געקוקט יעדען אין די אויגען, אָט איז דעם גובערנאַטאָרס מוטער אַני־אַלטע פרוי אין שוואַרצען שלייער. די פרוי האָט דעם גובער־נאַטאָר צום לעצטען מאָל דערלאַנגט די שווערד און דאָס ווייסע היטעל, זי האָט אים צום לעצטען מאָל אויסגעבעט דאָס געלעגער, צום לעצטען מאָל, אַלטע, נאַרישע! נעבען אים איז געגאַנגען די הויכע, דיקע פרוי און קינדער אין שוואַר־צע קרעפּ, פון וועלכע עס האָט געשמעקט מיט גוטען פּער־פום; אונטער זיי אַ ברודער, אַ רויטער אָפיציר, וואָס מחמת טרויער איז אים די רויטקייט פאַרגליווערט געוואָרען אין די באַקען. דער אָרקעסטער האָט טרויעריג געשפּילט און די טאָ־צען האָבען האַסטיג צוגעקלאַפּט צום טאַקט, בייז ווי צו וועלען צעשמעטערן די יעניגע, וואָס האָבען זיך געוואַגט אומצוברענגען אַזאַ הייליגע נשמה. דערנאָך האָט יודעל באַמערקט, ווי דער עולם לאָזט זיך אַרויף אויפ'ן צמענטאַזש. די טירען האָבען זיך פאַרמאַכט, אַ ריח פון בית־עולם, בלעטער און בלומען האָ־בען אים אַ שלאָג געטון אין די נאָז־לעכער און איבערגעלאָזט אין האַרץ אַ שוואַך געפיל, אַ טויט־מורא.

—גאָט, איך בין נור אַ וואורם אַ קליינער און האָב חרוב געמאַכט אַזאַ גרויסע וועלט—האָט געשעפּטשעט יודעל, אַוועקגעהענ־דיג פון די צמענטאַזש־טירען.

## XXXVI

# און אַלץ מער...

אַזוי האָט דאָס געפיל פון אָפּרוימען פון וועג די יע-
ניגע, וואָס האָבען געשטערט דאָס פרייע לעבען פון די אָרי-
מע, פאַרפינסטערטע אַלץ מער, שרעקליכער, געפּייניגט יודעלס
געמיט. ער האָט נישט געוואוסט און ווי נישט געפילט קיין
נויטיגקייט נישט אין קיין טאָג און נישט אין קיין נאַכט. דען
דער טאָג און די נאַכט האָבען זיך געדרעהט אונבאַמערקבאַר
פאַר אים, דער פרימאָרגען האָט אים אויפגעוועקט צום שווע-
רען קעסטעל גלאָז, צום פאַרפולען די לעדיגע פענסטער מיט
שויבען. די אַרבעט האָט ער געטון מאַשינאַל, ווי אין אַ
פינסטערן קאָשמאַר האָט ער אָפּגע׳פטר׳ט דאָס שניידען
גלאָז, דאָס אָפּעסען דאָס קאַלטע עסען און דאָס רעדען מיט די
שטוב-מענשען ווענען דעם גאַנג פון דער אַרבעט.

נאָר די נאַכט האָט אים, ווי געפאַנגען אין איר שטי-
לער פינסטערער נעץ. יודעל האָט זיך אָנגעהויבען וועניגער צו
באַווייזען אין גאַס. וועניגער זיך צו באַגעגענען מיט מענשען
און וועניגער אַפילו צו רעדען מיט ברכה׳לען. די איינזאַמקייט
האָט ער איצט ליב באַקומען צוליב דעם, ער זאָל געגויער
נאָכשפּירען ווער זענען די שעדליכע מענשען, ווי זעהען זיי
אויס, וייער כאַראַקטער, זייער מאַניר פון רעדען, פון לאַכען
און ער האָט פאַרשלאָסען זייער בילד אין זיין מח.

ער פלעגט אַ סך מאָל זיצען, באַטראַכטען דאָס בליציגע געווער, אויף זיין פנים פלעגט זיך צעגיסען עפּעס אַ גליקליכער שמייכעל. ער וועט געהן ביינאַכט איינער אַליין, ער וועט אָפּוואַרטען דעם און דעם, ער וועט עס קיינעם נישט פאַרצעהלען, נור אין פרימאָרגען וועט יענער ליגען אַ טויט-קאַלט שטיק און דער וויי-סער, ליכטיגער טאָג וועט אויסלאָכען דאָס פאַרגליווערטע, קאַלטע פנים. אָט די געפילען האָבען אין אים אויפגעוועקט עפּעס אַ מין פינסטער פאַרגעניגען פון געהן איינער אַליין אין די לאַנגע, פינסטערע נעכט. עס איז אמת, אַז אויך דאַן האָט געקלאָגט אין אים דער צאַרטער צער-בעלי-חיים און דער רחמנות פון עפּעס אומבערענגען האָט געשניטען זיין האַרץ. דאָס געפיל איז נור געוועזען פאַר שוואַכע, מוטלאָזע באַשעפענישען. אין אים האָט זיך אָבער דערוועקט אַ שטייפער, האַרטער כח. ער איז אינגאַנצען, ווי אויפגעריסען געוואָרען פון נקמה און זיין האַרץ האָט געקלאַפּט מיט אַ פינסטערער דורשטיקייט.

אַזוי איז ער איינמאָל שפּעט ביינאַכט דורכגעגאַנגען די קייזערליכע געלט-קאַסע, וואו עס איז געזעסען אַ שלעכטער טשינאָווניק. דער דאָזיגער רויטער טשינאָווניק מיט די באַקענ-בערד איז געוועזען אַ שרעקליכער עקזעקוטאָר, אַ פינסטערע בהמה, וואָס האָט צוגענומען פערד ביי פויערים פאַר פּאָדאַט-קעס און זיי געהייסען שמייסען און איינגעזעצט אָרימע לייט אין תפיסה. יודעל איז דורכגעגאַנגען און האָט אים דורך די גרי-נע שויבען געזעהען צעהלען געלט, קלינגען מיט גאָלדענע מטבעות. ער איז שטעה געבליבען. דאָס רויטע, זאַטע פנים, די אַנ-גענעמע ליכטיגקייט, דער בלישטש פון די מטבעות און די שטילקייט אין דרויסען, האָט אים אָפּגעשטעלט. געלט, האָבען זיינע ליפּען געשעפּטשעט, כאָטש ער האָט נישט געוואוסט נאָך וואָס ער האָט דאָס וואָרט געזאָגט. געלט? וואָס איז דאָס אויף דער וועלט? און ער איז צוגעגאַנגען נענטער איינקוקענדיג זיך אין דער הויכער, גאָלדערנער גאָלד-קופּע, וואָס עס האָט אים גערייצט אין דער שטילער פינסטערניש. עס האָט זיך אים אין דער מינוט אויסגעדוכט, דאָס אַרום אָט דעם טשינאָווניק ליגען

טונקלע, מידע פנים׳ער, וואָס שרייען צום הימעל און פון זיי־ ערע אָדערן גליסט עפּעס אַ געלער, גאָלדענער שטאָף, פון וועל־ כען עס קוועלט דער רויטער טשינאָווניק. געה און נעם אַוועק אָט די באַרויבטע כוחות און קער זיי צוריק אַהין פון וואַנען מען האָט זיי גענומען—האָט עפּעס אַ שטאַרקער רוף געקלונגען אין זיינע אויערן—געה און נעם! און מיט איין מינוט איז ער צו צום פענסטער און אָנגעשטעלט דעם רעוואָלווער געגען זיין פנים. עפּעס האָט אים אָפּגעהאַלטען, דאָס איז געווען יענער ערשטער רחמנותדיגער געוויין פון גראָבען סטראַזשניקס קינ־ דער.

אָבער באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מיט דעם טויט פון אָט דעם טשינאָווניק וועט ער באַקומען דאָס קייזערליך־ געזאַמעלטע גאָלד. דאָס גאָלד וועט ער באַנוצען צו היילינע צוועקן און ער איז שטעהן געבליבען האַרט.

מיט איין מינוט האָט ער אויסגעצויגען דאָס מיילעכעל פון רעוואָלווער... אַ קנאַל האָט אָפּגעהילכט ערגיץ ווייט, דער רויטער טשינאָווניק איז טויט געפאַלען, יודעל האָט אַ כאַפּ גע־ טון דאָס גאָלד־קעסטעלע און פאַרשוואונדען.

---

דאָס שטעטעל איז דעמאָלט געשלאָפען אין אומרויגען שלאָף, דען פון דער מינוט אָן, וואָס דער גובערנאַטאָר איז געפאַלען ביים טירעל פון זיין הויז, האָט דאָס שטעטעל פון קיין רוה נישט געוואוסט, מען האָט זיך געדרעהט פון רעכטס און לינקס און פון לינקס אויף רעכטס. מען האָט געזיפצט און געטראַכט פון די מתים, די נור וואָס באַגראָבענע און די מתים פון די לאַנגע צייטען. מען האָט אַזוי האַלב געדרימעלט, ווי איבער דער גאַס האָט זיך געהערט שטילע דאָך זיכערע טריט, פון צייט צו צייט האָט אַ טונקעל פייערל פון אַ לאַמטערנע באַלויכטען דעם שאָטען פון אַ מענשען, וואָס האָט זיך איינזאַם גערוקט, אין דער טונקעלקייט שטעהן געבליבען, ווי זיך איינ־

צוהערען געהט נישט עמיץ פון וועלכען געסיל? און איינהע-רענדיג זיך האָט ער געשפּאַנט ווייטער.

—איך האָב דאָס געלט גענומען צו הייליגע צוועקען— האָט ער געשעפּטשעט צו זיך אַליין—צו הייליגע צוועקען.

געגאַנגען איז ער נישט אַהיים, דען זיין קומען אַהיים אין די לעצטע צייטען ביינאַכט איז געווען אַ זעלטענ-הייט.

ער פלעגט נור קומען אַהיים באַגינען און זאָגען, פינ-סטער אָראָפּלאָזענדיג דעם קאָפּ: —איך האָב די נאַכט געמוזט נעכטיגען אין גלאָז-פאַבריק, אַזוי פיל אַרבייט האָב איך גע-האַט, גענומען דאָס קעסטעל און אַוועק. די נאַכט אָבער האָט ער פאַרברענגט מיטן קריסט וואָלגעמוט אין קוזשניע. גערעדט וועגען פאַרשידענע פּלענער און געהיימע אָנפּאַלען, דאָס לע-בען פון דער נאַכט איז געוואָרען זיין לעבען, ער האָט ווע-ניג גערעדט, ווייניג געגעסען און געכאַפּט אַ דרימעל, אויף די צעוואָרפענע רעדער, צוויי שעה אין דער נאַכט. מיט ברכהלען האָט ער איצט זיך געסטאַרעט צו זיין, ווי אַ ברודער, וואָס וויל נישט, אַז פון זיינע אַלע פּלענער זאָל די קליינע שוועסטער וויסען, ער האָט איר גור באַרויגט, געבעטען גוט שלאָפען, גע-זאָרגט פאַר איר עסען, און ווען זי פלעגט אים פרעגען, וואו געהט ער צוועק איינער אַליין, האָט ער געענטפערט: —נאַרע-לע, דאָס דאַרף דיך נישט באַאומרויגען, איך געה נור אַוועק אויף אַ שעה צוויי, יעדער מענש דאַרף אַמאָל אַוועקגעהן! געקומען איצט אין דער קוזשניע, האָט ער דאָס ערשטע אַ בליק געטון אין קליינעם שפּיגעלע. יודעל האָט לעצטענס זיינע קליידער איבערגעטוישט אַלע מאָל: לאַנגע, קורצע, פרעמדע, אייגענע, ער האָט אַלע מאָל זיך באַטראַכט אין שפּיגעל און זיך אַליין נישט דערקענט. אויך אַצינד איז ער זיך פאָרגעקומען פרעמד אין די אייגענע אויגען, דאָס ברייטע היטעל, דער לאַנגער מאַנטעל און דער בלישטש פון זיינע נערוועזע אויגען האָבען אים אָפּ-געגעבען אין שפּיגעל אַ בילד פון אַ פרעמדען מענשען.

—בין איך עס דער?—האָט ער זיך דערשראָקען פאַר זיך

אַליין און ענטפּערענדיג זיך אַליין:—דער אייגענער, וואָס האָט איצט צוריקגענומען די רויב פון פרעמדע הענט צו הייליגע צוועקען. האָט ער זיך באַרויגט און אַוועקגעשטעלט דאָס קעסטע-לע, דערנאָך אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דאָס פרעמדע אָנטון און שטעהן געבליבען אַ מינוט, קוקענדיג אויפען לעמפּעלע, פאַר וועלכען עס זענען געהאָנגען לאַנגע פּאַסען גרייט, וואָס האָבען אויסגעזעהן, ווי שאָטענס פון טויטע. יודעל האָט זיך איינגע-הערט אין דער שטילקייט, דאָס איז געווען דאָס איינהערען זיך אין זיך אַליין אין דעם משפּט פון דער נשמה איבער זיך אַליין. דערנאָך האָט ער לאַנגזאַם אָנגעהויבען געהן אי-בער דער שטוב אַהין און צוריק. זיין בליק איז געפאַלען אויפ'ן קעסטעלע מיט די געלע מטבעות, אויף וועלכען עס האָט זיך נאָך דערקענט אַ בלוט - שפּריץ פון רויטען טשינאָווניק.

—ניין, איך האָב עס נישט גענומען פאַר זיך.—האָט ער געשעפּטשעט—עס איז צו הייליגע צוועקען—און ער האָט אַ חילדען שמייכעל געטון.

ערשט איצט האָט ער דורך דער האַלב-אָפענער טיר דערזעהען די שלאָף-באַנק, אין וועלכער עס איז געלעגען ברכה'-לע און אירע צעוואָרפענע האָר האָבען. אויסגעזעהן, ווי עפּעס אַ טונקעל-בלאָנד זייד איבער אַ שלאָפעדיגען קינדער-קאָפּ, ער האָט איר באַטראַכט, זי איז אים אויסגעקומען מיד און צע-בראָכען, עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, ווי זי זאָגט: פון אַלעמען, פון מיין גאַנצער היימישער וועלט ביסטו נור איינער געבליבען און דו געהסט אַוועק אויף פרעמדע אומבאַקאַנטע וועגען. אָ, וואו געהסטו? און עפּעס אַ טיפער רחמנות, ווי דער רחמנות, וואָס אים פלעגט אַרומכאַפּען אויף זיך אַליין האָט אים דורכגענומען זיין הארץ: ער געהט אַוועק ס'רוב שפּעט ביינאַכט, ער געהט אַוועק און קאָן שוין קיינמאָל נישט צוריק-קומען צו איר, וואו וועט זי בלייבען? ווער וועט איר באַשי-צען? און דאָך האָט ער געפילט, אַז געהן מוז ער, געהן וועט ער, און אַז איצט ליגט ביי אים אַ קעסטעלע מיט געלד און

פאַר דעם גאָלד וועט מען באַקומען נייע געווערען, מיט וועל־כע מען וועט אָפּרוימען נייע שולדיגע פון וועג. צוויי געפילען האָבען אים איצט געמאַטערט און ביידע האָבען אים גלייך אין די אויערן געקלונגען. אין איין געפיל איז באַהאַלטען געווען עפּעס מיטליידענדעס, דאָס, וואָס מען פילט אין אָטעם פון אַ קליינער, קראַנקער שוועסטער. דאָס צווייטע געפיל האָט אָבער פאַרהאַר־טעוועט זיין ברוסט.

עס איז נאָך אויסגעקומען, אַז מיט דער מינוט, וואָס ער האָט זיך דערמאָנט אין פנים פון איר ברודער, האָט אים די טויטע אויסגעשניטענע פּאָדקאָווע פון זיין שטערען גערופען צו נקמה. דער קאַלטער שמייכעל פון זיינע ליפּען האָט אָבער געזאָגט: דו ביסט איצט דער איינציגער רעטער פון מיין שוועסטערס לעבען. און יודעל האָט אין איין מינוט געהאַט צוויי מאָדנע געפילען, וואָס האָבען אים אי וויין, אי מילד, אי נקמה׳דיג געמאַכט. ער איז פּלוצלינג צוגעגאַנגען און אַ בליק געטון אין אירע האַלב־פאַרמאַכטע אויגען, אין וועלכע עס זענען זוי אַרומגעלאָפען צוויי אויסגעלאָשענע פייערלעך. ער האָט איר אַ קוש געטון אין די קליינע זונענדיגע ברעמען און פאַרשוואונ־דען פון איר.

XXXVII

## זיין אינערליך לעבען.

דאָס לעבען האָט אים אָנגעהויבען קלינגען אויסטערליש. עס האָט אים אויסגעזועהען ווי ער געפינט זיך ערגיץ צווישען די וועלען פון אַ ברייטען, טיפען ים. איבערן ים בלאָנדזשעט אַ גרויסע שטורמדיגע שיף און דער שיפער איז ער אַליין. ער געהט בייטאָג צו דער אַרבייט מיטן קעסטיל אויף די פּליי־צעס. וואָס מער ער האָט זיך פאַרטיפט אין זיך, אַלץ מער האָט ער געזעהען און געפילט אין זיך יענע פרעהליכע איבע־ראַשונג, ווען ער האָט געזעהען פאַר זיך דעם גובערנאַטאָר אַ רויגען, צופרידענעם מענשען און האָט געפילט, אַז אָט, אָט וועט דער קערפּער פון זיינע הענט אומקומען.

אָט די אַלע אַקטען, וואָס יודעל האָט אויסגעפירט האָבען אים פאַרקלינגען און פאַרזינגען, ווי אַ וועלט פון לוסטיגע לידער.

—איך בין נישט קיין בלוט-פאַרגיסער—האָט יודעל זיך געטראַכט, איך מאַך שעדליכע פאַר אומשעדליך, קאָן דאָס דען הייסען בלוט-פאַרגיסונג? און אָט דער געדאַנק, אַז ער מאַכט שעדליכע פאַר אומשעדליך האָט אויף אים נישט אַוועק־געלעגט יענע פינסטערניש אויפ'ן געמיט, יענעם צווייפעל, יענע טונקעלע חרטה-שרעק, וואָס עס פאַלט אָפט אויפ'ן געמיט פון

אַ בלוט-פאַרגיסער; פאַרקערט, ער האָט דאָ אָפּט געפילט די צופרידענקייט, וואָס עס פילט אַ דאַוונער, וואָס האָט זיין תפילה צו גאָט געשיקט; אַ ליבענדער, וואָס האָט זיין ליבע דער געליבטער געשענקט. עס איז געוועזען ביי אים עפּעס אַ ווייסער, ריינער אָפּפער, וואָס ער האָט אויף אַ רויטען מזבח געברענגט, און פילענדיג, אַז מיט זיין הייליגער אַרבייט ברענגט ער ערלעזונג, האָט ער זיך אָנגעהויבען דערוויטערן פון היימישע און באַקאַנטע, אַלץ זעלטענער האָט מען אים אויף דער גאַס געזעהען און אַלץ שטילער האָט ער צו מענשען גערעדט.

מיט עטליכע וואָכען שפּעטער האָט מען אים פון שטוב געזעהען אַרויסטראָגען זיין בעטעל, אַ טישעל און נאָך עטליכע שטובזאַכען אין ערגיץ אַ הייזעל אַריין אונטערן שטאָט. דאָס דאָזיגע הייזעל, איז געשטאַנען ווייט אין וואַלד צווישען געלע זאַמד-בערג, און עס האָט אויסגעזעהען אַזוי איינזאַם און פאַרבאָרגען פון הייזער, ווי יודעל צווישען מענשען, און מ'פלעגט טראַכטען:

—גוטער גאָט! אָט שטעהען די ביימער אין וואַלד גלייכע, רויגע, ווי זיי וואָלטען צופרידען זיין מיט זיך. און זייער באַשאַפען ווערען אויף דער וועלט, אָט וואַקסען די בלומען אַזעלכע ראָזע באַשעפענישען, נאָר איך, איך דער בלוטיגער מענש... און דערמאָנענדיג „דער בלוטיגער מענש" האָט ער זיך דערמאָנט אין פנים פון גובערנאַטאָר, דאָרט ביים ראָזען לעמפּעל, אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען און געטראַכט האָט ער וועגען זיך: נאַרעלע, פאַרהאַן אין יעדען גאָרטען צווישען די רייכסטע בלומען אויסוואורפען אין אַזעלכער, וואָס רייסט אויס די געפערליכע געוויקסען. איז ער נישט דער אויסרייסער פון אָט די בלומען? פרעהליכער און ליכטיגער איז יודלען געוואָרען אויף דער נשמה, עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז שפּעטער, שפּעטער וועט ער דערזעהען פאַר זיך אַ ווייס-ראָזע וועלט, מיט פרעהליכע מענשען, ווי קינדער. לוינט נישט אַזאַ וועלט צו באַשאַפען?

און דערמאָנענדיג זיך אין דער ווייס-ראָזער וועלט מיט אירע פרעהליכע מענשען-קינדער, האָט זיין האַרץ אָנגעהויבען קלאַפּען האַסטיגער, פרעהליכער, ווי ער וואָלט באַזיננען די וועלט.

ס'רוב ביינאַכט, ווען יודעל איז האַלב געלעגען אויפ'ן בעט און גערויכערט, האָט עפּעס אַ מאָדנע געפיל אים באַהערשט: ניין, ער וועט נישט ליגען, ער וועט אויפשטעהן, אַרויס אויפ'ן גאַס און זעהען וועט ער, ווי פּאָליציאַנטען דרעהען זיך אין גאַס. ער וועט דאָרט איצט באַגעגענען די עלטסטע, גרעסטע קעפּ זייערע.

און זיין געדאַנק איז דורך אַ פרעהליכער ציטער. דאָס איז ענליך געוועזען צו יענעם געפיל, וואָס מיר האָבען, ווען מיר ווילען זעהען דאָס געפּאַר פון אַ ווילדען, צעררייצטען וואָלף ביינאַכט, מיר האָבען מורא פאַר אים, דאָך זעהען ווילען מיר אים. ער האָט זיך אויפגעהויבען און אַ בליק געטון אין קליי-נעם. געפלעקטען שפּיגעלע, וואָס ברכה'לע האָט אים געגעבען אויפצוהענגען ביי זיך אין שטוב און דערזעהען: זיך, דאָס ברוינ-ליכע קינדער-פּנים מיט די צעשויבערטע האָר. דערנאָך האָט ער באַטראַכט דעם טיש, וואו עס זענען געלעגען עטליכע ביכער אָהן די טאָוולען, אַ מעסער, אַ האַלב ברויט, פון טיש זענען אָראָפּגעהאַנגען די פראַנזלען פון צעריסענעם טישטוך, פון זיין בעט האָט דאָס היי צעשויבערט אַרויסגעקוקט, ווי האָר פון אַ מרה-שחורה'דיגען מענשען און דאָרט אין ווינקעל, האָבען געלע בלישטשען פון געיווער אין מעטאַל אַרויסגעקוקט אויפ'ן בלישטשעדיגען לעמפּעלע. עפּעס פון געוועבר האָט ער גענומען צו זיך.

יודעל איז אויפגעשטאַנען, ער איז געווען מיד, דאָך האָט אַ געוויסע צופרידענקייט אַרויסגעשיינט פון זיינע אוי-גען.

—איך װעל געהען זיי אויפזוכען אין דער טונקעלקייט פון דער נאַכט, דעמאָלט זעהען זיי אויס זאַטער און בייזער—האָט ער זיך געטראַכט און ער איז אַרויס אין דרויסען.

די געלע בערג אונטערן שטאָט, וואָס האָבען זיך גע־שלענגעלט געגען פינסטערן הימעל האָבען זיך אַריבערגעצויגען איבערן שפּיץ פון הייזעל, וואָס איז געלעגען אין טאָל, ווי אין אַ באַהעלטעניש, און אַ קליין רויכעל האָט זיך פון קוימענס גע־צויגען. יודעל האָט זיך פּאַמעליך אויפגעהויבען פון טאָל, און אַרויף איפּ׳ן זאַמד־באַרג, וואו עס זענען צעשאָטען געלעגען בלימלעך איינגעגראָבען אין דער ערד. ער האָט זיך אַ קוק אום גע־טון. אַ וואַרים ווינטעל האָט אַ ריר געטון זיינע צעוואָרפענע האָר איבער׳ן שטערען און ער האָט אַ ציה געטון דעם אָטעם, עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דערפון איז אים איצט לייכטער איפּ׳ן האַרץ געוואָרען. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט געהן איבער׳ן שאָסיי. נעבען צום שטאָט האָט יודעל אונטער זיינע פיס געפילט דעם טרוקענעם ברוק פון שטיינער. די האַרטע פירעקעדיגע טעוועלעך פון טראָטואַר, וואו ער האָט אָנגעהוי־בען געהן לאַנגזאַמער און פאַרבאַהאַלטענער.

מיט עטליכע מינוט שפּעטער האָט ער זיך געפונען נע־בען דער אָפּענער, ביז שפּעט אין דער נאַכט, קאַפע, וואו עס זענען געזעסען עטליכע קייזערליכע טשינאָווניקעס און ביי דער העל־געלער שיין פון בליץ־לאָמפּ, האָבען זיי זיך גוט אונטערגעהאַלטען.

יודעל האָט זיך גוט איינגעקוקט אין זייערע פאַרשוויצטע, דיקע פּנים׳ער, פון וועלכע עס האָט פין שׂטוב אַזש געשמעקט מיט וויין און אַלקאָהאָל און ער האָט אַרויסנעמענדיג דאָס געווער געוואָלט עפּעס טון, נאָר די סך אויגען, וואָס דאָרט זענען געוועזען האָבען אים געשטערט.

באַלד איז ער צוגעגאַנגען נעבען און ער האָט דער־קענט דעם רויטען טשינאָווניק מיט׳ן הינטעלע, דער איספּראַוו־ניק פון דער שטאָטישער טורמע. בייטאָג שלאָגט ער אַרעס־טירטע, ביינאַכט שכּור׳ט ער און זינגט ווילדע לידער. נעבען אים דער רויטער זשאַנדאַרם—אַ קריסט מיט באַקענבערד, און נאָך עפּעס אַ טשינאָווניק. און יודעל טראַכט: ערגיץ ווייט האָט ער אין אַ קעלער־שטוב געזעהן זיך אַרומדרעהען ווייסע מענשען. דאָס

איז די בעקעריי, וואו מען ברענט זיך ביים פייער אַ גאַנצע נאַכט, פון דאָרט האָט געשלאָגען אַ פאַרע און אַ מידער שווייס. און יודעל האָט אַ בליק געוואָרפען אַמאָל דאָרט, אַמאָל דאָ. אַמאָל האָט ער באַדויערט די, וואָס דרעהען זיך אַרום׳ן רויטען פייער און אַמאָל האָט אים געפרייצט דאָס בילד פון רויטען טשינאָווניק.—איך וויל נישט אייער טויט — האָט ער זיך געטראַכט — איך וויל נור מאַכען שעדליכע פאַר אומשעדליך.

XXXVIII

## דער נייער פּאָליצמייסטער און זיינע מיטלען.

דאָס איז געווען שוין דאָס 8-טע מאָל. דער שרעקליכער אָנפאַל, וואו מען האָט אין אַ מאָנאָפּאָל געבונדען עטליכע בעאַמטע איינגאַנצען און די קאַסע באַרויבט. דער אָנפאַל איז געווען דער שרעקליכסטער, וואָס האָט איבערגעשראָקען דעם שטאָטישען פּאָליציי-מייסטער, און ער האָט זיך גענומען צו מיטלען.

דער שטאָטישער פּאָליצמייסטער, איז געווען אַ קינד פון טיף רוסלאַנד, אַ געוועזענער סטאַרשי סטראַזשניק, וואָס האָט זיין טשין באַקומען, ווייל ער האָט זיך אויסגעצייכענט אין דער כינעזישער מלחמה. ער האָט אַ סך כינעזער געקעפּט. דערנאָך האָט ער באַקומען דעם טשין פון אַ דריי-בענדעלדיגען, וואָס האָט געשטיגען ביז אַ זוואָדנער. און דעם דאָזיגען ענערגישען זוואָדנער האָט מען געשיקט אומעטום, וואו עס איז נור אויסגעקומען אַ שטיקעל בונט, אַ שטיקעל איינערליכער מלחמה. דאָס איז געווען אַ נידעריגער, פעסטער פאַרשוין מיט אַ געשטופּעלטע נאָז און צוויי פאַריסענע אויגען צו די שלייפען, ווי ביי אַ כינעזער. אין איין אויער האָט ער געטראָגען אַ געלען אוירינג, מחמת ער האָט אַליין געשטאַמט פון עפּעס אַ ווילדען שבט אין די אוראַלער בערג. אויף דער זייט האָט ער געטראָגען אַ שאַבלע, אויף וועלכער ער האָט שטענ-

דיג די האַנט אָנגעשפּאַרט, אַ כמן: זעהט׳ס, ווי געזונט איך בין!

אָט דעם דאָזיגען פּאָליצמייסטער, האָט איצט פּעטערבורג אַריינגעשיקט אין דעם שטעטיל מאַכען אָרדנונג. — טוט דאָרט וואָס איר ווילט, אַבי דריקט אונטער די קראַמאָלע, ה׳ פּעדרענקאָ — האָט מען אים באַפוילען. און דאָס איז שוין פאַר אים גענוג געווען. מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט פּעדרענקאָ גערופען צו זיך זיינע מיטהעלפער און פריער פון אַלץ, געהייסען זיי עפּעס אַ טרונק טון און דערנאָך האָט ער זיי געזאָגט:

— חברים, איר זאָלט וויסען, עס איז געקומען די צייט, דאָס מיר זאָלען זיך אונזערס אָפּנעמען, וואָרום ווייסט איר ווער איך בין? איך בין פּעדרענקאָ, דער, וואָס האָט כּינעזישע קעפּ געשניטען, ווי מען שנייט זאַנגען. איך האָב נישט איין דאָרף שוין אונטערגעצונדען, נישט איין פרעמד־שטאַמיגע משפּחה אונטער מיין שווערד אַוועקגעלעגט, איר פאַר־שטעהט?

— וואָס־זשע זאָלען מיר טון? — האָט זיך געפרעגט „פּיעטושאָק,” דער עלטסטער פון די פּאָליציאַנטען, וואָס איז געזעסען אָנגעשפּאַרט אויף זיין שווערד און האַלב געשלאָפען האַלב געטרויכערט, ווי אַ האָן.

— טון איז פאַראַן אַ סך וואָס צו טון — האָט גע־ענטפערט „סאָקאָל,” דער בלויער זשאַנדאַרם, וואָס איז גע־וואָרען אויף דער היינטיגער זיצונג פאַרבעטען, ווי אַ גוטער עצה־געבער.

— אַרבייט פאַראַן אַ סך, מען דאַרף נור זעהן, וואָס מען דאַרף פריער טון — האָט זיך אַריינגעמישט דער אוּ־ריאַדניק „קוריצאַ,” אַ נידעריגער, דאַרער פאַרשוין, וואָס האָט באמת אויסגעזעהן, ווי אַ היהן.

— אָ, דאָ וועט מען עפּעס אויפטון — האָבען זיך אָפּגערופען די אַרומיגע מיטהעלפער.

— נו גוט, דאָס מוז אָבער, וואָס גיכער געשעהן — האָט

באַפּוילען דער פּאָליצמייסטער — אין וואָס וועט באַשטעהן די ערשטע אַרבייט?

פּעדרענקאָ האָט אָנגעגאָסען פאַר זיינע פּאָליציי-לייט בראָנפען צו גלעזלעך און געזאָגט: טרינקט נור אַפּריער און דערנאָך וועלען מיר אַ שמועס טון. אַלע האָבען אָנגעקלינגען מיט זייערע גלעזלעך און פרעהליך צוגעוואונשען לאַנגע יאָרען פּעדרענקאָ׳ן. דערנאָך ווען דער עולם האָט פאַררויכערט האָט פּעדרענקאָ זיך אויפגעהויבען און געזאָגט:

— דאָס ערשטע, ברודערלעך, מוזען מיר זיך אַ וואָרף טון אויף די איינוואוינער פון ברייטען מאַרק, איר פאַרשטעהט? ווען איך האָב אַמאָל געהאָנגען אַ פּאָר כינעזער האָב איך דערפאַר באַקומען מעדאַלן און דאַנקאויסדרוקען. לאַנגבאָרדיגע זענען נאָך אַ בעסער מאַטעריאַל.

— גוט — האָבען אַלע מיט איינמאָל אַ זאָג געטון — מיר וועלען אַלץ טון, וואָס מעגליך, וואָס עס וועט זיין אין באַפעל.

— זאָל אייך גאָט העלפען — האָט פּעדרענקאָ זיי צוגעוואונשען — געהט מיט גאָט!

— זאָל גאָט העלפען!..

XXXIX

## דער רב און די דאָזאָרעס געהען צו פּעדרענקאָ'ן.

אין קוואַרטאַל, פון עטליכע גאַסען און געסלעך, וואָס זענען געלעגען אין דער זייט פון דער שול און בית-עולם, האָט אָנגעהויבען ווערען אומרויג. דאָ און דאָרט, האָט מען געזעהען אַ גרופּע פּאָליציאַנטען זיך אָפּשטעלען נעבען אַ הויז און פאַרצייכענען דעם נאָמען פון בעל-הבית, אים עפּעס אויספרעגען און דאָס פאַרשרייבען אין טאַשענבוך. דאָ און דאָרט האָט מען געמאַכט אַ רעוויזיע צווישען די שענק, בעטען און סתם שעניקעס; און ווען מען האָט גאָר נישט געפונען האָט מען אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, אַ סמן, אַז עפּעס וואָס וועט נאָך קומען.

די סוחרים אין גאַס זענען אַרומגעגאַנגען מיט די קעפּ אַראָפּגעלאָזט, און בלאָנזשענדיג מיט די פינגער אין די געדיכטע בערד, האָבען זיי זיך אויפ'ן וואונק געכּרעגט, וועגען דעם צי האָט טאַקי זיין שכן עפּעס באַהאַלטענעס, און אַ זיפץ געטון.

מערסטענס האָט זיך באַאומרויגט וועלוועל בורעס, וואָס זעהענדיג אַרום זיך די פּאָליציאַנטען, האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטען, וואָס דאָס קען זיין.

מיט עטליכע טעג שפּעטער, האָבען עטליכע פון זיי, צווישען וועלכע עס זענען געוועזען „סאָקאָל” און „קוריצאַ”

זיך אַריינגעריסען, צו וועלוולען אין איילקראָם אַריין, און זו-
כענדיג דאָרט צווישען די איילפעסער, האָבען אים געפרעגט
צי ער האָט נישט קיין געווער און צי ס'איז דאָ עמיץ נישט
ביי אים באַהאַלטען? און ווען מען האָט גאָרנישט געפונען, האָט
מען אַ מאַך געטון, מיט דער האַנט, אַ סמן, אַז עפּעס וואָס וועט נאָך
געשעהן. דאָס האָט אַזוי, באַאומרויגט וועלוולען, דאָס ער האָט
זיך צעוויינט, ווי אַ קינד און ער האָט געזאָגט צו דער מאַמען:
—מאַמע, דער רב מוז געהן צו פעדרענקאָ'ן!
מיט אַ שעה שפּעטער, האָט מען וועלוולען געזעהען אַ
צעשראָקענעם ביי די דאָזאָרעס. זיי האָט וועלוויל געשלעפּט
צום רב.
דער אַלטער רב האָט שוין פאָרגעזעהן, אַז מיט'ן שטע-
טעל וועט עפּעס פּאָרקומען, ער האָט עס געפילט אין זיינע
מנחות, אין זיינע קדשים און אין די שלעכטע סימנים ביי
קדוש און הבדלה. ער איז געזעסען גאַנצע טעג אַריינגעלאָזט
אין דער ברייטער שטול, קוקענדיג אין הימעל אַריין. זיינע
ליפּען האָבען געשעפּטשעט:
— כלו חיב, אוי! אַ דור אַ שלעכטער, אין וועלכען
עס איז אַפילו, קיין צעהן צדיקים נישטאָ. אַזאַ דור איז אַ
ביטערער, ערגער ווי סדום.
ווען וועלוויל, איז אַהיינגעקומען, מיט די דאָזאָרעס, האָט
דער אַלטער רב עפּעס אַ תפילה געזאָגט צום הימעל, אַ תפילה,
וואָס האָט געבעטען פאַר'ן גאַנצען פאָלק ישראל. און דעמאָלט
האָט וועלוועל אויסגעשאָסען מיט אַ געוויין, ווי אַ יונגעל:
—רבי, גרויסע מחנות בּפאַלען אונזערע קראָמען און
זוכען און נישטערען, וועה, וועה, איז אונזער מזל, רבי! עס
איז אַ סברה, אַז מיר זאָלען דאָ אומקומען צווישען די אַכזרים,
זאָל דער רבי כאָטש געהן און בעטען פעדרענקאָ.
דער רב האָט זיך אויפגעהויבען און איינגעבייטשענדיג נאָך
טיפער דעם שטערען, האָט ער געזאָגט:
—וועה, וועה מיין דור — און צוויי טרערען זענען פון
זיינע אויגען געפאַלען.

נאָך אין דעם אייגענעם טאָג האָט מען געזעהן דעם רב אַנטון זיינע שוואַרצע שטעק-שיך, נעמען דעם גראָבען שטע-קען און געהן אין גאַס אַריין. נעבען אים זענען געגאַנגען די צוויי דאָזאָרעס. דער רב איז געגאַנגען איינגעבויגען און פינסטערע געדאַנקען האָבען זיך אים אין מוח געדרעהט. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז פון אָט דער שול און בית-המדרש איז געוואָרען איין פינסטערער אוהל וואו עס ליגען באַ-גראָבען צדיקים און ביי זייער צוקאָפּענס ברענען קליינע ליכ-טעלעך און פון אָט דעם שטעטעל איז פלוצלינג געוואָרען אַ טאָל פון מתים, וועמענ'ס ביינער עס וואַלגערן זיך אומעטום.

דער רב איז געגאַנגען און האָט אַלע מאָל אַ ציטער געטון, ווי עפּעס וואָלט אים איבערגעשראָקען. די דאָזאָרעס אָבער, וואָס זענען מיט אים מיטגעגאַנגען האָבען אים גע-טרייסט:

—רבי, עס איז נישטאָ פאַר וואָס מורא צו האָבען. פעד-רענקאָ'ס שאָטען בלייבט אונטערטעניג פאַר'ן רב!

און דער רב האָט געהערט זייערע ווערטער און זיין האַרץ האָט געציטערט, דען נישט פאַר זיך האָט דער רב מורא גע-האַט; מורא האָט ער געהאַט פאַר'ן גורל פון אָט דעם גרוי-סען „ביינער-טאָל". באַלד האָט דער רב דערזעהן דאָס פּאָליציי-הויז, דערנאָך האָט זיך אין זיינע אויגען אַ וואָרף געטון דער אויפשריפט פון גרעלען בלעכעל: „פעדרענקאָ," פאַר וועלכען ער איז שטעהן געבליבען אַ מינוט, איבערלייענדיג די ווערטער. דערנאָך איז ער אַריין אין שטוב. פון אָרט איז אויפגעשטאַנען אַ קליינע, פעטטע פיגור פון אַ כינעזער אין אַ שענעם מונדיר און דערזעהענדיג דעם רב איז ער אַ האַרטער שטעהן געבליבען. דער רב האָט זיך טיף איינגעבויגען. פע-דרענקאָ האָט קאַלט אָפּגעענטפערט.

— איך בין געקומען צו אייך, אייער האָהייט — האָט דער רב געשטאַמעלט — אייך צו בעטען, אַז איר זאָלט מיט אייער קראַפט, וואָס גאָט האָט אייך געשענקט, אָפּהיטען

דאָס לעבען פון שטעטעל, זיין רוה. זאָגט איר עס מיר צו ״
פעדרענקאָ האָט אַ גיפטיג שמייכעל געטון און געזאָגט:
— מיט וואָס וועט איר מיר פאַרזיכערען מיין·לעבען?
— צי זענען דען אַלע שולדיג ווען איינער ברענגט אריין אומאָרדנונג? — האָט דער רב געפרעגט.
— אָ! אַלע זענען שולדיג — האָט פעדרענקאָ געזאָגט.
דאָ וואו איך בין דאָ משפט איך אַלע פאַר איינעם. זעהט, אַז איר אַלע זאָלט דאָ נישט אומקומען.
— נו, וואָס קען איך טון? — האָט דער רב געפרעגט.
— גיט אויס די אַלע וואָס זענען שולדיג!
— און אַז איך וויים נישט ווער זיי זענען?
— גאַנץ עגאַל.
דערמיט איז דער אַלטער רב אַוועק פון פעדרענקאָ נאָך מער איינגעבויגען. געפאַלען און ציטערדיג איז ער אַריין אין שטוב, אַריינגעפאַלען. אין זיין ברייטער שטול. נאָכאַמאָל אַ בליק געטון, אויף די פינסטערע, איינגעפאַלענע הייזער אַרום און אַ שטיל געוויין האָט אים פאַרשטיקט.

XL

## פעדרענקאָ'ם אַרבייט.

שוין פון באַגינען אָן, האָט מען דערקענט, אַז דאָס שטעטל איז נישט דאָס אייגענע פון נעכטען, אייערנעכטען. דער היינטיגער טאָג איז אַ שטיקעל תענית, געדאַווענט האָט מען היינט לענגער מיט מער נגון און געוויין. דער תהלים האָט זיך געצויגען אויף די ליפּען פון די דאַוונער מיט מער קלאָג אין ביטערע טרערען. די געשעפטען זענען געוואָרען האַלב-פאַרמאַכט, אָדער פאַרמאַכט אינגאַנצען. פאַרנאַכט האָט זיך דער עולם אַראָפּגעטראָגען פון די גאַסען. עס איז געוואָרען פוסט. נור איינציגע לאַמטערנעס האָבען היינט געברענט, און אויך טונקעל, טונקעל... און אין דער דאָזיגער שטילער צייט, וואָס מענשען זענען געלעגען אין די שטובען, ווי פאַרציטער-טע שאָף זענען איבער דער גאַס געגאַנגען דריי פאַרשוין: דער בלויער זשאַנדאַרם „סאָקאָל", „פּיעטושאָק" און „קוריצאַ," זיי האָבען זיך אַראָפּגעלאָזט דאָרט אין שול-געסעל און „סאָקאָל" דער אָנפירער האָט געזאָגט: פון דאַנען, קינדערלעך, דאַרף די אַרבייט אַרויס אויף דער וועלט, דאָס איז דער בעסטער פונקט פון וואַנען מיר זאָלען אָנהויבען אונזער אַרבייט.

— מיט וואָס זאָל עס זיך אָנהויבען? — האָט „קוריצאַ" גע-פרעגט.

— מיט וואָס? וואַרט אויס, ברודער, דער פּלאַן איז אַ גו-

טער, נאָר געדולד. ווער וואוינט דאָ דערנעבען?

— פ—ט דער יודישער מעהל-סוחר, אַ שלעכטער יונג, וואָס גיט קיינמאָל קיין גראָשען נישט.

—כאַפּט אים דער טייוועל! שטעל זיך דאָ אַוועק, און שיס אויס.

„פּיעטושאָק" האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער יודישער קראָם און אויסגעשאָסען. „קוריצאַ" און „סאָקאָל" האָבען געענט-פערט אין דער לופט. די שיסעריי האָט זיך אַנטוויקעלט אין דער פאָרם פון אַ פראַגע און ענטפער. דאָס איז פאָרגעקומען דאָ. דערנאָך האָט זיך עס איבערגעטראָגען אין אַן'אַנדער קוואַר-טאַל, ביז מען האָט אַרויסגערופען מיליטער אָנוועזענדיג זיי, אַז דאָרט אין די פאַרמאַכטע הייזער שיסט מען. דאָס מאָל האָט זיך דאָס מיליטער גלייך געוואָרפען מיט אַ האָגעל פון קוילען געגען די פאַרמאַכטע טירען און פענסטער, פון וואַנען עס האָט אַרויסגעשיינט אַ געלע שיין. דורך דער פייפעריי פון קוילען האָט מען געהערט דאָס אומגליקליכע, עלענדע גע-שריי. די שיסעריי האָט זיך פאַרשטאַרקט און עס האָט שוין נישט אויסגעזעהן, ווי קיין שיסעריי נור ווי עפּעס אַ ווילדער שטורעם-ווינט, וואָס האָט געריסען דעכער און פאַרקאַנעס. אָט האָט זיך פּלוצלינג אַ לאָדען אויפגעריסען און שטעהן געבלי-בען אַ יוד מיט אַ צעפּלאָסענע באָרד, מיט הענט צום הימעל, נעבען אים עטליכע פרויען און קינדער, די אַלע האָבען זיך פון פענסטער אַרויס געבעטען מען זאָל זיי לאָזען לעבען, און אַלס ענטפער האָבען זיי געקריגען קוילען און פייער.

פון אַ צווייטער טיר איז פּלוצלינג אַרויסגעגאַנגען אַ יונג פרויען-געשטאַלט, זי איז געגאַנגען מיט איר צערטליכקייט בעטען אַז זי איז נישט שולדיג, נור ביי דער טיר איז זי געפאַלען מיט אַ שטילער באַוועגונג אויף די ליפען. פון אַ צווייטער זייט האָבען מאַט געבלישטשעט די פייערלעך פון בית-המדרש. פון דאָרט האָט זיך געהערט דאָס ווילדע געשריי און געוויין פון דעם אַלטען שמש, וואָס האָט זיך געריסען צום פענסטער, נאָר אָט האָט זיך דאָס פענסטער געעפענט. זיינע דאַרע הענט

האָבען עפּיס אַרויסגעבעטען אין דרויסען אַרויס און דער קאָפּ האָט זיך נאָך איינמאָל אויפגעהויבען צום הימעל און איז אין פּענסטער שטיל געבליבען אויף אייביג.

פון געגענאיבער האָט מען געזעהן די געשטאַלט פון אַלטען רב, וואָס איז אַרומגעגאַנגען און געבראָכען די הענט. זיינע קולות האָבען אַרויסגעקלונגען, ווי דאָס וויינען פון אַ צעבראָכענער פידעל. די גאַנצע צייט איז יודעל אין שטוב נישט געוועזען. ער איז געזעסען דאָ ביי ברכה׳לען געצערטעלט אירע האָר און געקושט אין די אויגען אַריין. מערקווירדיג, איצט, גראָד ווען דאָס פייער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס שטעטיל, האָט ער געפילט צו איר אַ דאָפּעלטע ליבשאַפט. דאָס האָט אַרויסגערופען איר עלענד־קייט, די ליבע צום לעבען פון איר אַמאָליגען ברו־דער, און דאָס, אַז ער נאָר איינער קאָן איר באַ־שיצער זיין. ברכה׳לע איז די גאַנצע צייט געזעסען די האָר צעוואָרפען, דאָס בדוינע פנימ׳ל האָט פאַרלוירען די ברוינקייט און די חן־גריבעלעך, און זי האָט יעדעס מאָל, ווען יודעל האָט זיך געריסען אַוועק צו געהן, אים אָפּגעהאַלטען:

—געה נישט פון דאַנען, בלייב דאָ, בלייב! איך האָב מורא!

נאָר יודעל האָט איר געמרייסט:

— אַוועקגעהן פון דאַנען האָב איך גאָר נישט אין זינען, איך מוז דאָך אָבער זיך אַקוק אום טון, וואָס עס הערט זיך.

מיט די ווערטער האָט ער געמיינט צו זאָגען, אַז ער מוז אַ קוק טון וואָס עס הערט זיך ביי זיינע עלטערן. ער איז אַרויס, אָנגעקלאַפּט ביים פּענסטער. איינע פון די שוועסטערען האָבען אים געעפענט. ער איז אַריין, טרויריג זיך אַוועק־געשטעלט געגען די שטוב־מענשען, ווי ער וואָלט אָפּוואַר־טען, וואָס זיי וועלען אים זאָגען. דער פאָטער האָט שווער אַ זיפץ געטון און די מוטער האָט געזאָגט:

—ווער ווייס צי אין דעם אַלעם זענען מיר אַליין נישט שולדיג—און ביי די ווערטער „מיר אַליין נישט שולדיג" אַ בליק געטון אויף יודלען.

יודעל איז אָבער פֿון דעם בליק שטעהן געבליבען געריהרט, עפּעס האָט ער דאָ אָנגעוואוירען די העלדישקייט און שטאַרקייט, ער האָט באַטראַכט דאָס שוואַכע, נערוועאישע פּנים פֿון דער מוטער און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, דאָס עס וואָלט גוט זיין צו צוגעהן אַרומנעמען זי און זאָגען: איך בין אמת דיין קינד, פֿון וועלכען דו האָסט געהאָפּט אויף אַשטיל, רויג לעבען, אָבער דאָס לעבען גופא איז שטאַרקער פֿון דיינע מוטערליכע פּאַרלאַנגען. ער האָט אָבער דאָס נישט געזאָגט נור אַ מורמעל געטון. ער האָט נאָכאַמאָל אַ בליק געוואָרפען אויף די שטוב־מענשען און זיי האָבען אים אויסגעזעהן עפּעס אַזוי אָרעם און עלענד און אָט די עלענדקייט האָט זיך אים אויסגעדוכט, שטאַמט פֿון אים, פֿון זיינע אייגענע מעשים. ער האָט גע־וואָלט זיי עפּעס זאָגען מיט עפּעס באַרויגען, נור ער איז אַוועק אין גאַס אָנזאָגענדיג, אַז ער וועט באַלד צוריק־קערען.

ער איז אַוועק און אַלע מאָל אומקוקענדיג זיך האָט ער געוואָרפען אַ בליק דאָרט צום פּענסטער, וואו עס איז געזעסען די מוטער, די וואָס האָט אים געוואָלט זעהן אַ קינד מיט אַלע קינדער צוגלייך, נור ער איז געוואָרען אַנ'אַנדערער מענש אויף דער וועלט. עס האָט זיך עטוואָס אין אים צעוויינט אין די אוירען און פֿון געוויין איז ער געוואָרען באַרמהערציגער און טרייער פֿאַר די שטוב־מענ־שען. ער איז געגאַנגען פּאָראויס, דאָ און דאָרט איז פֿאַר אים געפֿאַלען אַ געלע־שיין פֿון אַלאַמטערנע, ער האָט געטראַכט וועגען די שטוב־מענשען, וועגען ברכה'לען און עס האָט אים גאָר נישט געשראָקען, אים דאָס איינזאַמע לעבען, וואָס שפּאַצירט דאָ איצט אַרום איינער אַליין. פֿון צייט צו צייט איז אַדורכ־געפלויגען אַ מחנה האָגעלדיגע קוילען, נור ער איז געווען

גלייכגילטיג.

—זאָל זיין, וואָס עס וויל—האָט ער געטראַכט—און געהן אַהין מוז איך.

דאָס אָרט, וואוהין ער האָט איצט געוואָלט געהן, איז געווען דאָס הויז, אין וועלכען עס האָט געלעבט „פעדרענקאָ.“ ער איז געגאַנגען אַ קוק טון, וואָס דאָרט טוט זיך. ער איז געגאַנגען אָהן שרעק, אָהן יענע מורא אין די אויגען. דאָ און דאָרט איז עמיץ געפאַלען מיט אַ געשריי, דאָ און דאָרט האָט זיך אָנגעצונדען אַ הויז, אַ דאַך. ווען ער איז צוגעקומען צו פעדרענקאָס הויז האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ביי פעדרענקאָס הויז איז געשטאַנען די אָפּטיילונג, וואָס האָט איבערגענומען פעדרענקאָס באַפעלען. פעדרענקאָ איז געזעסען ביים טיש אין דרויסען, אַ געלע שיין פון אַ גרויסען לאָמפּ האָט באַלויכטען דאָס צופרידענע, כינעזישע פנים זיינס, אַרום אים איז געשטאַנען אַ מיליטערישער אָרקעסטער, וואָס האָט ביי יעדען באַפעל אויפגעשפּילט דעם קייזערליכען הימן, און פעדרענקאָ האָט באַפוילען אויסטרינקען. יודעל איז געשטאַנען פון ווייטענס אונטערן סלופּ פון אַ גאַסען-לאַמטערנע און זיך צוגעקוקט. אַלע מאָל איז צוגעקומען „סאָקאָל“ צו פעדרענקאָ מיט זיין אָפּטיילונג מעלדען וועגען זיינע נצחונות אין דעם און אין דעם קוואַרטאַל, און אַלע מאָל האָט זיך פון אַנ׳אַנדערער זייט באַוויזען „פּיעטושאָק“ און „קוריצאַ“. יודעל האָט דאָס בילד באַטראַכט און עס איינגעפּרעסט אין געדאַנק, זיין האַרץ האָט געקלאַפּט שנעלפאַרדרוסיג און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט: ווען עפּעס פון געוועהר וואָלט איצט זיין אין זיין האַנט, וואָלט ער צעריסען פעדרענקאָן מיט זיך צוזאַמען. נור ווייל ער האָט זיך געפילט איצט מאַכטלאָז געגען זיי, האָט ער דאָס בילד נור איינגעפּרעסט אין זכרון און פאַרשוואונדען.

XLI

## יודעל און זיינע אָנהענגער.

אויך אין דער צווייטער נאַכט איז די אַרבייט פון פעד־רענקאָ געגאַנגען ווי געכטען. נור אַ ביסעל איז שוין געלאָ־שען געוואָרען דער ווילדער חשק פון ברענען און שיסען. ביי פעדרענקאָ איז שוין געלעגען די בעסטע טיטונען, ווייגען און עסענוואַרגען, וואָס זיינע מיטהעלפער האָבען אים פון גאַס געבּרענגט, דאָס בעסטע ביסעל גאָלד, זילבער און זייד, וואָס מען האָט איבּערן וועג צו ראַטעווען די מלוכה, געפונען. און ביי פעדרענקאָן איז שוין געלעגען אין מוח דאָס גאַנצע ביסעל האָב און גוטס און עס האָט זיך אים שוין געמאָלט די גרויסע פערסישע דיוואַנען ביי זיין בעט און די שענע בגדים, וואָס דאָס ווייב זיינס וועט איצט האָבען.

אויך „סאָקאָל", „פּיעטושאָק" און „קוריצאַ" האָבען זייערס געהאַט. זיי האָבען געטראָגען אין געדאַנק אפשר אַ פירטעל מיליאָן רובלעס, און גאָלד, זייד, סאַמעט, אַ חוץ שאַמפּאַנער, וואָס זיי האָבען אַרויסגעשלעפּט פון קעלער, זוכענדיג געווער און רעוואָלוציאָנערען.

שפּעטער אָבער ווען דער קאַמף איז נישט נויטיג געוועזן איז פעדרענקאָ געשלאָפען פעסט, מחמת אין דער נעכטיגער נאַכט האָט ער זיך נישט געהאַט אויסגעשלאָפען. דאָס אייגענע האָט געטון „פּיעטושאָק" און „קוריצאַ," וועלכע האָבען זיך געפּילט

מיד, זענען זיי אין פּאָליציי־הויז איינס אויף דאָס אַנדערע און געדרימעלט. אין דער שטאָט זענען גור אַרומגע־גאַנגען נאָכשלעפּער, אָרימע פּאָליציאַנטען און אויסגעהונגערטע זעלנער, וואָס האָבען אויפגעקליבען דאָס, וואָס די ערשטע האָט עס נישט געלוינט. די גאַס איז שוין געווען געשלאָגען, די קראָמען אויפגעריסען, די טייערע זאַכען אַרויסגענומען און נור די לעדיגע שאַכטלען און פּאַפּירען האָבען זיך געוואַלגערט אי־בער די גאַסען צוזאַמען מיט די מתים. און עס איז נאָך דער שרעקליכער נאַכט געגאַנגען אַ שטיל, מוטלאָז געוויין פון די, וואָס האָבען דערקענט זייערע מתים.

צום פּאַרנאַכט איז דער אָבל'דיגער רב אַראָפּגעקומען אין בית־המדרש צוזאַמען מיט עפּעס אַ מנין יודען, וואָס האָ־בען זיך נאָך אַרומגעדרעהט אין גאַס, געדאַווענט מנחה און מעריב. דערנאָך זענען די ליכט גיך אויסגעלאָשען געוואָרען.

אין דער אייגענער צייט האָט מען געזעהן דאָרט אויפ'ן באַרג, וואָס עס האָט געפּירט אין יודעלס הויז אַריין, שטיל־געהענדע מענשען, דאָס איז געווען וואָלגעמוט, דער אָנפירער פון אַ קאַמפּפס אָרגאַניזאַציע און אייניגע, וואָס זענען מיט אים געגאַנגען. די אַלע זענען איצט אַריין צו יודלען, זיך באַראַ־טען מיט וואָס דאַרף מען ענטפערן אויף פעדרענקאָס אָנפאַלען. יודעל איז איצט גראָד געלעגען מיט איין האַנט אָנגעשפּאַרט און געקוקט דאָרט אין געגענאיבערדיגען שפּיגעלע, וואו ער האָט זיך געזעהן אַ מידען, אַ דערשלאָגענעם מענש, אין זיינע אויערן האָבען נאָך געקלונגען די פאַרדרוסיגע, ווילדע טענער פון פעדרענקאָס מוזיק, פון וויין, געטראַנקען און ווילדען געלעכ־טער. אַצינד האָט זיין האַרץ געשטורעמט, ווי עס שטורעמט און רייסט אַ וואַסער, וואָס וויל אַריבער די ברעגעס.

גראָד איצט איז אַריין דער פעסט־ענטשלאָסענער וואָלגע־מוט און נאָך אים די מיטהעלפער, דאָס איז געווען: באַרטעק, אַ שגץ פון אַ קריסטליכען שחט־הויז, מיט אַ קיילעכדיג מעסער אין בוזעם, אַ פעסטער, באָרוועסער גוי, וואָס איז גרייט זיך צו וואַרפען אַפילו אויפ'ן אייגענעם טאַטען, ווען ער וואָלט עס

פאַרדינט; „שלימאַק,“ אַ נידעריגער קריסט בלינד אויף איין אויג, אַן אַלמן אַנ'איינציגע נשמה אויף דער וועלט, וואָס איז בדייט געוועזן צו באַגעהן אַן אַקט געגען אַ הויכגעשטעלטע פּערזאָן. און „ווירטשאַק,“ אַ געלער אויסגעדינטער זעלנער, וואָס האָט גוט געקאָנט שיסען און מחמת דעם וואָס זיין מוטער איז געשטאָרבען אין דער צייט, וואָס ער איז געוועזן אויף סלוזשבע, האָט ער איצט געוואָלט נקמה נעמען. מיט זיי, זענען מיטגעקומען דער „בדחן“, „דער חסיד“ און „גבאי“, וועלכע וואָלגעמוט האָט צו-זאַמענגעבונבען אין איין קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע און ווען יודעל האָט זיי דערזעהן, האָט ער זיך אויפגעהויבען פון אָרט און געזאָגט:

—גליקליכע, גוט, וואָס איר זענט געקומען!

—מיר זענען געקומען פּונקט צו דער צייט—האָט וואָל-געמוט געזאָגט—און מיר דאַרפען איצט באַטראַכטען, וואָס מיר האָבען צו טון. מיר וועלען דיך געוויס הערען—האָט ער גע-זאָגט צו יודלען, אין וועלכען ער האָט געגלויבט, ווי אין אַ מלאך.

—מיר וועלען אַלע טון דאָס, וואָס אונז איז טייער.

—איך געה פאָראויס—האָט באַרטעק זיך געשטעלט אין דער רייע.

—איך פריער—האָט ווירטשאַק זיך געבעטען און אַרויס-געשטעלט די ברוסט, אַ סמן, אַז ער איז גרייט אויף אַלע-מען.

—מיר וועלען אַלע געהן—האָט יודעל געזאָגט און אויפ-שטעלענדיג זיך האָט ער אויסגעשריגען—נאָנטע, טייערע! אין דער צייט, וואָס איך שטעה דאָ מיט אייך האָט ערשטש נישט לאַנג די נאַכט צוגעדעקט די קערפּער פון די, וואָס האָבען נעכטען ווי מיר דאָ געאָטעמט מיט גאָט'ס לופט, מען האָט זיי אַוועק-געריסען פון לעבען, ווי מען רייסט אויס די אומשולדיגע בלום פון גאָט'ס ערד. מען האָט זיי אויסגעריסען פאַר פרעמ-דע זינד און פאַר אייגענעם נוצען, קיין טיפע זאַך און קיין גלויבען, האָט די מערדער נישט באַוואויגען צו טון דאָס, וואָס

האָבען געטון געגען אַ קוואַרטאַל אומגליקליכע איינוואוינער און דאַרום פאַלט דער גורל אויף מיר, דעם יעניגען, וואָס איז געוועזן די ערשטע סבה פון די קרבנות. שטעלט אייך אַוועק אין דער רייע, איך געה פאַראויס!

יודעל האָט גערעדט, ווי זיין שטייגער, שטיל און דער־נאָך איז ער צוגעגאַנגען אין ווינקעל, וואו ער האָט אַרויסגע־נומען עטליכע חפצים און געזאָגט:

—איך געה פאַראויס, איר נאָך מיר.

דערביי האָט ער אויסגעלאָשען דאָס קליינע פייערעל פון לעמפעל, און זיי האָבען פערלאָזט דאָס צימער.

---

XLII

## טויט און נאַכט.

דער שטאָט-זייגער האָט געקלונגען איינס. און דאָס עכאָ פון דעם איינס האָט עפּעס שרעקליך דאָס מאָל אַרומגעבלאָנדזשעט אין ד'אוירען פון די, וואָס האָבען קיין אויג נישט צוגעטון די נאַכט. איבער די גאַסען האָט געהערשט אַ שטילשווייגען, יענעס שטילשווייגען נאָך אַ פאַרשפּילטער מלחמה, וואו עס ליגען צעשאָטען און צעשפּרייט די שוואַכע כוחות פון געגנער. פון דאָ און דאָרט האָט מען אַרויסגעזעהן איינציגע פייערלעך, גרינע, מידע פייערלעך, וואָס האָבען באַלויכטען די פּנים'ער פון קראַנקע, צעשראָקענע מענשען; געזעהן אין גאַס אַ קערפּער פון אַ טויטען, אַנ'אָרימען טויטען, וואָס האָט נאָך נישט געהאַט אונטער דער האַנט זיין נאָנטען וואָס זאָל אים צו קבורה ברענגען. עס האָט זיך נאָך דאָ און דאָרט געוואַלגערט דאָס איבערגעלאָזטע, וואָס עס האָט זיך נישט געלוינט מיטצונעמען, האָט מען עס געוואָרפען אויף הפקר אין גאַס.

דאָס מיליטער איז שוין אויף דער גאַס נישט געוועזען און עס איז קענטיג געווען, אַז נאָך דער נעכטיגער גליקליכער נאַכט שלאָפען זיי אַלע. נור פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ שאָס אין דער לופטען, וואָס איז פּלוצלינג שטיל געוואָרען. אַ סמן, אַז מען געדענקט נאָך אין עפּעס. אין דער אייגענער צייט האָבען זיך איבער דער גאַס געשלייעט עטליכע

מענשען און זיך אָפּגעשטעלט געגענאיבער פּעדרענקאָס הויז.
פּעדרענקאָ איז דאָס מאָל געשלאָפען אין זיין גאָרטען, באוואַכט פון עטליכע פּאָליציאַנטען, וואָס האָבען אים באַדאַרפט אַלע מאָל צוויסען געבען, ווי עס האַלט. דאָס געדיכטע, שטילע געדרויש פון די בלעטער אין דער וואַרימער אָב-נאַכט האָט אים איינגעשלעפּערט אין אַ שטאַרקען שלאָף, וואָס האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט דערפון, וואָס ער האָט נעכטען געשכּור'ט און גע-כאַפּט אַזאַ רייך פאַרמעגען. דאָס געלע ליכט פון דער לאַמטערנע האָט באַלויכטען דאָס ווייסע געלעגער און דעם קאָפּ מיט די האַלב-פאַרמאַכטע אויגען, וואו עס האָבען זיך געדרעהט די גרינע אַפּלען זיינע. פון אַ צווייטער זייט, נישט ווייט פון פּעדרענקאָן, האָט מען געזעהען די שלאָפּעדיגע פּנים'ער פון „פּיעטושאָק'ן" און „קוריצא'ן" און די געלע בלעכען פון זיי-רע היטלען האָבען אַראָפּגעפּונקעלט געגען דער נאַכט.
יודעל האָט זיך געשטעלט אונטער אַ מויער און באַ-טראַכט דאָס בילד, דאָס מורמלען און טרייסלען זיך - פון די קליינע בלעטלעך האָט דאָ אויפגעדעקט דאָ צוגעדעקט דאָס בילד. יודעל האָט פּלוצלינג אַ וואונק געטון צו אַלעמען, אַז זיי זאָלען שטעהן גרייט. אַלע זענען שטעהן געבליבען. — שטעהט גלייך, עס זאָל זיך קיינער פון אָרט נישט רירען—האָט ער באַפוילען— די מיילער אָפען! — אַלע זענען שטעהן געבליבען.
— אַצינד ציהט אויס די „מאַשינען" אין פאַל פון אַ פּאַרטיי-דיגונג—אַלע האָבען די הענט מיט די רעוואָלווערען אויסגעצוי-גען. אַצינד האָט זיך יודעל געגעבען אַ בויג אין אַ שפּרינג אָפּ. וואָלגעמוט האָט אויסגעשאָפּען און אַ שרעקליכער קנאַל האָט אַ טרייסעל געטון די ערד מיטרייסענדיג דעם קלאַנג פון צע-בראָכענע שויבען.

— — — — — — — — — — — — —

יודעל איז אַליין צוריקגעפאַלען און האָט אין איין אויגענבליק נישט געוואוסט, וואָס עס איז מיט אים געשעהן, עס איז אים אַ מינוט פינסטער געוואָרען אין די אויגען, פּונקט ווי ער וואָלט פאַרלוירען די וועלט, באַלד האָט זיך אַ שיט

געטון אַ מחנה רויטע פינטעלעך, פּאַסען און באַלד האָט ער דערפילט, אַז ער איז געפּאַלען, נור געטון האָט ער זיך גאָר-נישט, אויסער דעם, וואָס פון דער האַנט לויפט אַ רויטער שטראָם און דער שטראָם ברענגט אַ שרעקליכען וועהטאָג אין די גלידער. ער האָט אַ בליק געטון אין אַ זייט, דאָרט איז געלעגען וואָלגעמוט, „גבאי,״ „דער בדחן״ און „דער חסיד.״ ער האָט אין איין מינוט באַמערקט, אַז די עטליכע פּאַרטיידיגער אויסער וואָלגעמוטען זענען געפּאַלען פון שרעק.

—ווער עס איז מיט מיר, זאָל געהן,—האָט יודעל אויס-געשריען.

פון דער ערד האָט זיך נאָר אויפגעהויבען „באַרטנזק״ און „ווירטשאָק״, וואָס זענען שנעל אַוועק מיט יודלען.

— — — — — — — — — — — —

צום באַגינען האָט די זון באַלויכטען עטליכע אומגעוואַ-לענע ביימער באַשפּריצט מיט בלוט און געהירן. אַ צעריסען בעט, וואו עס איז אַראָפּגעהאָנגען אַ האַנט, אַ כוס פון אַמען-שען, דאָ און דאָרט האָט זיך געוואַלגערט אַ פוס מיט אַ נייעם געפּוצטען שטיוועל, אַ היטעל פון אַ פּאָליצ-מייסטער. נעבען דעם בעט זענען געלעגען „קוריצאַ״ און „פּיעטושאָק״ נישט טוי-טע נאָר אויך נישט לעבעדיגע, דען זיי האָבען נישט געוואוסט וואָס מען רעדט צו זיי. נאָר דער איינציגער „סאָקאָל,״ דער בלויער זשאַנדאַרם, איז אַרומגעגאַנגען אין גאַס. אַ פּאַרציטער-טער, דערשראָקענער האָט ער זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטען.

## XLIII

## דעם רבי'ם טויט.

אין פאַרלויף פון די לעצטע טעג האָט דער אַלטער רב זיך געפילט שלעכט. דער אַלטער רב האָט געהאַלטען אין איין פאַסטען, קלאָגען און ברעכען די הענט. די שטאַרקע שי־סעריי האָט אים נישט מורא'דיג געמאַכט פאַר'ן אייגענעם לע־בען, ער איז נאָר געשטאַנען און געבעטען:

—רבש"ע, ווען עס איז באַשערט, אַז מיין עדה זאָל ח"ו אומקומען, זאָל מיר זיין פאַר זיי.

אין פאַרלויף פון די עטליכע לעצטע טעג איז זיין שטע־רען געוואָרען שרעקליך איינגעשרומפען, דאָס פנים מאָגער, די איגען האָבען אָנגעוואוירען יענע רויגע בליקען און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פון יענעם רב געהט נור אום אַ וויסטער, פוסטער שאָטען. פון דער מינוט, וואָס דאָס שטע־טעל איז פטור געוואָרען דעם פאָליצמייסטער, איז ער טאָג־טעגליך געוואָרען צעמישטער, שרעקענדיגער, ווי ער וואָלט פילען, אַז די נקמה וועט נאָך שטאַרקער ווערען. ער איז פון דער מינוט אָן אַריינגעפאַלען אין בעט און אָנגעהויבען פילען ווי דער אָטעם ווערט שוואַכער, די הענט און פיס האָבען זייער כח אָנגעוואוירען. פאַר זיינע אויגען האָט זיך יעדעס מאָל אַ וואָרף געטון דאָס בילד פון רויטער פאָהן געגען דער ספר תורה און יודעלס פאַרביסענער שמייכעל, וואָס האָט אויס־

געלאַכט דעם רב׳ס חרם. דאָס לעצטע האָט אין אים עפּעס אַ זעלכען טרייסעל געטון, דאָס ער האָט אָנגעהויבען שרייען אויפ׳ן גאַנצען קול, פּונקט ווי עמיץ וואָלט אים באַפאַלען.

אַזוי איז ער אָפּגעלעגען עטליכע טעג, אַרום אים איז אַרומגעגאַנגען דער אַלטער שמש, וואָס האָט, זעהענדיג זיינע לעצטע מינוטען, אַלע מאָל אַ הויב געטון די אויגען צום הימעל און אַ זיפץ געטון. ביינאַכט האָט נור נעבען רב געברענט דער אַלטער הענג-לאָמפּ, געקוקט אויפ׳ן געלען איינגעשרומפּענעם פּנים, געציטערט, ווי ער וואָלט פאַרשטעהן און מיטפילען דאָס לעבען פון אַלטען רב. אַזוי האָט געדויערט עטליכע טעג. דערנאָך האָט איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, דער רב געגעבען אַ וואונק צו די שטוב-מענשען, אַז זיי זאָלען זיך פאַרזאַמלען אַרום אים. עס איז צוגעקומען: די רבצין, די צוויי טעכטער, דער שמש, די צוויי דאָזאָרעס, וואָס האָבען געוואוינט אויף דעם הויף און איין שרעקליכער ציטער האָט אַרויסגעריסען פון אַלעמען דאָס וואָרט: ברוך דין אמת! אין דער גאַנצער צייט, וואָס דאָס פייער האָט זיך געשאָטען איבער׳ן שטעטעל האָט יודעל, דער, וואָס האָט האַרט געגענטפּערט אויפ׳ן רב׳ס ווערטער און אויסגעלאַכט פ׳ן זיין חרם, יעדעס מאָל אַ טראַכט געטון פונדעסטוועגען וועגען אַלטען רב. וואָס טוט ער? ווי פילט ער זיך? און ס׳איז אים אַ שאָד געוועזען: דער אַלטער רב, וואָס איז ער שולדיג, אַז ער טראַכט אַנדערש, ווי איך? האָט ער געזאָגט, און פאַרוואָס ברענגר איך אים אַזעלכע דאגות? די אייגענע געדאַנקען האָט ער געהאַט ווען ער האָט אַ בליק געטון אויף דער אומרויגער, נערוועזער מוטער: וואָס איז זי שולדיג, אַז זי טראַכט אַנדערש ווי איך?

ער איז אַרומגעגאַנגען, באַטראַכט דאָס פאַרוויסטע לעבען פון שטעטעל און אַ געדאַנק האָט אַ בליק געטון אין זיין מח. ער, דער אַלטער רב האָט אים אַריינגעלעגט אין חרם, אַז ער זאָל זיין פאַרוויסט און אָפּגעריסען פון דער גאַנצער יודישער עדה—האָט ער דען אַנדערש געקאָנט טון? און אַז ער האָט עס געטון? און יודעל האָט אים צוערשט מוחל געוועזן אין האַר-

נען, פאַמעלעך האָט ער אָנגעהויבען חרטה קריגען דע-רויף, וואָס ער האָט אים האַרט און איראָניש געענטפערט, ווען ער האָט אים צו זיך גערופען. ביסלעכווייז האָט ער רחמנות געקריגען אויפ׳ן רב און געפילט, אַז ער איז שולדיג פאַר׳ן אומגליקליכען בעלער. ער האָט געוואָלט אַרויפפאַלען אויף זיין האַלדז און זאָגען: זייט מיר מוחל, איך האָב געזינדיגט געגען אייך. נאָכמער האָט ער געפילט די שול-דיגקייט, ווען ער האָט דערהערט פון רב׳ס טויט. מיט׳ן רב׳ס טויט האָט ער אָנגעהויבען אין זיך פילען אַ שולד געגען גאַנ-צען הויז-געזינד פון דעם רב, געגען דעם שטעטעל און גע-גען דעם גאַנצען עובר-בטל׳דיגען צער, וואָס האָט נאָך גע-בענקט נאָך די צייטען פון פרעהליכען בית המדרש.

צום באַגינען האָט זיך דאָס שטעטעל צוזאַמענגענומען אַרום רב׳ס הויז און נאָך די שרעקליכע טעג האָט זיך גע-הערט דאָס שטילע, געפאַלענע וויינען פון די מענשען, וואָס זע-נען אים געקומען באַגלייטען, און נישט וויסענדיג אַליין צו וואָס, איז יודעל אויך געקומען. דאָס געוויין האָט אים איצט געקלונגען אין די אויערן, ווי דאָס געוויין פון גרויסע עלענדע יתומים.

ס׳ האָט געענדיגט דער לעצטער ספדן צו באַקלאָגען, די לויה האָט גע־ירט און דער אָרימער עולם האָט אָנגעהויבען זיך אַרויסצושיטען איבער די גאַסען. די פלומפען און ברונעס האָבען אָנגעהויבען צו גיסען מיט וואַסער אויף די הענט פון די דורכגעגער, וואָס האָבען זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס, ווי זיי וואָלטען פיל תניתים דורכגעמאַכט.

יודעל איז נאָכגעגאַנגען דעם אָרון און עפּעס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז צוזאַמען מיט אַלע, וואָס בעטען מחילה וואָלט ער אויך מיטגעבעטען דעם עדעלען נפטר. מיט עטליכע שעה שפּעטער האָט זיך דער עולם צערופּגעריסען אויפ׳ן בית-עילם. יודעל איז מיטגעגאַנגען און ער איז, באַטראַכטענדיג דאָס אָפּגעדעקטע פּנים פון נפטר, שטעהן געבליבען. די גרויע ברע-מען, וואָס זענען אַריבערגעוואַקסען איבער די פאַרמאַכטע אויגען

האָבען צוגעגעבען אַ געוויסען הערליכֿען אויסדרוק זיין פּנים. און דער אויסדרוק האָט עפּעס רחמנות'דיג געמאַכֿט דאָס האַרץ אויף אים.

—הערליכֿער טויטער, דו ביסט געפאַלען איבער פרעמדע שולד—האָט יודעל געטראַכֿט, און פאַרביסען רחמנות'דיג די ליפּען.

ער איז אין דער מינוט שטעהן געבליבען מיט אַ קינ-דיש האַרץ-פאַרקלעמונג, עס האָבען אין אים געקעמפט צוויי געפילען: דאָס געפיל, וואָס עס האָט יאים געפירט צו נקמה פון פעדרענקאָ'ן און דאָס גרויסע מיטגעפיל, וואָס ער האָט אין האַרצען געטראָגען פאַר'ן ערליכֿען, פרומען, כֿאָטש פרעמ-דען רב.—איך האָב געטון דאָס, וואָס איך האָב געמוזט—האָט ער געשעפּטשעט און איז שטיל אַוועק צווישען די קברים.

XLIV

## יודעל גיט זיך איבער.

יודעל איז געגאַנגען לאַנגזאַם, באַטראַכטענדיג יעדען אויפגעגראָבענעם און פאַרמאַכטען קבר. עס איז שוין פאַר־נאַכט געווען, די זון האָט זיך געהאַלטען אין זעצען און באַגאָסען דעם בית־עולם מיט אַ רויטליכער שיין. פון די מצבות זענען געפאַלען לאַנגע, טרויריגע, אומעטיגע שאָטענס. אין דער לופט האָט געשמעקט מיט פאַרוועלקט גראָז און ערד און אין יודלען האָט עפּעס מאָדנע דאָס האַרץ געפּיקט, שטיל געוויינט, געריסען זיך ערגעץ ווי אַמאָל אין די יונגע יאָרען, ווען ער איז אין חדר געבליבען פּי־לענדיג זיך איינער אַליין, און אין דער שטים פון האַרץ־געוויין האָט ער געפילט יענץ באַדוירען, וואָס ווען מען פילט אָפּט זיך שולדיג קליין און געבראָכען.

—אפשר בין איך דאָס ערגסטע פאַרברעכען באַגאַנ־גען געגען דעם הייליגען זקן און געגען דעם שטעטיל?— האָט זיך יודעל געטראַכט, הערענדיג דאָס שיטען פון זאַמד איבער די קברים. און איז פּאַמעליך אַוועק.

צום פאַרנאַכט האָט מען דערהערט דאָס שטאַרקע שיסען, וואָס עס האָט געקלונגען, ווי אַ נקמה ענטפער פאַר פעדרענקאָס טויט. פון דער זייט און יענער זייט האָט דאָס שטעטיל געברענט און די קנאַקעדיגע פייער־צונגען

האָבען ווי מיטגעטראָגען מיט זיך דעם דערדריקטען צער פון שטעטיל צום הימעל. יודעל איז פון ווייטענס שטעהן געבליבען אָנגעלענט מיט אַ האַנט אויף אַ בוים און עפּעס אַ מאָדנע געפיל האָט געריהרט זיין האַרץ.

— איך, איך, האָב דאָס באַשאַפען. דורך מיר, דורך מיר, ברענט איצט דאָס שטעטיל. זאָל איך דאָס ווייטער לאָזען? זאָל איך לאָזען, אַז דאָס גאַנצע ישוב זאָל אומ־קומען, נאָר דערפאַד ווייל מען ווייסט נישט ווער דער שולדיגער איז? — און אַ געהיימניספולער ציטער האָט דורכ־גענומען זיין האַרץ.

דאָס מאָל האָט ער זיך באַטראַכט, אַז איצט איז געקומען די צייט, דאָס עס זאָל זיך ענדיגען דאָס מורא'דיגע פון וועלכען ער האָט ביז איצט געטראַכט.

— איבערגעבען זיך, זאָגען, אַז איך בין שולדיג — האָט ער געשעפּטשעט — דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס מען דאַרף טון. אָבער ביים שרעקליכען געדאַנק פון איבערגעבען זיך, האָט ער זיך דערמאָנט אין דעם הויז זיינעם מיט'ן פענס־טער'ל, נעבען וועלכען ער האָט זיך קינדוויז געשפּילט, און די טיר, וואו די אַם האָט אים דאָס ערשטע מאָל צוגעפירט. דערנאָך איז אים מיט אַ שטאָך אין האַרץ אַנט־קעגענגעקומען די געשטאַלט פון ברכה'לען און דער גע־דאַנק פון איבערגעבען זיך איז שוואַכער געוואָרען. אין דער מינוט האָט ער אָנגעהויבען צו שטעלען האַסטיגע טריט איבער'ן וועג אַ היים. און אַלע מאָל האָט ער גע־וואָרפען אַ בליק דאָרט, אין דער ברענעדיגער ווייטקייט. די געשטאַלט פון די צעשראָקענע פרויען און קינדער, וואָס ער האָט געזעהן אין דער רויטער ווייטקייט, האָט אָבער מיט איין מינוט פעסט געמאַכט זיין געדאַנק.

— איך וועל זיך נאָר מיט זיי געזעגנען, זאָגען, אַז איך מוז אַוועקגעהן אין אַ פרעמד לאַנד אַריין אויף אַ קורצע צייט — האָט יודעל געטראַכט — און דאַן...

מיט דעם געדאַנק איז ער געקומען צו זיין טיר, נור אַריינגעהן האָט ער נישט געקאָנט, די פּנים׳ער פון די דער־שלאָגענע שטוב-מענשען האָבען עס אים נישט געלאָזט. ער איז דערום שטעהן געבליבען אין דרויסען און באַטראַכטענדיג די אַלע, וואָס זענען געשטאַנען צוזאַמען, מיט די ליפּען ווי אַ קוש געטון דאָס פענסטערל, אונטער וועלכען ער האָט זיך געשפּילט אין זיינע קינדער-יאָרען און געזאָגט:

—איך געה אַוועק אפשר אויף אייביג, נור געהן מוז איך.

דערנאָך האָט ער נאָכאַמאָל אַ בליק געטון אויף די שטוב-מענשען, צווישען וועלכע עס האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען דאָס פּנים פון דער מילדער שוועסטער און דאָס אומרויגע פּנים פון דער מוטער און ער איז אַוועק.

ער איז אַוועק שנעל. ער האָט באַדאַרפט טון נאָך איין זאַך, געהן צו ברכה׳לען, איר אַ קוש טון און זאָגען:—איך געה אַוועק פון דיר אויף אַ קורצער צייט,—נור ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס וועט גאָרנישט ענדערן אין איר און צו גאָרנישט ברענגען, און ער האָט נור אַ ליבען בליק אַהין געטון.

באַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. דאָס מאָל האָט זיך אין זיין מח עפּעס אַ מיש געטון, ער וועט אַריינקומען אין אַ פּאָליציי-הויז, ער וועט בלאָס ווערען, וועט זיך מודה-זיין, און די גאַנצע שולד פון דעם שטעטעל נעמען אויף זיך און ער וועט הארב באַשטראָפט ווערען. אַ שטראָם פון קערפּערליכע ליידען האָבען זיך אַ גאָס געטון איבער זיין הויט און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דאָס וועט אים שווער זיין צו טון, באַלד אָבער האָט ער זיך דערמאָנט אין די טויטע פּנים׳ער פון די מענשען און רב און ער איז געגאַנגען.

ער איז געגאַנגען שנעל און דרייסט. פון ווייטענס האָבען זיך געגאָסען די רויטע פלאַמען אין די פּנים׳ער פון די פרויען, קינדער און אַלטע לייט, וואָס האָבען זיך געשניטען אין דער רויטקייט און ציטערן געמאַכט זיין הארץ. ער איז גע־

גאַנגען, ווי געטריבען פון עמיצענס האַנט, ווי געפּלאָגט פון אַ שרעקליך, דאָך זיס געפיל. פון דער ווייטענס האָט אַ בליץ געטון דאָס פּאָליציי-הויז מיט די גרינע שילדען, צו וועלכע ער איז צוגעגאַנגען לאַנגזאַם און צעמישט איבערגעלייענט די ווער-טער „פּאָליציי-הויז.״ דערנאָך איז ער אַרויף אויף די שטיגען. אַ טונקעלע שרעק האָט אַ שלאָג געטון אין זיין פּנים. ער האָט דערפילט אַ ביטערן ריח פון פּאַפּיראָסען און אַלקאָהאָל. ער איז פּאַמעליך און פאָרזיכטיג אַריין אין גרינעם צימער. אַרום דער לאָמפּ האָט זיך געוויקעלט אַ עסעדיגער רויך און דורכ׳ן רויך האָט ער נאָר באַמערקט טעליכע מענשען מיט גע-לע בלעכען, וועלכעס פּנימ׳ער ער האָט נישט געקאָנט דער-זעהן. און נור זייער שרעקליכע שטים האָט ער געהערט ווע-גען דעם, אַז די שטאָט מוז אַרויסגעבען די שולדיגע, אַז מען מוז מאַכען גרויסע רעוויזיעס און וועגען דעם, וואָס מען וואָלט געטון, ווען מען זאָל פּאַקטיש טרעפען אַ שול-דיגען. ער האָט זיך אומגעקוקט נור אין שטוב האָט ער מער נישט געזעהן, ווי דאָס גרויכע בילד פעדרענקאָס אין זיין יום-טוב׳דיגען אוניפאָרם. שפּעטער האָט ער דערפילט אין זיך אַ שרעקליכען ציטער. ער האָט געוואָלט אַ געשריי טון נור ער איז שטעהן געבליבען שטום, קוקענדיג מיט די אויגען צום טיש.

—ווער זענען זיי און וואָס דאַרף איך זיי זאָגען?—האָט ער געמורמעלט און האָט ווידער שטום די אויגען אַראָפּגע-לאָזט.

ער האָט געשטעלט טריט צום טיש, אָנגעכאַפּט זיך ביים האַרץ, ווי ער וואָלט זיך וועלען פאַר ווען פאַרטיידיגען, נור רעדען האָט ער נישט געקאָנט. דאָס געפיל, אַז ער קאָן נאָך פריי זיין, האָט אים, ווי אַ ריס אַוועק געטון פון טיש און געברענגט מיט איינמאָל אַנ׳ערינערונג פון אַ מינוט: ווען ער האָט דעם קאָפּ אויף דער אַם׳ס ברוסט אַוועקגעלעגט און דעם וואָרצעל פון איר ברוסט באַריהרט. ער האָט זיך שוין גע-פילט, ווי געפאַנגען. אַ פּאָליציאַנט מיט אַ וואָנסע האָט פון

רויך אַ שטעק אַרויס געטון דעם קאָפּ און געפרעגט:

—וואָס? וואָס איז דיין פאַרלאַנג?

דאָס מאָל איז זיין לאַגע געוואָרען נישט איבערצואַנדער־שען. ער האָט אין דער מינוט פאַרלוירען דאָס אַלץ אַרום פון די אויגען: דעם רויך, דאָס פּנים פון פּאָליציאַנט, די גאַנצע ליכטיגע און פינסטערע וועלט.

—וואָס?—האָט ער אויסגעשריען—איר פרעגט צוליב וואָס איך בין געקומען?

דער פּאָליציאַנט האָט זיך אויפגעשטעלט און אים משונה׳־דיג אָנגעקוקט. אין זיין פּנים האָט עפּעס הייסעס אַ שלאָג גע־טון.

—וואָס פרעגט איר? צו וואָס איך בין געקומען?—האָבען זיך יודעלס אויגען מאָדנע געעפענט—הערט אויס: איך בין עס! איך בין דער... איך האָב פאַרבלוטיגט דאָ מיט אַ פּאָר טעג צוריק פעדרענקאָס געלעגער, דורך מיר איז אָפּגעריסען גע־וואָרען זיין פּוס מיט׳ן געפּוצטען שטיוועל צוזאַמען, דורך מיר... איך בין עס... איך האָב צוגענומען דאָס לעבען פון גובערנאַ־טאָר. ענטשולדיגט! איך נור אַליין... קיין אַנדערע טאָרט איר נישט באַשולדיגען. איר הערט? נור איך!

איז געוואָרען אין דער מינוט אַ טויטע שטילקייט. קיינער האָט גאָרנישט מער געפרעגט און קיינער האָט גאָרנישט גע־ענטפערט. עס זענען נור שטעהן געבליבען טויטע, שטומע פּנים׳ער, וואָס האָבען זיך אומגעקוקט און געפרעגט:

וואָס? ער? וואָס—ס—ס?!..

יואל מאסטבוים.

# פון רויטען רעבען

ראָמאַן אין 2 טײלען.

פארלאג „די צייט"

וואַ״ש; 1921

נאָכדרוק פֿאַרבאָטען.

אַלע רעכט פֿון איבערזעצען
געהערען דעם מחבר.

© Copyright 1921
by Sol Sheikewitz
New=York.

דאָס בילד געצייכענט פֿון הענריק בערלעווי.

# צווייטער טייל.

I

## דער שטראַל פון דרויסען

עס האָט נאָך דער באַגינען גישט אַוועקגערוקט זיינע טונקעלע פאָרהאַנגען פון דער נאַכט איבער דער שטאָט, ווי עס האָבען זיך שוין פון דאָ, פון דאָרט גע-זעהען די מאַסען-מענשען איבער די גאַסען, בעקער-אַרבייטער, ווייס באַמעהלטע מיט קוישלעך געבעקס און זעקלעך אונטערן אָרעם, פאַבריק-אַרבייטער, בראַקירער, און גאַסען-מענשען. דאָס אַלץ איז געגאַנגען, ווי אַ אומרוּיגער נור וואָס אויפגעשטאַ-נענער שטראָם. דער באַגינען האָט צוגעזאָגט אַ הייסען טאָג און דאָס פרימאָרגען-ווינטעל, וואָס עס האָט געשוועבט, אין דער לופט האָט דאָ און דאָרט באַרירט די גרינע גראָזען און געלע פעלד-בלומען פון צווישען די שטיינער, וואָס האָבען אין דער לופט געברענגט עפּעס אַ שטילען אַנגענעמען ריח, אַ גרוס נור פון דער פרישער פעלד-ווייטקייט. אין מיטען גאַס זענען נאָך די נאַכט-סטרוזשעס געשטאַנען מיט די בעזימער אָפּגעקערט די גאַסען. אַ מענגע טויבען האָבען אונטער זייערע הענט געכאַפּט די זשאַרנעס, די סטרוזשעס האָבען זיי אַלע מאָל אַ יאָג געטון אין דער לופט און די טויבען זענען זיך צעפלויגען אויף פאַרשידענע זייטען: אַמאָל אין די נאָענטסטע מוירען-לעכער, אַמאָל האָבען זיי אַ קרייז געמאַכט אין דער לופטען און אַמאָל זענען זיי אַוועק ווייט אין דער אונ-

טערשטאָטישע טורמע אין די לעכער פון די מוירען. אין דער אייגענער צייט האָט מען געזעהן עטליכע פּאַרשוין געהן צווישען די גרינע טאָלען און בערג פון דער אונטעשטאָטישער פעסטונג, וואָס האָט געפירט אין געפענגניס אַריין.

דאָס זענען געווען פיר באַוואָפענטע אין בלויע, בלאַקירטע בגדים און איינער אַ מענש, אַ מוטלאָזער אין דערמיט. די אַלע זענען טריט ביי טריט געגאַנגען אין דער נידער פון טאָל, פּאַמעליך האָבען זיי זיך אויפגעהויבען פון טאָל און אַ קלאַפּ געטון אין איינע פון די שווער-פאַרמאַכטע טירען, נאָך וועלכע עס האָט זיך געהערט אַ רוק פון אַ פאַרזשאַווערטען ריגעל און שלאָס. באַלד נאָכדעם איז דער, וועלכען מען האָט געפירט באַוואַכט, אַריין פאָראויס. די טיר האָט זיך שווער פאַ־וקט און דער פרעמדער האָט דערזעהן פאַר זיך אַ פאַרמאַכטען, הויכען קאַסטען, וואו די פענסטער זענען מיט בלעך באַדעקט. אונטען, ביי די ווענט, זענען געלעגען אויסגעשניצטע לייבען און בערען פון אַלטקייט און פייכטקייט האָבען ביי זיי געפעלט די אויערן און וויינדלען. דאָ און דאָרט האָבען זיך געוואַלגערט שטיקער בלעך, צעבראָכענע בוטליעס, פלעשער און אַלטע, בלעכענע שעפען. דאָס אַלץ האָט פאַרצעהלט פון אַלטקייט און פאַרלאָזטקייט. איבער׳ן הויף זענען אַרומגעגאַנגען דער סטרוזש, אַן׳אַלטער אַרעסטאַנט, אָנגעטון אין אַ גרויען כאַלאַט, מיט אַ בעזעם אין דער האַנט, וועלכען ער האָט פון צייט צו צייט געגעבען דאָ און דאָרט אַ קער און אַ פּאָפּראַווע עפּעס אַזוי פויל און צוגעוואוינט צו דעם אַלעמען, פונקט ווי די וועלט דאָ וואָלט זיין אייביג אַזעלכע און וועט זיך שוין קיינמאָל נישט ענדערן. דערזעהענדיג דעם פרעמדען האָט דער אַרעסטאַנט אַ געגעץ געטון און אַ וואָרף געטון דעם בעזעם פון דער האַנט. דער פרעמדער האָט זיך אָנגעהויבען אומקוקען, דער נודנער ריח פון מיסט פון עפּוש האָט זיך שווער געלעגט אויפ׳ן אָטעם און געפּרעסט דאָס האַרץ, ער האָט באַטראַכט דעם אַלטען אַרעסטאַנט און געוואָלט אים עפּעס אַ פרעג טון, נור ער האָט געפילט, אַז דאָס טאָר ער נישט. באַלד האָט ער

זיך אָנגעטראָפּען מיט אַ לאַנגען, פינסטערען קאָרידאָר, אין וועל־כען ער האָט קיינעם נישט געזעהן, נור געפילט זיינע אייגענע שווערע טריט.

—צימער איינס — האָט איינער פון די באַגלייטער באַ־פוילען, דאָרט אַרום מ׳זען מיר אים דורכפירען, און דערנאָך אין קאַנצעלאַריע און צו אַלדע רוחות! דאָס האָט געדויערט אַ פּאָר סעקונדעס ווי דער פרעמדער האָט געבלאָנדזשעט אין קאָרידאָר איינהערענדיג זיך אין די אייגענע טריט. דאָ און דאָרט האָט ער פאַרבלאָנדזשעט אין עפּעס אַ פינסטער שטיבעל אונטער אַ ווינקעל פון אייזערנע שטיגען, וואו עס האָט זיך נאָכגעשלעפּט שפינוועבס און ווערם. נור קוים, קוים האָט ער זיך אַרויסגעקריגען פון דאָרט, פאַר אים איז געשטאַנען אַן אָפענע טיר. אַ ליכטיגע שטוב מיט אַ שרעקליכען פּאַפּיראָסען-רויך, דורך וועלכען עס האָבען זיך געזעהען צוויי געלע בלעכען פון היט-לען און אַ האַרט געשפּרעך האָט זיך געפירט הויך:

—קאַרצער פאַר אים, ברויט און וואַסער...

—שמיץ נאַסע!

—אוי, דאָס העלפט אויך נישט.

—רייץ אויף אים אָן די הינט!

—איך פּאָלג אייער האָהייט!

דער האַרטער שמועס האָט זיך איבערגעריסען און אַ קלינג פון שפּאָרען האָט אַרויסגעטראָגען אַ מענש. דער פרעמדער איז אַריין. עס איז אים געוואָרען נישט היימיש, ער האָט נישט געוואוסט וואָס פריער צו טון, אַז ער זאָל דורכפירען וואָס גיכער דעם רייטער פון זיינע פּ־אַגען און ענטפערען, וואָס מען וועט אים שטעלען. ער האָט עס געוואָלט חאָס גיכער בטור ווערען, נור עס איז גיך נישט געגאַנגען, קודם כל האָט מען אויפגעמישט אַ בוך און איינער אַ פאַרשוין איינגאַנצען אין גרינעם אָנגעטון מיט אַ־אָפּגעלאָזטע ברילען איבער דער נאָז האָט אים געגומען פרעגען, —ווי הייסט ער? וואו איז ער געבוירען? מיט וואָס באַשעפטיגט ער זיך? צי האָט ער קליי־נערהייט קיין פאַרברעכען נישט באַגאַנגען? איז דער פאָטער

נישט געזועסען אין אָסטראָג? און צי האָט ער, דער פאָטער, ווע מענס הייזער נישט אונטערגעצונדען אויס נקמה? אויף די אַלע פראַגען האָט דער פרעמדער געענטפערט מיט אַ האַרטען דרעה מיט'ן קאָפּ:—ניין!

דערנאָך האָט זיך דער אין גרינעם מונדיר אַ סוד'ע געטון אויפ'ן אויער מיט אַ געהילף און מען האָט דעם פרעמדען אַ פיר אַריין געטון אין עפּעס אַ הויך שטיבעל, וואָס עס האָט געשמעקט מיט פייכטקייט. דאָס מאָל איז ער שטעהן געבליבען, ווי פאַרגליווערט. דער שטאַרקער נאָכקלאַפּ פון דער שוואַכער טיר, דאָס האַרטע באַגעהן זיך מיט אים דאַמאָלס, ווען מען האָט אים דאָס לעצטע מאָל רעווידירט, דאָס אַלץ האָט אים אינגאַנצען קליין און נישטיג געמאַכט ביי זיך, און ער האָט געקוקט אַמאָל פאָרענט דאָרט אין פענסטער פון וואַנען עס האָט נאָך געבלאָזען אַ וואַרעם ווינטעל. טיילמאָל האָט ער נישט געוואוסט, וואָס עס קומט פאָר מיט אים און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער דאַרף זיך אויסטון דאָס רעקעל, די שטיוועל, אַוועקלעגען זיך אין קוקען אין פענסטער, נאָר באַלד האָט ער איינגעזועהן, אַז עס האָט קיין צוועק נישט און ער האָט אָנגעהויבען אַרום צו שפּאַצירען אַהין און צוריק. צוערשט רויג באַטראַכט, באַלד אָבער האָט ער זיך צוגעשטעלט, גענומען בייסען אַ שטרוי. מאָדנע פאַרדרוסיגע און קלעגליכע געדאַנקען האָבען אים קיין רוה נישט געגעבען, עפּעס האָט ער זיך פּלוצלינג געפילט שולדיג פאַר עפּעס, נאָר באַלד איז די שולד אַוועק פון אים און ער האָט זיך געפילט שרעקליך ענערגיש און שטאַרק. אַזוי איז אַוועק אַ גאַנצער גרויסער טאָג, וואָס האָט געמאַטערט, געפּרעסט דאָס האַרץ מיט שטיקענדע טרערען. אין פאַרלויף פון טאָג האָט ער געפילט, אַז ער איז שוואַכער, קראַנקער און אַנדערש ווי נעכטען, עפּעס איז ער פּלוצלינג ביי זיך געפאַלען געוואָרען און ער האָט פאַרגעסען ווער ער איז דאָ, וואָס טוט ער דאָ, און פּלוצלינג איז ענטשטאַנען ביי אים אַ פראַגע: איז ער באמת דער, וואָס האָט נעכטען באַפוילען, געשאָסען און אויסגעראָטען דאָס שלעכטע? איז ער יודעל, דער שטילער, פאַר-

בּיסענער, יודעלז

דאָס האָט געדויערט אַ טאָג, אַ גאַנצען טאָג, וואָס האָט אויסגעזעהן גרויס און אויסטערליש פרעמד. פון אין דער פריה אָן איז אַריינגעפאַלען אין פענסטער אַ מאָדנע זון, וואָס האָט געבאַקען די פלייצעס און די ביינער. עס האָט געדורשט, נאָר טרינקען האָט זיך נישט געוואָלט; עס האָט זיך עטוואָס געוואָלט קייען, נאָר קיין הונגער איז עס נישט געווען. פאַרנאַכט איצט האָט זיך דער פרעמדער געפילט פרייער און רויגער. ער האָט זיך באַלד אויסגעטון און אַוועקגעזעצט מיט די פיס אונטער זיך, ווי אַ חיה'לע. ער האָט פון איין האַנט געביסען ברויט, פון דער אַנדערער געטרינקען וואַסער, נאָר נישט דאָס ברויט און נישט דאָס וואַסער האָט ער פאַרדייעט און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דאָס איז איינע פון יענע מאַשינאַלע אַרבייטען. וואָס ער האָט אויסגעפירט איבער'ן טאָג. דערווייל אָבער האָט אָנגעהויבען די זון זיך אַוועקרוקען פון פענסטער און אויף דער וואַנט, וואו עס זענען געשטאַנען אָנגעשריבען נעמען און סתם קעפּ, ווי פון געהאָנגענע איז געבליבען עפּעס אַ מאָדנער געמיש פון געשפּענסטער און טויטע מענשען און דער הייניגער פרעמדער, וואָס איז נעכטען געווען דער שטילער, שטאַרקער יודעל, איז געזעסען האַלב די אויגען פאַרמאַכט און האָט דורכ'ן פוילען דרימעל געהערט אין דרויסען דאָס זינגען פון אַרעסטאַנטען, דאָס קערען דעם ברוק און דאָס וואָרקען פון די טויבען, די גליקליכע פרייע טויבען.

---

## II

# דאָס נײַע לעבען

באַגינען האָט זיך געהערט אויפ'ן הויף דאָס הייזעריגע קלינגען פון גלאָק, וואָס האָט גערופען צום שפּאַציר אויף פיפצען מינוט. יודעל איז נאָך געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע אונטערגעבעט מיט שטרוי, פון וועלכען עס האָט געשטונקען מיט אַנ'אומבאַשטימטען, עקעלהאַפטען דאַמפּער האָט געקוקט אויפ'ן בלויען שפּיץ פון קלויסטער געגענאיבער און געזעהן, ווי די פרייע טויבען האָבען זיך געדרעהט אַרום די לעכער. מיט דער נאַכט האָט זיך אין אים איבערגעריסען דער פּלאָנטער פון פינסטערע געדאַנקען און חלומות. ער איז געוואָרען רויגער און האָט אָנגעהויבען באַטראַכטען איינציגע זאַכען, אַ שטייגער: אַז ער האָט ווייניג וועש מיטגענומען מיט זיך, האָט דאָ נאָר איין פּאָר שיך, האָט נישט קיין נאָדעל און פאָדים און אַז ער האָט זיך אַזוי לייכטזיניג צעשיידט מיט דער פרייהייט נישט געזעגענט זיך אַפילו מיט די נאָנטסטע מענשען, נאָר סוף כל סוף האָט ער זיך דערפון אויך באַרויגט, נאָר נישט מער, וואָס פון צייט צו צייט האָט ער זיך אַ דערמאָן געטון אין דעם, אַז ער האָט אַזוי פיל קייזערליכע בעצמטע אומגעברענגט, צו וואָס ער

האָט זיך אַליין מודה געווען, און אַז ער וועט דערפאַר אומגעברענגט ווערען. אָבער אויך דער געדאַנק האָט אים שוין ווייניגער געמאַטערט. דער וועכטער אָדער אויפזעהער האָט אַ דרייסטען קלאַפּ געטון אין דער טיר. יודעל איז שנעל אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבען פויל אַרויפציען אויף זיך דאָס אָנטוען. דערנאָך איז ער דאָס ערשטע מאָל אַרויס צום באַפעהל פון אַ יפּזעהער און אָנגעהויבען אונטערטעניג רוי-מען. פון אַלע קאַמערען זענען אַרויס די אַרעסטאַנטען אָפּגע-ריסענע מיט גאָלע הענט און אויפגעריסענע הערצער, אָדער אָנגעטוענע אין אומגעלומפּערטע בגדים, מיט געשוירענע קעפּ. דאָס אַלץ האָט געררומט, געקערט, אָדער זיך געשאָלטען און געזידעלט. יודעל האָט זיך אויסגעמישט אין דער גרויער מאַסע און ער האָט דאָס ערשטע מאָל געפילט, אַז ער איז איינער פון זיי, בעסער געזאָגט—ער איז זיי אינגאַנצען. ער האָט אויך געקערט, געררומט, דערנאָך איז ער אַריין אין זיין קאַמער, וואו עס זענען געשטאַנען צוויי בלעכענע קעסטלעך מיט זופּ. דאָס האָט ער גענומען צום מויל און אַוועקגעשטעלט. די אַרעסטאַנטען האָבען אויסגעקערט דעם קאָרידאָר, אָנגעזידעלט זיך אָפּגעגעסען ברויט מיט זופּ און שנעל אַרויס אויפ'ן שפּאַ-ציר. יודעל איז געבליבען אַליין, ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טון, ער האָט געקענט יאָ געהן און נישט געהן. יאָ געהן האָט ער געוואָלט מחמת ער האָט געוואָלט אַ קוק טון אויף דער פרייער וועלט, וואָס ער האָט נעכטען פאַרלאָזט. געהן, האָט ער נישט געוואָלט, מחמת ער האָט געפילט, אַז ער האָט נישט וואָס צו טון צווישען דער גרויער מאַסע. ער איז דאַ-רום פאַמעליך אַראָפּ איינער אַליין און באַטראַכט דעם הויף אַרום. דאָס איז געווען איינער פון יענע פאַרלאָזטע, אַלטע טורמע-הייף, וואָס פאַרצעהלען פון שימעל, גרויקייט און טויט. דאָס איז געווען אַ ברייטער פלאַץ איבער וועלכען עס האָבען דאָ און דאָרט געוואַקסען אַלטע פּרוסטלאָזע ביימער, צעקרומטע, הוילע פונקט ווי זיי אַליין וואָלטען זיין אַ שטיק פון דער גרוי-סער טורמע, און פּרובּפּערען נישט קיין פּרות, ווי די אַרעס-

טירטע קיין מענשען. דאָ און דאָרט זענען געוואַקסען הויכע גראָזען פאַרוועלקטע אָהן ריח. די גראָזען זענען אַרויסגעוואַקסען פון צווישען די שטיינער אָדער פון פאַרקאַן אין וועלכען עס איז קענטיג געוועזען שפּאַלטען און לעכער אַ סמן, אַז מען האָט זיך געוואָלט אַריבער כאַפּען איבער אים.

איבער׳ן ברייטען פּלאַץ האָט מען דאָ און דאָרט געזעהן פאַרשידענע באַריערען, קלעצער, הוידערס, שטריק. דאָס אַלץ איז זיך צונויפגעקומען אין דער האַלבער שעה פון שפּאַציר. און אַצינד אָנעסענדיג זיך מיט דער געלער זופּ האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט אויפ׳ן הויף, מען האָט זיך געוואָרפען אויף הוידערס און קלעצער, אָדער מען איז געגאַנגען מיט פויסטען איינער געגען דעם אַנדערען. דאָס געשריי פון זיגען איינער איבער דעם אַנדערען. אָדער צוקלאַפּען איז געווען אַזוי גרויס, דאָס נישט איינמאָל איז אַרויסגעקומען די וואַך און פּרובירט זיי איינשטילען, אָבער דאָס איינשטילען האָט זיך געענדיגט דערמיט, וואָס מען האָט זיי ענטוואָפענט און געבראָכען די ביינער. אומזיסט האָט די וואַך דערנאָך דערלעגט דעם סקאַנדאַל דעם נאַטשאַלניק, דען מען האָט די שולדיגע קיינמאָל נישט געקאָנט געפונען, ווי מען קאָן זיך נישט פונאַנדערקלויבען אין אַנ׳נעץ פון פאַרפּלאָנטערטע פעדעם.

אין דעם פרימאָרגען גראָד האָט זיך יודלען נישט געגלוסט אַרויס צוגעהן אין דרויסען. ער איז געווען צו אומעטיג און דערשלאָגען. איז ער עטליכע מאָל דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר און באַטראַכט דורך די אָפענע טירען יעדעס חדר׳ל באַזונדער. אָט איז אַ חדר מיט נאַסע ווענט. אויף די ווענט איז אָנגעשריבען מיט גרויסע ווערטער. „פאַר אַ גזלה אין אַ וואַלד”. דאָס צווייטע צימערל איז אַ העלפט פון ערשטען, פינסטער און גור אַ קליינע שיין קריכט אַראָפּ פון הויכען פענצטער און באַוויזט אַ ציילנונג מיט אַ קול: ווי עמיץ שניידט אָפּ דעם צווייטען דעם קאָפּ. אין אַ זייט שטיבעל איז ליכטיגער ווי אין די ביידע און עס זעהט זיך אַלטע, אָנגעוואָרפענע וועש און עט-

ליכֿע פּאָר סאַנדאַלען און נאָך, נאָך...

יודעל איז אַדורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר און האָט דאָס אַלץ באַטראַכֿט. אַ דאַמפּף פון פאַרשידענע מאכֿלים האָט געשוועבט אין דער לופטען און עפּעס מאָדנע אינטאָניג אין האָפענונגס לאָז געמאַכֿט דאָס לעבען. דערנאָך האָט ער זיך אויף װאָס אָפּגעשטעלט און גענומען זיך באַטראַכֿטען.

---

## ש

## חברים.

ווען יודעל האָט זיך אַזוי פון אַ זייט באַטראַכט דאָס שטיבעל מיט אַ האַלב אָפענער טיר, וואָס איז געווען ריינער און ציכטיגער ווי די אַנדערע האָט ער עפּעס באַמערקט צוויי פאַרשוינען, וואָס זענען געזעסען איינס נעבען אַנדערען און געפירט אַ טיפען שמועס. דער ערשטער איז געווען אַ בלאָנדער, שטשופּלער יונגערמאַן מיט פּרישטשיקעס אויפ'ן פּנים. די בלויע אויגען זענען געווען שוואַך פאַרברעמט מיט קליינע, בלאָנדע ברעמען. זיי האָבען זיך איינגעקנייטשט פון קורצזיכטיגקייט, פון שלעכט זעהען זאַכען אַ ביסעל ווייטער פון זיך. איבריגענס האָט אים די קורצזיכטיגקייט צוגעגעבען אַ געוויסע עדעלקייט פון כאַראַקטער. ער האָט גערעט שטיל און ווייך נישט איילענדיג זיך און אַלע מאָל האָט ער אַ שאַר געטון מיט דער האַנט דעם צוגעקעמטען שרינט פון די האָר, ווי ער וואָלט דערמיט אויסדרוקען די אינטעליגענטישקייט פון זיין כאַראַקטער. דער גרויער אַנצוג, וואָס האָט שוין אָפּילו אויסגעזעהן גאַנץ אַלט, די צייכענס פון זיינע פינגער, וואָס האָבען עדות געזאָגט, אַז ער האָט אַמאָל פינגערלעך געטראָגען ווי אויך דאָס, וואָס ער האָט דעם קאָלנער געהאַט פאַרשפּילעט מיט אַ טייערער שפּילקע האָט עדות געזאָגט, דאָס ער געהערט נישט צו די איינפאַכע גנבים און שטעהט העכער

פון זיי. איבעריגענס האָט ער געהאַט אונטער זיינע פּלייצעס אַ זעהר אינטערעסאַנטע לעבענס-געשיכטע. מיט יאָרען צוריק איז ער געווען אַ קינד פון אַ רייכען טאַטע׳, וועלכער האָט אים געשיקט לערנען טעכנישע און מעכאַנישע אַרבייטן ווי: פּאַרלעגען דראָטען, גלעקער צו טירען און עפענען די געהיימסטע שלעסער, און ער האָט דערביי אַרויסגעוויזען אַזעלכע קענטניסען, דאָס ער האָט פאַרטיגע טעכניקער פאַרוואונדערט. נאַטירליך, האָט דער פעהיגער „תלמוד״ צום אָנהויב געאַרבייט לטובת פרויען, וואָס האָבען פון זייערע קאַסעטקעס די שליסעלעך אָנגעוואוירען און ער האָט זיי געעפענט אָהן זיי; פּאַר גבירים, וואָס האָבען פאַרמעגענס אונטער שלעסער געהאַט און זיי נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און ער האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען „פאַר זיך.״ די אַרבייט זיינע איז אָבער אַזוי גיך באַוואוסט געוואָרען, דאָס עס האָט די גרעסטע וועלט-גנבים פאַרוואונדערט, דערפאַר האָט מען אים גערופען „דאָקטאָר,״ ס׳הייסט אַ מענש, אַ חכם צו שלעסער. און „דאָקטאָר״ איז נישט געווען קיין לאַדע וועך, ער האָט זיך נישט גע׳חבר׳ט מיט לאַדע ווערען, געזעסען שטענדיג אין ערשט-קלאַסיגע רעסטאָראַנען געשלאָפען אין ערשט-קלאַסיגע האָטעלען און געפאָרען מיט דער באַהן צווייטע קלאַס. אַצינד ווען ער איז אַריינגעפאַלען האָט אַלץ פון אים געפעלט, אי די סיגנעטען, אי די ברילעכלעך פון דער נאָז, וואו עס זענען ביז היינט געבליבען די צוויי רויטע סמנים, אי דער זייגער, אי די כל׳ערליי ספּינקעס און ספּינקעלעך און ער איז אַרומגעגאַנגען אין טורמע שטענדיג, ווי אַ נישט געוואַשענער אין פרימאָרגען.

דער צווייטער חדר האָט שוין אַזוי אָנשטענדיג, ווי דער ערשטער, נישט אויסגעזעהן. דאָס איז געווען אַ מענש פון אַ יאָר עטליכע פערציג, קליין, אָפּגעשוירען און דיק ווי אַ פעסעל. געהערט האָט ער אויך צו די בעסטע שלאָס-ברעכער נאָר שוין נישט מיט אַזעלכע זעלטענע פעהיגקייטען, ווי דער ערשטער. גערופען האָט מען אים „מוץ״ ס׳הייכט בייזער הונט, נאָר

סײ זײן שלעכטיגקײט סײ זײן גוטסקײט איז געװען אַ היכּע שרײַעװדיגע, שלעסער האָט ער געבראָכן שנעל, נאָר אַלע שלאָפּעדיגע האָבן געהערט און װען מען האָט אים געכאַפּט בײַ דער האַנט האָט ער זיך געװאוסט װי אַזױ אַרױס צו דרעהען.

סײ דער ערשטער סײ דער צװײטער האָבן געשפּילט אַ זער גרױסע ראָלע אין דער טורמע, לױט זײער באַפעהל האָט מען געשלאָגען װעמען מען האָט געװאָלט, געפּײניגט, אָדער גלאַט אָנגעטון צרות.

זײ האָבן זיך אָבער אונטערשײדעט, די צװײ, פון אַנדערע דערמיט, װאָס אַז װען זײ זענען געװען אױף דער פרײ האָבן זײ זיך געקענט מיט אַ יודיש װאָרט, געלײענט אַ מעשה-ביכעל און געװאוסט, אַז אַ פּאָליטישער פארברעכער איז פאַר זײ נישט קײן געװאױנשענער גאַסט. װאָרום אױף דער פרײ װערען זײערע ברידער פון זײ פאַרפאָלגט און געשלאָגען אָהן רחמנות, װאָרום אַ שלאָס עפענען איז בײַ זײ שטאַרק פאַרװערט, און פאַר אַ שטיקעל „קעשענע-אַרבײט" מאַכען זײ דעם טױט. זײ האָבן געװאוסט, אַז דאָס איז נישט קײן צופעליגקײט, אַז װעגען דעם האַלטען די פּאָליטישע גאַנצע רעדעס און רופען זײ אָן אױסװאורפען פון דער געזעלשאַפט און האָבן זײ אַהער געקריגען אַזעלכען, האָבן זײ אים געשלאָגען עד לחרמה, װער שמועסט נאָך „אַנ'אינטעליגענט". אים האָבן זײ אַזױ געשלאָגען, דאָס ער האָט אָפּט נישט דערלעבט צו קומען צו קײן שליעדסטװע.

דערזעהענדיג יודלען האָבן זײ אָבער נישט געװאוסט צו װאָסער קאַטעגאָריע ער געהערט, איז ער אַ פּראָסטער, אָדער אַנ'אינטעליגענט. אַז ער איז נישט קײן פּראָסטער דערפון האָט דער „דאָקטאָר" גלײך געװאוסט, ער האָט עס דערקענט נאָכ'ן פאַרצװײפעלטען שמײכעל פון די ליפּען, נאָך די צעקאָשמעטע האָר, װאָס זענען געלעגען צעװאָרפען איבער'ן שטערן און נאָך דער שטילער באַשײדענער האַלטונג. אַז ער איז אָבער נאָך נישט אײַגאַנצען קײן אינטעליגענט. האָט „מוץ" דערקענט אין דעם אײנפאַכען, פּראָסטען רעקעל מיט די היכע שטיװעל, װאָס עס

האָט צוויסען געגעבען, אַז פון די הויכע פענסטער שטאַמט ער נישט. זיי זענען דערום געזעסען און דיסקוטירט וועגען דעם פון וואַנען ער קאָן זיין.

— זעה סאַראַ צעקאָשמעטע האָר, ווי אַ שייטעל — האָט דער „דאָקטאָר" געזאָגט—ער איז זיכער פון יענע, יענע אינטע-ליגענטען, וואָס האָבען אונזערע ברידער געהייסען שניידען לע-בעדיגערהייט אויף דער פריי.

—אַ אינטעליגענט געהט אָבער אַזאַ פאַרשיווע רעקעל נישט—האָט „מוץ" געענטפערט און בייז אויסגעגלאָצט די אוי-גען אין יודעלס זייט, — ער געהט אָנגעטון ווי אַ טאָטער, דער קאָפ ביי אים איז אָבער ווי ביי יענע חברה. „אַ זבענק" וועט נישט שאָדען אים צו געבען!

—איך האָב אויף דער פריי קיין איינעם אַזעלכען נישט אדורכגעלאָזט—האָט דער „דאָקטאָר" צוגעגעבען,—איך, הייסט עס, אַליין נישט, נור מיין קאָמפּאַניע האָט זיי די ביינער צעבראָכען, און אַז מיר האָבען אַזעלכען דאָ וואו קיינער שטערט אונז נישט, אַז אַ רוח...

— און איך האָב מיט מיינע אייגענע הענט נישט איינעם אַזעלכען אַוועקגעלעגט — האָט „מוץ" געריבען די הענט און געבלאָזען אין זיי אַריין, ווי עס וואָלט אַ ווינט געבלאָזען. דער „דאָקטאָר" האָט געשמייכעלט פון קאָלנער אַרויס. יודעל איז אדורכגעגאַנגען און ביידע האָבען עפּעס אַ נערוועזען שמייכעל געטון.

— נו, וואָס געווען, איז געווען — האָט דער „דאָקטאָר" געזאָגט—בראָניען געגען זיי, מוזען מיר זיך שטענדיג, וועז נישט זענען מיר אַלע אין געפאַר, קאַפּוט מיט דער פּרנסה ח"ו וואָרום מיר דאַרפען דאָך רעכענען, אַז היינט מאָרגען ווע־לען מיר אַרויס פון דער תּפיסה און מיר וועלען דאַרפען ווייטער לעבען...

— אַוודאי די ביינער דאַרף מען אַזעלכען ברעכען. זאָג, וואו איז עפּעס „קיזשע" און „לעמפערט?"

—קיזשע און לעמפערט—האָט מוץ אַ שאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ צופרידען,—זיי זענען דאָ דאָ, זיי וועלען שוין אים מכבד-זיין

פון דרויסען איז אָנגעקומען דער גאַנצער פּערסאָנאַל, וואָס איז נאָך די 15 מינוט שלאָגען זיך אין דרויסען, טאַנצען אי־בער פּאַרקאָנעס און פּלויטען, אַריין אין קאָרידאָר און זיך גע־ריסען בּיי די אויערען, בּיי די נעזער און סתם געהירזשעט, אָדער געוויינט. דערנאָך זענען זיי אַריין אין די קאַמערען. עטליכע אָבּער זענען נאָך אַרומגעגאַנגען אין קאָרידאָר, זיי האָבּען זיך געפּאָרעט בּיים שמיעטניק, אָדער בּיים וואַשען די כּלים.

---

I

## „קיזשע“ און „לעמפערט.“

די צוויי, פון וועלכע עס האָבען גערעדט די חברים, זענען געווען צוויי באַקאַנטע און דער אויספיר-מאַכט, באַקאַנטע שלעגער און פויסטען-קעמפער: ברידער „קיזשע“ און „לעמפערט.“ „קיזשע“ איז געווען אַ דאַרער פאַרשוין אין אַ געלען בלאַקירטען מאַנטעל מיט אַ שוואַרצע לאַטע אויף די פלייצ ס, אָפגעשוירען ביז'ן ביין, אין אַ קיילעכדיג ברוין היטעלע. זיין ביינערדיג פנים, וואָס עס האָט געהאַט אַ פירעקעדיגען אויסזעהן איז געווען איינגעפאַלען און האָט אויסגעזעהן ווי פון גיפס געקלעבט; עטליכע שאַרפע צייכענס פון אַ מעסער האָבען זיך דערקענט אויפ'ן שטערען און האַלז. די גרינע אויגען זיינע, אין וועלכע עס האָבען זיך דערקענט בעלמען, זענען געווען שיקעלדיג און אויסגעלאָשען. יעדעס מאָל ווען ער האָט דערזעהן עפּעס אַ נייע זאַך, האָט ער נאַריש אָנגעהויבען שמייכלען און געדריקט ליידענשאַפטליך די ציין. כאָטש ער איז געווען קליין און נידעריג האָט ער געהאַט אַ ריזיגען כח צו דויבען אַ משא, אויסצושטויסען געוויכטער און סתם געהען אויף פויסטען. ער האָט זיך גערעכענט כמעט דער שטאַרקסטער אין דער תפיסה, פאַר אים האָבען אַלע מורא געהאַט. ער איז שטענדיג געגאַנגען צום שלאָגען מיט'ן קאָפּ אַראָפּגעבויגען און זיך איינגעגראָבען אין זיין געגנער, ווי אַ שלאַנג.

„קיושע“ איז געווען אין תּפיסה נישט קיין נייער, ער איז שוין דאָרט געווען אַ באַזעסענער פון אַ יאָר פּיפּצען, מען האָט אים שוין געקאָנט פאַר אַן׳אַלטען בעלי-הבית, פאַר אַן׳אַלטען אָרדנונג-מאַכער. ער איז געזעסען פאַר אַ גרויסען מאָרד אין אַ קרעטשמע, וואו ער האָט דערשטיקט: אַ בעלי-הבית, אַ דינסט, צוויי שלאָפעדיגע דורכפאָרער אין מיט אַ האַק דער׳הרג׳עט אַ רייכע מחותנת׳טע. דערפאַר האָט ער געהאַט צו זיצען דאָס גאַנצע לעבען. ער איז שוין געווען אין תּפיסה ביי דער וואַך פאַרעכּענט פאַר אַן׳אייגענעם, אים האָט מען שוין נישט נאָכגעקוקט, וואָס ער טוט, וואו ער שלאָפט, זיצט ער אין קאַמער אָדער איז ער אויפ׳ן הויף, קערט ער, רוימט ער אָדער זיצט ער מיט די הענט פאַרלעגט און געניצט. דערפאַר איז ער געווען אַ הערשער איבער דער טורמע און האָט געשלאָגען פּאָליטישע מכּות רצח.

דעם צווייטען האָט מען גערופען „לעמפּערט.“ „לעמפּערט“ איז געווען אַ יונג פון אַ יאָר 25. אַ פלינקער, הויכער פאַרשוין מיט שוואַרצע לויפעדיגע אויגען און מיט מאָדנע שאַרפע נעגעל ביי די פינגער, ווי ביי אַ לעמפּערט. אַזוי אין דער נאַטור איז׳ער געווען אַ קאַלטער, און עס האָט זיך אויסגעזעהען, אַז ער איז גאָר נישט פעהיג צו קיין רציחה און גנבה. נור קוים האָט ער זיך צעהיצט, האָבען די אויגען ביי אים אָנגעהויבען פינקלען, די אברים זיינע זענען געוואָרען באַוועגליך, און מיט איין מינוט איז ער געוואָרען אַ געפערליכע בריאה. אויך „לעמפּערט“ איז דאָ געווען אַ חשוב, געקומען אַהער איז ער נישט פון דער געגענט, נור פון אַ ווייטע קאַטאָרזשנע תּפיסה. פאַר׳משפּט איז ער געוואָרען פאַר הרג׳ענען אַ טאַטען מיט אַ זוהן ערגעץ אונטער-וועגענס. נור „לעמפּערט“ האָט מען לאַנג נישט געקאָנט איינהאַלטען אין קיין איין טורמע. ער האָט שטענדיג געזוכט וועגען, ווי אונטערצוגראָבען זיך, האָט מען אים געוואָרפען פון איין אָרט אויפ׳ן צווייטען ווי אַ באַלעמיל. „לעמפּערט“ האָט, פאַרשטעהט זיך, דאָס אָרט וואו, ער איז געווען, נישט צו רוה געלאָזט, דערפון האָט ער זיך אונטערגע-

גראָבען, אָדער געשניטענע די קראַטען, אָדער געהאַקט אַ וואַנט. די טורמע-וואַך האָט דערנאָך שטענדיג „לעמפערט׳ען״ אַריינגע-וואָרפען אין קאַרצער אויף בלויז ברויט מיט וואַסער. „לעמ-פערט״ אָבער האָט זיך שטענדיג אויסגעלאַכט פון קאַרצער.

—וואָס איז מיר די פינסטערניש און די קעלט?—האָט „לעמפערט״ אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. און אַחוץ דעם וואָס ער איז געווען אַ זעלטענער גברן האָט ער אויך געהאַט נאָך אַנ׳אייגענשאַפט, וואָס ער האָט מיט איין מינוט געקאָנט אַריינגער-וואַרפען זיך צו דער אָפּטיילונג פון פרויען, אַרויפקלעטערן אויף די קראַטען און דאָרטען פאַרבונדען אַ ליבע מיט וועמען ער האָט נאָר געוואָלט. אָדער אַריבערטראָגען בריף פון די פרויען צו די מענער און פון די מענער צו די פרויען.

די דאָזיגע צוויי פאַרשידענע נאַטורען, זענען גלייך גע-ווען אין זייערע כחות. און „אָפּוואַלטשענדיג״ אַ פּאָר שעה, וואו איינער דעם צווייטען האָט נישט געקאָנט בייקומען, פלעגען ביידע בייזאַמען אַרומגעהן זוכען צו רויכערן, אָדער פון פויל-קייט רייסען די קראַטען, אָדער גאָר זינגען פון זייער קינד-הייט. און אויך אַצינד זענען זיי אַרומגעגאַנגען פאַרגיסענדיג דעם קאָרידאָר מיט זייערע געזאַנגען און לידער, ווי עס האָ-בען זיך אַ וואָרף געטון אין די אויגען דער „דאָקטאָר״ און „מוץ.״

—אוי אַ ציה, (אַ רויכער) „מוץ״—האָט „לעמפערט״ זיך געבע-טען—איך חלש פּאַר אַ ציה! איך וועל דיר דערפאַר ברענגען אַ גרוס פון הויכען פענסטער, זי „בדקנט״ (זוכט) דיך דאָרט, דיין ליבע.

—איך שטאַרב אַליין פּאַר אַ ציה—האָט „מוץ״ אויפגעהויבען די אַקסלען, —אפשר האָסטו? — האָט ער געפרעגט דעם „דאָק-טאָר.״

—קראַפּירען זאָל איך—האָט זיך געשוואוירען דער „דאָק-טאָר״ און אַריינגעצויגען דאָס קעפּיל, ווי אַ שולדיגער—אָבער דאָס זענען נאַרישקייטען, „לעמפערט״! פאַרהאַן ביי אונז עפּעס אַנדערש, הער נאָר אויס... נעכטען צו אייערנעכטען האָט מען צו אונז געברענגט אַ פרייער. הער אויס, אַ יונגעל אַ דאַרס נישט

קיין איבעריגער גברן, נאָר דערפֿאַר אַ חכם (נאַטוויקעלטער). ווער נעמט אים דער ערשטער?

„קיזשע" און „לעמפּעט" האָבעןביידע פֿון פֿרייד אַ ציטער געטון. „קיזשע" האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר קאָסאָקע אויגען און אַ קוויטש געטון פֿון פֿרייד, ווי אַ קינד. „לעמפּערט" האָט אַ בליציגען בליק אַרום געטון. „קיזשע" האָט זיך מסתמא פֿאַר־טראַכט, ווי ער וועט זיך דאָ איינגראָבען מיט'ן קעפּיל און קיילען וויפֿיל כח עס איז דאָ, „לעמפּערט" האָט אויך אַ טראַכט געטון וועגען דעם, ווי ער וועט אים געבען מיט'ן גאַנצען כח פֿון אויבען אַראָפּ.

— פֿרעג גאָר נישט—האָט „קיזשע" אַ מאַך געטון מיט דער האַנט—געבען וועט מען אים שוין געבען, נאָר וואָס, איך בין געהרג'ט; שוין דריי טאָג נישט אָנגעקוקט קיין ביסעל רויך! עס איז שווער, צום שטאַרבען. איך האָב שוין געררוי־כערט בלעטער, פּאַפּיר, שטיקער קאָרעק, אַלץ, אַלץ, נאָר וואָס...

— מסתמא וועט היינט קומען אַ פּאַרטיע פֿון גאַס ווע־לען זיי שוין ברענגען, דערווייל האַלט זיך איין—האָט „מוק־איט" געטרייסט.

— גוט!—האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט „קיזשע," ווייזט אייז שוין באַשטאַנען צו וואַרטען—אָבער, ווער איז דער פּאַרשוין?

— דער רוח ווייסט אים,—האָט „לעמפּערט" אַ זאָג געטון און געמאַכט אַ מינע, אַז ער נאָר וועט אים דער ערשטער דערלאַנגען.

— אפשר האָט ער מיך אַמאָל אויף דער פֿריי געשלאָ־גען? — האָט זיך „קיזשע" געבעטען, כדי צו שטאַרקען זיין קאַמפּס־גייסט געגען פֿרעמדען.

— נישט קיין נפֿקא מינא! — האָט „מוק" געענטפֿערט—ווען נישט ער אַליין, האָט ער אָנגערייצט געגען דיינעם אַ חבר. די פּאַרשטעהסט, זיי זאָגען, אַז מיר שטעהען זיי אין וועג, דער רוח זאָל זיי נעמען!

— יאָ, נור ער האָט מיך געשלאָגען—האָט זיך פלוצלינג צוגעטשעפעט „קיזשע״—ער און נישט קיין אַנדערער, איך געדענק אין יענעם געסעל, ווען מען האָט מיך געלאָפט מיט אַ מנורה אין דער האַנט, האָט ער מיר פאַרשטעלט דעם וועג.

— געה און ברעך אַ פוס אָהן דער מנורה!—האָט „לעמפערט״ בייז געענטפערט—נאָך וואָס דאָס זוכען זכות-אָבות׳ן, אַז ברעכען די ביינער ווערט מען אים סיי ווי סיי.,.

— אַודאי!—האָט מיט איין וואָרט אונטערגעהאַלטען דער „דאָקטאָר״—און נאָך וואָס באַלאָגאָטשען?

„קיזשע״ האָט אין דער מינוט געמאַכט אַ פיעשטשענדע מינע, ווי אַ קינד און איז אַוועק, רייבענדיג די אויגען, און „לעמפערט״ נאָך אים.

V

## דאָס אינערליכע געפיל.

אין צווייטען פריה-מאָרגען האָט דער הייזעריגער גלאָק באַנייט זיין קלאַנג. דער גלאָק פון דער שי—צער תפיסה איז געווען עפּעס אַ שטיק הייזעריג מעטאַל, װאָס האָט געקלונגען ווי אַ שטיק שינע אין אַ פאַבריק, ווי אַ בלאָזאַק, ווי עפּעס אַ מעטאַל, וואָס האָט זיינע ביינע קלאַנגען לאַנג אָנגעוואוירען. פונקט ווי די אויסגעלאָשענע נשמות פון די מענשען וואָלטען דאָ אויך אויסלעשען דעם קלאַנג פון אייזען און מעש.

ביי דעם קלאַנג איז יודעל מונטער אויפגעשטאַנען — גלייך מיט אַלע אַרעסטאַנטען. ער האָט זיך נישט געפוילט, ווי נעכטען, אויפצוהויבען, צוהערענדיג זיך צו די אַלע אינערליכע מוראס, געוויסענסביסען און שרעקען, ער איז אויפגעשטאַנען, באַלד זיך אָנגעטון, אַרויס אין קאָרידאָר און זיך דערפרישט מיטן קאַלטען שטראָם וואַסער פון דער וואַסער-רעהר, אַרום-אישענדיג זיך, האָט ער געפילט, אַז ער איז נאָך נערוועז און אומרויג און אַז די שיין פון דער זון איז נישט די אייגענע ווי נעכטען און אייערנעכטען, ווען ער האָט זי געטראָפען אין דעם פרייען שטויב-פענסטער. מיט עפּעס אַ פרעמד נישט אויס-געשלאָפען קול האָט ער דעם וועכטער עפּעס אַ פרעג געטון. דער וועכטער האָט אים קאַלט וואָס געענטפערט, אַ קלינג טו-ענדיג מיט זיין בינט שליסלען. יודעל האָט גענומען טועס זיין

פון דער קאַלטער בלעכענער שיסעל. עפּעס האָט עס אים שוין נישט אויסגעזעהן אַזוי העסליך ווי נעכטען. אין קאָרידאָר זענען פון דאָ און דאָרט אַרויס די אַרעסטאַנטען אין דרויסען. ווי נאָך א חאָגען האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטויב אין דער הויך, געמישט מיט האַלבע רעדער פון פּאַפּיראָסען-רויך און קליינע, דראָבנע פעדערלעך, וואָס האָט געדיכט געמאַכט די לופט. יודעל האָט אַביסעל אויפגערוימט זיין חדר׳ל און איז אַרויס.

אין הויף האָט געפייפט, געשפּרונגען און געוואַלטשעט די ווילדע מאַסע. נאָך אַ פּאָר מינוט רייסען זיך האָט מען געהערט אַ געשריי:—„לעמפּערט״, „לעמפּערט״! ביי דעם געשריי איז „לעמפּערט״ אַרויס פון דער מאַסע און פלינק אַרויף אויף די פענסטער פון דער ווייבער-טורמע, פון וואַנען עס האָבען זיך געזעהן די נייגיריגע קעפּ אַראָפּקוקען און ווינקען צו די אַרעסטאַנטען מיט פאַרשידענע סמנים.

— „לעמפּערט!״ מיין ברִיוועלע גיב אַוועק פריער — האָט איינער געשריען.

—מיינס פריער—האָט געבעטען דער צווייטער—און „לעמפּערט״ איז געווען אַ משחית אויף צו טיילען בריף. ער האָט געטיילט אויף רעכטס און לינקס. דאָס האָט געדויערט די פּאָר מינוט וואָס די וואַך איז באַשעפטיגט געווען מיט׳ן מיטאָג און האָט דערווייל פאַרזעהן „לעמפּערט׳ס״ פלינקע אַרבייט. ס׳האָט איר אויך נישט שטאַרק אינטערעסירט, זי האָט דאַרויף געקוקט דורך די פינגער. מען האָט זיך אַביסעל אָפּגעפּרעהט, געמיסטעוועט איינער צום צווייטען מיט׳ן מויל, אַרויסגעבלעקט די צונג, געצויגען זיך ביים האַלז און סתם געמאַכט לופט-קישען.

„לעמפּערט״ האָט יעדען חתן געבּרענגט דאָס בריוועלע פון זיין כלה. „קיזשע״ האָט אויך געמאָנט אַ בריוועלע, די „כלות״ האָבען אים אָבער געהאַלטען פאַר אַ זעהר מאוס׳ען און גאָר נישט געשריבען. אַ מינוט איז ער שטעהן געבליבען מיט די שיקעלדיגע אויגען, ווי פאַרשעמט. דערנאָך האָט ער, באַליידיגט אַ זאָג געטון:—קום! מיט דעם קום האָט ער געמיינט צו זאָגען, אַז ער וויל זיך אַביסעל דורכוואַלטשען, מיט „לעמ-

פערטען". „לעמפערט" האָט זיך באַלד אַ חאָרף געטון מיט אַלע כוחות אויפ'ן קליינעם, נידריגען „קיזשען" און האָט זיך מיט אים געשפּילט ווי מיט אַ שפּילכצל. באַלד אָבער האָט זיך דאָס רעדעל איבערגעדרעהט, „קיזשע" האָט זיך אַ גראָב איין געטון אין „לעמפּערטען" און געלעגט אים ווי אַ שעפּס.

— אָט וואָס, אַ סוף!—האָט זיך „קיזשע" אויפגעהויבען פון דער ערד, ווי אַ זיגער.

„לעמפּערט" איז געלעגען אַ פּאָר מינוט ווי דער'הרג'עט, ער האָט געקרעכצט ביטער און צעבראָכען. ענדליך האָט ער זיך אויפגעהויבען פאַרשעמט און אויסגערופען: — מאָרגען וועל איך זיך אָפּרעכענען! און באַלד צוריק גוט געוואָרען מיט „קיזשען".

יודעל איז געשטאַנען פון ווייטען, די האַנט אָנגעשפּאַרט אָן אַ באַריער. אַ שווערער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיין האַרץ. דער זיפץ האָט געהאַט אַ טאָפּעלע באַדייטונג: ער האָט געזיפצט איף די לאַגע, אין וועלכער ער האָט איבער-געלאָזט אונטער זיך די איינוואוינער פון שטעטעל, טאַטע-מאַמע און ברכה'לען. איר שטים האָט אים איצט געקלונגען אין די אויערן קלעגליך-מיידליש. אָבער נאָך עפּעס האָט אים איבערראַשט: דער טיפער מיטלייד, וואָס ער האָט דערשפּירט צו דער נידעריגער, קעמפענדער באַנדע. ער האָט ווי באַדויערט און ווי באַוויינט זייער לעבען. אַממיינסטענס האָט ער באַדויערט „קיזשען". ער האָט באַטראַכט די שניטען פון מעסער אין זיין האַלז, אין פּנים, די שטאַרקייט און דערשלאָגענקייט.

ווי ער איז אַזוי געשטאַנען איז צו אים פלוצלינג צוגע-קומען „לעמפּערט"; ער האָט יודלען אַ קוק-אָן געטון, ווי אַ קליין חיה'לע, וואָס מען קאָן מיט איינמאָל פאַרציקען און עפּעס אַ וואָרטש געטון. „קיזשע" איז אויך צוגעגאַנגען, געדרעהט זיך אַ פּאָר מינוט און אַ פרעג געטון:

— אַ רויכער האָסטו?

יודעל האָט איידעל אַ דרעה געטון מיט'ן קאָפּ:

— אַ שאָד, וואָס איך רויכער נישט, איך וואָלט אייך מיט

פאַרגעניגען געגעבען.

— אַזוי? רוילערסטו נישט? — האָט אים „קיזשע" אַ טריי־סעל אָפּ געטון פון זיך — רויכערסטו נישט, גיב־זשע עפּעס אַנדערש! — און יודלען ווידער אַ טרייסעל געטון.

יודעל האָט זיך דאָס מאָל איבערגעקוקט מיט „קיזשען", מיט איינעם פון יענע בליקען, וואָס ווילען געווינען צו זיך דעם מענש, און אים טיף אַריינגעדרונגען אין די אויגען. „קיזשע" האָט אים אַ פעסטערען שטויס געטון. יודעל האָט אים אַ שמייכעל געטון אין די אויגען אַריין, ווי איינער זאָגט: „נאָך וואָס טוסטו דאָס"? „קיזשען" איז וואונדערליך געווען וואָס דער פרייער ענטפערט נישט.—האָט ער אים מאָדנע, אומפאַר־שטענדליך באַטראַכט. דען „קיזשע" האָט געוואוסט, אַז אויב מען גיט אַ שטויס אין די פלייצעס, דאַרף מען ענטפערן מיט אַ גרעסערן שטויס און אַז יענער ענטפערט מיט אַ גרעסערן, גיט מען נאָך אַ גרעסערן; דאָ האָט ער געזעהן, אַז מען פאַרשווייגט און מען שמייכעלט אים אין די אויגען אַריין, ווי עס וואָלט גאָר נישט געשעהן. האָט ער אויך אַ מינוט געשוויגען און אָנגעקוקט אַמאָל „לעמפּערט'ן", אַמאָל יודלען. „לעמפּערט" האָט אָבער אויך באַמערקט די נישט נאַטירליכע ערשיינונג, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז יודעלס נישט ענטפערן איז נישט אויס מורא. די גנבים האָבען אַ ווײַלע געשוויגען. דערנאָך האָט „לעמפּערט" געזאָגט, ווי ווערלענדיג זיך איבערבעטען:

— זאָג: האָסטו אַ סך פון אונזערע ברידער געשלאָגען?

— .איך?

— נו יאָ, ווער האָט אונז אויף אַלע בערזעס געטרי־בען, געה'הרג'עט מיט פּאַלקעס?

— אָ, נאַראָנים לעך! — האָט יודעל געזאָגט — נישט איך האָב אייך געה'הרג'עט און נישט קיינער פון אונז. איר האָט אַביסעל אַ טעות. מען האָט אייך אַזוי איינגערעדט.

— איינגערעדט — האָט „קיזשע" מיט אַ פּרעטענזיע, אַ וואָרטש געטון—ביי מיר אויף די פלייצעס שטעהען נאָך די סימנים פון די שטעקענס.

— איך זאָג איינגערעדט — האָט יודעל ווידער געזאָגט — איך װעל נאָך רעדען מיט אייך און אייך איבערצייגען. איר זיצט דאָך מיט מיר צוזאַמען אַ יאָ?

— יאָ, נישט ווייט פון דיין קאַמער — האָט „קיזשע" געזאָגט אומגעלומפערט אומשולדיג, — נו וואָס מיינסטו דערמיט?

— מיר װעלען נאָך רעדען — האָט יודעל געזאָגט — אַצינד איז שוין צו שפעט.

ביידע האָבען אַ הויב געטון מיט די פּלייצעס, אָנגעהויבען זיך צו בייזערן, שרייען. נור איינס האָבען זיי געפילט, שלאָגען קאָנען זיי אים נישט...

VI

## די קראַפט פון האַרץ.

די שעה איז געווען געגען פאַרנאַכט, די אַרעסטאַנטען זענען געלעגען אויף די נאָרעס, מיט די אויגען צום פאָלאַפּ און געזונגען ווילד-פאַרבענקט. טייל זענען סתם געלעגען פאַרטראַכט און פיל געקלערט וועגען זייער היים; וועגען די קינדער, ווי זיי פלעגען גנב׳ענען ווייסע, קליינע צענערלעך פון טאַטענס שופלאָד. טייל זענען אַרומגעגאַנגען אין קאָרידאָר פאַרקלערט וועגען דער סלעדסטוואָ, וואָס שלעפּט זיך שוין וואָכען.

אין דער אייגענער צייט זענען צו דער טיר פון יודעלס קאַמער צוגעגאַנגען „לעמפּערט" און „קיזשע". עפּעס זענען זיי געווען געפאַלען ביי זיך און האָבען זיך אונטערטעניג אַוועקגעשטעלט אונטער דער טיר. ביידע האָבען, ווי נעכטען, נאָך געזוכט זיך אַ פּרעטענזיע, צו אים, זיך צו טשעפּען. און זיי האָבען אים אָבער נישט געקאָנט קיין שלעכטס טון, דען ביי ביידע אין געדאַנק איז עפּעס יודעל׳ס פּנים אויסגעקומען נישט אַזוי ווי עס האָט זיי פאָרגעשטעלט „מוץ". זיי האָבען געפילט, אַז זיי מוזען רעדען מיט אים.

— געה פריער דו אַריין — האָט „קיזשע" געשטויסען „לעמפּערטען" — דו וועסט קאָנען בעסער רעדען מיט אים, דו קאָנסט בעסער.

— דו — האָט אים פון זיך אַ שטויס געטון „לעמ־פערט״—דו וועסט רעדען און איך וועל הערען.

— צו אַלדע רוחות! דו קאָנסט טרייבערן אויף זייערע שייבעס (קלאַפּען אויף זייער שפּראַך) נו, געה פריער, אָדער איך...—און ער האָט לעמפּערטען אַ שטויס געטון ביז דער טיר.

ביידע זענען אַריין און שטעהן געבליבען ביי דער טיר, מיט יענער פאַרשעמטער פּאָזע פון קינדער, וואָס זענען זיך געקומען צו זייערע פרעמדע חברים שפּילען אָדער שלאָגען. זיי קוקען דעם פרעמדען חבר אין די אויגען אריין און ווייסען גאָר נישט, וואָס פריער צו טון.

— נו, יאָ, איך האָב אַביסעל נעוואָלט מיט אייך רעדען—האָט יודעל געזאָגט—זעצט אייך דאָ אַוועק, מיר זיצען דאָך קאַמער ביי קאַמער. זאָגט, פאַרוואָס האָט איר מיך געחאָלט שלאָגען? פאַרוואָס? איך בין אייך אָבער מוחל. זיצט און איך וועל מיט אייך עפּעס רעדען.

„לעמפּערט״ און „קיזשע״ האָבען אַ פראָסטען שמייכעל געטון, זיך אומגעקוקט, וואו זיך אַוועקצוזעצען. דערנאָך זיך אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן אייזערנעם טישעל און יודעל האָט געזאָגט:

— אומגליקליכע! איר זיצט דאָ אונטער די דיקע ווענט, איר ווערט געמאַטערט און געפּייניגט, פאַרוואָס? איר זענט אויף דער פריי אָרעם געווען, איר האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו דערהאַלטען דאָס לעבען, נו, זענט איר אין אַ שענעם פריי־מאָרגען געגאַנגען ביי ווּעמען עפּעס נעמען, איז וואָס? האָט מען אייך נעכאַפּט, ווי די ווילדע חיות, און אין דער פינ־סטערניש געוואָרפען. זיצט איר דאָ אין דער פינסטערניש און איר מאַטערט און שלאָגט יענעם, וואָס זענען אייך פריינד און ברידער, איר מאַטערט און שלאָגט זיך אַליין. זאָגט, פאַרוואָס האָט איר נעכטען אייערע פויסטען אויפגעהויבען?

—ווייל אויף דער פריי האָט מען מיך געשלאָגען — האָט אַראָפּלאָזענדיג דעם קאָפּ געזאָגט „קיזשע״ — איך בין געגאַנגען

אין אייער קוואַרטאַל מיט אַ זעלטענער מנורה אין האַנט, וואָס איך האָב אין אַ שול געפּאַקט, האָט איר מיך מיט שטעקענס געיאָגט, ווי די פּאָליציי.

—זאָג,—האָט יודעל זיך אָפּגערופען — פאַרוואָס האָסטו די מנורה גענומען ?

—ווייל איך בין געווען הונגעריג, איך בין אַרומגעגאַנגען גאַנצע טעג אָהן עסען און אָהן אַ מלבוש — האָט „קיזשע" זיך שטיל מודה געווען — איך האָב נאָך פיר קינדער אין שטוב, און זיי האָבען מיך אויך געיאָגט צו נעמען די מנורה.

— אָט דאָס טאַקי האָב איך אייך געוואָלט זאָגען — האָט יודעל איבערגעריסען — אייערע קינדער האָבען אייך דאָס נישט געדאַרפט הייסען. ווען וואָס ? ווען איבער אייער קאָפּ וואָלטען נישט שטעהן קיין הערשער און זאַטע מאַגנאַטען ; דעמאָלט וואָלט איר געווען אַ מענש מיט מענשען צוגלייך און דאַן וואָלט איר נישט געטראַכט וועגען שלאָגען מיך, נור איר וואָלט באַפאַלען אַנדערע.

יודעל האָט גערעדט שטיל און האַרציג און אין זיינע ווערטער איז פאַר זיי פאַרבאַהאַלטען געווען, אַ סך עפּעס מילדעס און גוטעס. ער האָט גערעדט איבער זייער אומגליקליכער קינדהייט און ביטערער ערציהונג. און אין דער גאַנצער צייט, וואָס יודעל האָט גערעדט האָבען זיך „לעמפּערט" און „קיזשע" איינמערקזאַם איינגעהערט, זיי האָבען זיך עפּעס אַנטוישט. פריער האָבען זיי געמיינט, אַז זייער אַריינקומען וועט זיך פאַרט ענדיגען מיט אַ געשלעג, צום סוף אָבער איז נישט נור, וואָס זיי האָבען יודלען נישט געקאָנט שלאָגען, נור זייער האַרץ איז זעהר ווייך געוואָרען און עס האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אַז ווען זיי האָבען יעצט עסען און עפּעס צו רויכערען וואָלטען זיי אים אַלץ צוועקגעגעבען.

„קיזשע" האָט אַ זיפץ געטון און געזאָגט:

— איך בין גאָר נישט שולדיג, פון מיינעטוועגען וואָלט איך גאָר נישט גענומען די מנורה און נישט גע'הרג'עט דעם טאַטען און זוהן אין וואַלד.

— אַידאי — האָט „לעמפערט" זיך אַריינגעמישט — איך וואָלט נישט אונטערגעצונדען די קרעטשמע און נישט באַפאַלען די פורען שפעט ביינאַכט, ווען מיר וואָלטען געהאַט עסען און טרינקען גענוג.

— ווען איר האָלט וועלען פאַרמאָגען, דאָס וואָס איר האָט נישט, וואָלט איר נישט געשלאָגען די יעניגע, וואָס מוסרן אייך — האָט יודעל געזאָגט.

„לעמפערט" און „קיזשע" האָבען ווידער אַ זיפץ געטון און האָבען גענומען אַוועקגעהן האַלב-דערשלאָגען. זיי האָבען אַפילו נישט פאַרשטאַנען, וואָס יודעל רעדט, זיי האָבען אָבער געפילט, אַז ער איז גערעכט און זיינע ווערטער זענען אמת.

VII

## יודעל׳ם ווירקונג.

ביידע אויסוואורפען זענען געוואָרען טריי און געהאָרכ־זאַם צו יודעל׳ס פאַרלאַנגען. זיי האָבען געשלונגען זיינע ווער־טער און אים נאָכגעגאַנגען, ווי אַנ׳אייגענעם. זיי האָבען אויף אים שוין נישט געקוקט ווי אויף איינעם פון די פרייערס, וועלכע קומען־אָן טעגליך און וועלכע מען דאַרף אומבאַדינגט באַגעגענען מיט אַ פויסטען־קאַמפף. יודלען האָבען זיי געשעצט. זיי האָבען אים פון קיך געברענגט פון בעסטען עסען און טרינקען, און אָט די שעצונג האָט זיך אַריינגעטראָגען אין דער גאַנצער טורמע.

אַ סך מאָל פלעגען „קיזשע״ און „לעמפערט״ זיך אַוועק־לעגען אויפ׳ן זאַמד אין דרויסען, זיך טרויעריג פאַרקוקען אויף אַ נאָנטען בוים, אָדער הימעל און שעפטשען טרויעריג:

— ווען איך וואָלט זיין פריי, הערסטו, וואָלט איך אין מאַרק אַרומגעגאַנגען אַ שטילער, שווייגענדיגער מענש, איך וואָלט אַדורכגעלאָזט די פעטסטע בהמה, אָדער פערד, אָדער אַפילו אַ גאָלדענע קאַסע... וואָרום וואָס זענען מיר אויף דער וועלט, אומגליקליכע גנבים?

—אַודאי — האָט „לעמפערט״ געזאָגט אַ געבראָכענער,—דו ביסט גערעכט, יודעל איז גערעכט, ווען איך וועל אַרויס אויף דער פריי, וועל איך שוין מער נישט ליגען אין די וועלדער, פאַר־

קערט, איך וועל שטענדיג זיצען אין פּאָליש פון דער שול און בעטען דעם רב, אַז ער זאָל מיר מוחל זיין.

— קיינמאָל שוין נישט, קיינמאָל שוין נישט, — האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט „קיזשע״ געבראָכען, קיינמאָל וועל איך ביי קיינעם גאָר נישט נעמען, כאָטש צום שטאַרבען.

„קיזשע״ און „לעמפּערט״ האָבען זיך הערצליך אויסגעשמועסט, אויסגעזיפצט, אויפגעהויבען זיך פון דער ערד געכאַפּט אַ פויסט זאַמד און אַ שיט געטון אין דער לופט אַ סימן, אַז זיי האָבען זיך שוין ניאש געווען פון זייער אַמאָליגען אַרט לעבען.

— פּאַרוואָס וואַלטשעט איר נישט? — האָט זיך פלוצלינג אָנגערופען איינער פון אַ זייט — פּאַרוואָס זענט איר היינט אַזוי געפּגר׳ט? „קיזשע״ האָט יענעם נור קאָסאָקע אָנגעקוקט, אים אָפּגעמאָסטען פון אויבען ביז אַראָפּ און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דאָס רעדט שוין צו אים אַ פרעמדער, אַזעלכער, וועלכען ער האָט קיינמאָל נישט געזעהן.

דער הייסבלוטיגער „לעמפּערט״ האָט גאָר נישט געענטפערט. און ביידע זענען אַוועק פון די חברה וואַלטשערס טרויעריגע, אומעטיגע און עס האָבען זיי געקלונגען יודעלס רייד, יודעלס האַרציגע ווערטער.

— ניין, קיינמאָל שוין נישט מער — האָט „קיזשע״ געריבען די אויגען...

— ניין, קיינמאָל נישט!...

---

VIII

## ברכה׳לע אין תפיסה.

מיט אַ וואָך שפּעטער איז יודעל געלעגען אויף דער נאַרע און געדרימעלט. עס איז געווען שפּעט ביינאַכט, די טורמע איז געשלאָפען, נור פון דאָ און דאָרט זענען אָנגעקומען געשרייען און קרעכצערייען פון די שלאָפעדיגע, אָדער קראַנקע. ער האָט זיך אַלע מאָל אויפגעכאַפּט און אַוועקגעזעצט. פון פאַרנאַכט אָן האָט מען אָפּגעוואַרט אַ נייע פּאַרטיע אַרעסטירטע, וואָס האָבען באַדאַרפט אָנקומען מיט אַ קעטשעל. דאָס פירען ביינאַכט די אַרעסטירטע מיט אַ קעטשעל, ביי וועלכען עס זיצט שטענדיג אַ קאָנאָוואוי, טרייבט אָן אויף די שלאָפעדיגע אַרעסטאַנטען אַנ׳אויסטערלישע שרעק. עס דערמאָנט זיי אָן הענגען און שיסען שפּעט ביינאַכט; עס דערמאָנט זיי אָן אייגענעם שווערען לעבען, אָן אייגענעם טויט. פּלוצלינג האָט יודלען עפּעס אויפגעריסען: אַ קלאַפּ פון יענעם טויער, דורך וועלכען מען האָט אים דאָ געברענגט און אַ קלאַנג פון שפּאָרען. ער איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, און זיך איינגעוויקלענדיג אין די אייגענע קליידער אַ קוק אַרויס געטון דורכ׳ן פענסטער. פינסטער. דאָ און דאָרט האָבען זיך געברענט לאַמטערנע־פּייערן, וואָס האָבען באַלויכטען אַ קאַרעטקע און אַ קופּקעלע מענשען, וואָס רעדען און הוסטען. ווען ער האָט זיך איינגעהערט אין זייערע שטימען, האָט ער דערקענט דאָרט עפּעס

אַ שטים אַ זעהר נאָנטע. ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אָבער נישט דערקענט: עפּעס אַ פרויען-שטים, אַ ציטערענדע פרויען-שטים שפּעט ביינאַכט. ער האָט זיך נאָך שטילער איינגעהערט און באַמערקט ווי אָט די פרוי, וואָס דאָס קעכשעל האָט איר געברענגט געהט אַוועק אין צווייטען קאָרידאָר און קלאָגט זיך אויף דער שלעכטער באַהאַנדלונג.

יודעל איז שטעהן געבליבען. עס האָט אים גערוישט אין די אויערן. ברכה'לעס געשטאַלט האָט ער אין די ערשטע טעג פון זיין קומען אַהער נישט געקאָנט פאַרלאָזען פון די אויגען. עס האָבען אים נאָך געקלונגען אין די אויערן אירע מילדע רייד, די באַוועגונגען פון די פינגער, דער שטילער שאָרך פון די האָר, ס'האָט געוועקט עפּעס אַ שטילען מיטלייד. דאָס איז געווען אין דער ערשטער אומרויגער צייט ווען אַלץ אַרום האָט אויסגעזעהען פרעמד, נישט צו פאַרטראָגען. מיט דער צייט אָבער האָט ער זיך פאַרגעסען אין דער פריי. שטאַרקער, און שטאַרקער האָט אים אַרומגענומען דאָס שווערע מוירען-לעבען. ער איז געוואָרען באַוואַקסען, רויג, גלייכגילטיג צו אַלעמען ווי ער וואָלט קיינמאָל וועגען גאָר נישט געטראַכט. האָט זיך געשטעלט דער טאָג, האָט ער געהאַט גענוי אויסגערעכענט מיט וואָס דער טאָג דאַרף פאַרגעהן: מיט פופצען מינוט שפּאַצירען, מיט אַ שעה עסען, מיט אַ פּאָר שעה צירעווען די וועש און די רעשט צייט ליגען אויף דער נאַרע. און אָט דאָס האָט איצט יודעל געפילט אין זיך, ווען ער האָט דערהערט ברכה'לעס שטים. ער האָט אָנגעהויבען צוריק אויפוואַכען: וועער בין איך? פון וואַנען קום איך אַהער? בין איך אַמאָל געוואוינט געווען אַזוי רויג צו זיצען?

איך?

און מיט איין מינוט האָט אין אים עפּעס אויפגעקלונגען: אַ מאָדנע קינדיש לעבען, עס האָט אויפגעלעבט ברכה'לע שלמה'ס שוועסטער די, וואָס איז געזעסען טאָג און נאַכט אין קוזשניע, און גע'חלומ'ט פון ווייטע פרייע וועלטען. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגען פון פענסטער און אַ פרעג געטון עפּעס.

קיינער האָט אים גאָר נישט געענטפערט.

אַזוי איז אַוועק די גאַנצע האַלבע נאַכט. יודעל האָט זיך שטאַרק נישט אָפּגעשטעלט ווי אַזוי און פאַרוואָס איז זי געקומען אַהער, נור עס האָט אים באַאומרואיגט, ווי אַזוי וועט ער איר קאָנען זעהן?.. וואָס וועט זי אים זאָגען, וואָס? ער האָט זיך אָבער אַליין נישט געקאָנט געפינען. אי די רויגקייט זיינע אי די באַוואַקסענקייט, אי דאָס וואָס ער האָט זיך אַזוי איינ-געליבט מיט די אַרעסטאַנטען האָט אים אויסגעזעהן נישט פאַר-שטענדליך.

— עס וועט נור אָנהויבען טאָגען, מוז איך זי זעהן — האָט זיך יודעל געטראַכט — כאָטש ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי ער וועט איר זעהן.

האַלב זעקס אין דערפרי האָט דער גלאָק אַ קלינג געטון און איבערגעריסען דעם מאַטערענדען געפּעל, וואָס האָט יודלען קיין רוה נישט געגעבען. ער איז דער ערשטער אַראָפּ און גע-שטעלט זיך געגען די פענסטער פון דער כרויען-טורמע. קיינער האָט זיך אָבער צו אים נישט באַוויזען.

ערשט שפּעטער איז „לעמפּערט" און „קיזשע" אַראָפּגעקו-מען. יודעל האָט זיי געבעטען, אַז זיי זאָלען אין די פענסטער אויסזוכען אַ פרעמדע פרוי, וואָס איז אַהער געקומען די נאַכט. ס'האָט נישט געדויערט אַ פּאָר מינוט, ווי „לעמפּערט" איז אַראָפּ פרעהליך מיט אַ בריוועלע אין האַנט. אין פענסטער האָט זיך באַוויזען ברכה'לעס בלאַס פּנים, זי האָט אַ געשריי גע-טון:

— יודעל!

ער האָט אַנטציקט אויסגערופען איר נאָמען. שנעל אַ כאַפּ געטון דאָס בריוועל און גענומען גיריג לייענען:

„איך בין נעכטען אויפגעשטאַנען אין דערפרי. כ'האָב דיך אין דיין היים נישט דערווישט. איך בין געוואָר געוואָרען, אַז דו ביסט אין פּאָליציי, האָב איך דאָס נישט געקאָנט אויס-האַלטען און איך בין געקומען צו דיר. — האָט יודעל געלייענט

ברכה׳לעס ווערטער—דו פרעגסט ווי אַזוי? איך בין פּראָסט אַריין אין פּאָליציי און האָב געזאָגט:

—איך, איך בין די אייגענע, וואָס ער. דאָס, וואָס ער האָט געטון, האָב איך אויך געטון און אין וואָס איר באַשולדיגט אים, באַשולדיגט אויך מיך.

און איך האָב זיך איבערגעגעבען, כּדי מיטצולײַדען מיט דיר און נישט צו זיין ווייט פון דיר.

יודעל האָט געלייענט די ווערטער מיט האַרץ-ווער-טאָג. דאָך האָט עפּעס אַ גליקליכער געדאַנק אים אַדורכגענו-מען:

—אַצינד וועל איך נישט זיין אַליין!—האָט ער געטראַכט.

כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז די בלינדע וואַנט וועט זיי צע-שיידען, ווי אויף מיילען ווייט, אָבער דאָס הויכע פענסטער, וואו ברכה׳לע איז געזעסען, איר טונקעלער שמייכעל דורך די קראַטען האָט ווי אויפגעריסען זיין עלענדקייט און אַפּאַטישע זאַטקייט. ער האָט צוריק אויפגעלעבט. ס׳האָט אין אים אַ צי-טער געטון דער העלד און דער ליבענדער צוזאַמען—איך וועל איר טאָג טעגליך זעהן און ברייוועלעך שרייבען — האָט ער געשעפּטשעט און אויסטערליש איז אים איצט ליב געוואָרען דער קאַמער זיינער, דער אַלטער פאַרזשאַווערטער שלאָס, „לעמ-פּערט” און „קיזשע.”

מיט אַ שעה שפּעטער איז ער געזעסען אין זיין „צעלע,” אָבער שוין נישט הילפסלאָז און דערשלאָגען, ווי מיט עטלי-כע טעג צוריק, ס׳האָט אים אַלץ אויסגעזעהן פרישער און לע-בעדיגער, ער האָט אַלע מאָל אַרויסגענומען דאָס בריוועלע און לייענענדיג, איז אים ליב געוואָרען יעדעס וואָרט. עפּעס יונג-מיידעלשעס און קינדישעס האָט געשלאָגען פון דעם פּאַ-פּיר און פון די אותיות. עס האָט אים אויסגעזעהן ווי אַן אום-שטערבליכער בלומענבוקעט פון אַ צאַרטער האַנט געשענקט.

דורכלייענענדיג, האָט ער גענומען אַ שטיקעל פּאַפּיר, אויס-געגלייכט עס, דערנאָך עפּעס געוואָלט שרייבען אָבער דאָס פּנים אירס, וואָס איז אינגאַנצען געשטאַנען פאַר זיינע אויגען, האָט

אים קיין וואָרט נישט געלאָזט שרייבען.

יודעל האָט אַוועקגעלעגט דאָס פּאַפּיר פון האַנט און אַ צי געטון מיט'ן אָטעם. פון דרויסען איז אָנגעקומען אַ מילד ווינטעל, איינס פון די פרייע ווינטלעך, וואָס רייסען זיך אַריין אין פענסטער אין די שטילסטע ליבסטע מינוטען אונזערע. ער האָט נאָכאַמאָל אַלייען דורך געטון דאָס בריוועל און גענומען שרייבען:

„טייערע שוועסטער! איך האָב דיך שוין נישט געטראָכט צו זעהן מער קיינמאָל. איך האָב דיך פאַרלאָזען אָהן אַ געזעגען-וואָרט, ווייל איך האָב נישט געוואָלט איבערלאָזען פאַר דיר יענעם צווייפעלדיגען שאָטען פון בענקשאַפט, איך בין אַוועקגעגאַנגען פון דיר און פון דער גאַנצער פרייער וועלט, ווייל אַנדערש האָב איך נישט געקאָנט. איך האָב דערזעהן, אַז צו-ליב אַן'איינציגען מענש ווערען פאַרשלונגען טויזענדער אומשולדיגע.

דאָס פּאַפּירעל האָט ער גיך איינגעוויקעלט, און אַ רוף געטון ביים נאָמען „לעמפּערטען" און „קיזשען".ביידע זענען צוגעקומען אויסהערען אים און גרייט אויסצופירען זיינע באַפעלען.

— אַ פּאַפּירעל, האָב איך אַוועקצוגעבען אין יענעם פענסטער'ל—האָט יודעל ווייך געזאָגט:

—אַ ליבע-בריוועל!—האָט זיך געפרעהט „לעמפּערט"—באַלד, אָט באַלד טאַנץ איך אַרויף אויפ'ן פענסטער און וועל עס איר אַוועקגעבען!

„קיזשע" האָט זיך געריבען די הענט, עס האָט אים אַ הנאה געטון דאָס, וואָס יודעל שרייבט אויך אַ בריוועלע. „לעמפּערט" האָט עס גענומען און אַוועקעל איין געטון.

פאַרנאַכט זענען אַלע אַרויס אויפ'ן שפּאַציר און „לעמפּערט" האָט פלינק דורכלויפענדיג די פענסטער אַ וואָרף אַריין געטון דאָס בריוועל. פון דער נאָרע איז אויפגעשטאַנען אַ טרויעריג מיידעל, וואָס האָט דאָס בריוועלע אַ כאַפּ געטון און עס גענומען לייענען.

ברכה'לע האָט גענומען דאָס בריוועלע און זיך דערמיט אוועקגעשטעלט געגען די קראַטען פון פענסטער. עס איז גע- ווען פאַרנאַכט, די זון האָט זיך געטיקט דורך די שווערע שטיקער וואָלקען און שוואַך באַלויכטען דאָס מידע, בלאַסע פנים'על מיט די עטליכע פאַרוואָרפענע לאָקען איבער'ן שטע- רען. זי האָט געלייענט דאָס בריוועלע נישט געוואוסט, אָבער וואָס דאָרט איז געשריבען. איר האַרץ האָט האַסטיג און שנעל גע- קלאַפּט. די אויגען זענען דאָ דאָ, דאָ דאָרט אַרומגעלאָפען איבער'ן פּאַפּיר, כאַפּענדיג איינציגע איינציגע ווערטער. פון די איינציגע ווערטער האָט זי קיין קלאָרען געדאַנק נישט געקאָנט צוזאַמענשטעלען, זי האָט אָבער געפילט, אַז דאָס מאַכט איר גליקליך, אַז דאָס איז אַלץ, וואָס זי האָט זיך געוואונשען אין דער איצטיגער מינוט.

וואָרום פון דער מינוט אָן, וואָס זי האָט יודלען פאַר- לוירען איז פון איר אַוועק דער צווייטער ברודער- שלמה, פאַר וועלכען זי האָט געאַרבייט, געקאָכט און געדוימט, ווי אַ מאַמע. יודעל'ס אַוועקגעהן האָט איר ווי אָנגעזאָגט, אַז אויף דער פרייער וועלט האָט זי קיין אָרט נישט. איר קומען אַהער איז דערום געווען אַ זאַך, וואָס האָט געמוזט געשעהן. זי איז געקומען צו אים אַהיים, זי האָט אים אין דער היים נישט דערוואַרט. ווען זי האָט דערהערט, וואָס מיט אים איז געשעהן, האָט זי מיט איין מינוט באַשטימט איר גורל:

—איך וועל געהן זיך איבערגעבען אַליין — האָט זי גע- שעפּטשעט — און זאָגען, אַז דאָס וואָס ער האָט געטון פאַלט אויף מיר און מיין געוויסען. און עפּעס האָט זי זיך נישט געשראָקען אין דער מינוט. איז זי אַריינגעקומען אין אַ טונקעל הויז, וואו מען האָט איר אַ סך געפרעגט און זי האָט ווייניג געענטפערט. אַצינד אַזוי שטעהענדיג, האָט זי זיך דער- מאָנט אין די אַלע פנים'ער אין די אַלע צימערן, אין די אַלע פראַגען און ענטפערן און עס האָט איר גאָר נישט געשראָקען אויסער דעם, וואָס שפּעט ביינאַכט האָט מען איר אַריינגעפירט אין אַ קעטשעל. דאָס קעטשעל איז אַריין אין עפּיס אַ פרעמ-

דען, פינסטערן הויף מיט שווערע טירען, רויטע פלאַקערן האָבען איר געוויזען דעם וועג אין הויז אַריין. אַצינד איז זי שוין געווען אין דעם צושטאַנד פון אַנ׳אַרעסטאַנטין, פאַר וועלכער די ערשטע פאַר פיינליכע טעג זענען שוין אַריבער און וואָס הויבט-ערשט זיך אָן פונאַנדערקלויבען אין אירע געדאַנקען. דאָרט געגענאיבער וואוינט יודעל, פון וועלכען זי וועט באַקומען איינמאָל אָדער צווייטמאָל אין טאָג בריוועלעך, טייערע, ברודערליכע בריוועלעך. און די בריוועלעך האָבען איר צוגעגעבען אַ געוויסע באַרעכטיגונג אויף דעם, וואָס זי האָט געטון. פון דער מינוט אָן וואָס זי האָט געלייענט יודעלס ווערטער, וואָס מען האָט איר איבערגעגעבען דורך די קראַטען, האָט זי געפילט אין זיך אַ געוויסען שטאָלץ אַ געוויסע פעסטקייט אין זיך. דאָס פילט אַ פרוי, וואָס האָט אַרויסגעוויזען די ערשטע אָפּפערווילליגקייט פאַרן מאַן.

ברכה׳לע האָט זיך געפילט פריי און גליקליך, כאָטש זי איז געזעסען איינע אַליין צווישען די ווענט. זי האָט איצט אַלע מאָל אַ הויב אויף געטון דעם קאָפּ צו די קראַטען, ווי זי וואָלט דאַנקען די פענסטערלעך, וואָס האָבען איר אַזאַ בריוועלע געשיקט. אין דרויסען האָבען די ווייסע טויבען געמאַכט אַ קרייז אַרום דעם פענסטער, געשפּילט מיט די פליגעלעך און פאַרלוירען איינציגע פעדערלעך, וואָס זענען אַריין דורכ׳ן פענסטער. ברכה׳לע האָט זיי געכאַפּט און שפּילענדיג זיך מיט זיי, האָט זי געפילט אַ פרישקייט אין די גלידער. דערנאָך האָט זי גענומען דאָס בריוועלע, צום האַרץ געדריקט עס און אַזוי איינגעשלאָפען...

IX

## די צוויי לאַגערען.

די קריגערײַ און רייסערײַ אין טורמע איז געוואָרען אַ געוועהנליכע זאַך. עס איז ענטשטאַנען אַ קאַמפף אין צווײ לאַגערען: „לעמפּערט", „קיזשע" און זייערע חברים זענען שוין געוועזען האַלב־סאָציאַליסטען, זיי האָבען שוין ביסלעכווייז מודה־געווען, אַז אַ שטרייק אויף דער וועלט איז אַ נויטיגע זאַך, און אַז זיי אַליין זענען בחרפּתנו שטיקלעך לומפּען אויסוואורפען פון דער געזעלשאַפט. „לעמפּערט" איז אַרומגעגאַנגען טאָג און נאַכט אַ רויגער מיט בלאַסע באַקען, געניצענדיג אָדער מעלה־גרה'דיג. עסען האָט ער געגעסען ווייניג, שפּאַצירען האָט ער שפּאַצירט אײנער אָהן אַ קאָמפּאַניע און שלאָגען זיך האָט ער קיינמאָל נישט געוואָלט. טײלמאָל האָט ער זיך אַוועק־געזעצט אין דער זייט פון יודלען און אָנגעהויבען אויסרעכע־נען זיינע ביטערע חטאים. יודעל האָט אים געטרייסט זאָגענ־דיג:

— מיט איין גוטער טאַט פאַר דער אַרבייטער־זאַך ווערט איר אונזערס אַ מענש...

ביי „לעמפּערטען" האָבען אויפגעפלאַמט די אויגען און ער האָט געזאָגט:

— איך טו אַלץ, איך טו וואָס איר ווילט — און האָט

אַרומגענומען יודלען מיט די גרויסע געזונטע הענט שווערנ-דיג, אַז פון איצט אָן וועט ער ווערען אַנ'אַנדערער מענש.

„קיזשע" ווידער איז צוגעקומען אָרעם, מיט די הענט אין די אַרבעל, ווי אַ זינדיגער בן-יחיד, און האָט פּראָסט גע-וויינט, ווי אַ קינד און אויסגעשיט אַלע זיינע זינד פון קינד-הייז אָן:

— הערט אויס! — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטערדיג קול צו יודלען—ווען איך בין אַלט געווען דרייצען יאָר, אַ בר-מצוה-יונג, בין איך מיט אַ חבר „מאַטקע גורעס" אַריין ביינאַכט אין אַ קלויסטער, און האָב דאָרט פאַרשטאָפּט דאָס מויל דעם גלאָ-קען-קלינגער. דערנאָך האָבען מיר זיך באַהאַלטען אונטער אַ טרומנע, וואָס איז דאָרט געשטאַנען מיט אַ טויטען. אין דרויסען האָט עמיץ געבעטשעט. מיר זענען דאָרט אָפּגעלעגען אַ שעה דריי. ווען די בעטשעריי האָט אויפגעהערט, האָבען מיר זיך אומגעקוקט און דערזעהען פאַר זיך די אויגען פון דער „מאַט-קע-באָסקע", וואָס האָבען געלייכט אין דער פינסטערער נאַכט אַריין. ווען מיר האָבען איר די אויגען אַרויסגעצויגען, האָט זי אָנגעהויבען וויינען, איך האָב אַליין אירע טרערען געזעהן. דערנאָך האָבען מיר פאַרנומען די זילבערנע לייכטער און בע-כערס און פאַנדריקעס. עס איז אונז אָבער נישט געראָטען;ביים סאַמען לעצטען טירעל האָט אונז אַ זעלנער און אַ סטראַזשניק געכאַפּט, גע'הרג'עט און געשלאָגען און אָפּגעזעסען בין איך צען יאָר אומזיסט, כאַפּט עס דער רוח

יודעל גיט אים אַ גלעט איבערן אָפּגעשוירענעם קאָפּ אַ סמן, אַז ער קאָן נאָך זיין לעבען ענדערן. הויבט זיך „קיזשע" אָן שווערען, אַז פון היינט אָן וועט ער ווערען אַנ'אַנדערער מענש.

פון דער צווייטער זייט איז נאָך געבליבען אַ הייפעל מענשען, וואָס זענען פאַרבליבען טריי זייער טראַדיציע, אַז אַ פּאָליטישער איז געפערליך און אים דאַרף מען שלאָגען ביז צום טויט. צו זיי האָבען געהערט „מוץ" און דער „דאָקטאָר". אָרום דיביידע איז געשטאַנען אַ רעדעל. „מוץ" מיט די הענט

אין די קעשענעס און מיט די גרויסע אויגען אַרויסגעלעגט, האָט געבילט מיט זידעל-ווערטער און מיט פּיסטען, דער „דאָקטאָר" האָט זיך שטיל געגריבעלט אין מנוולדיגע אויסדרוקען און ווערטער.

אָט די דאָזיגע רעדלעך, וואָס האָבען זיך געדרעהט אַרום יודלען באַזונדער און „מוצ׳ען" באַזונדער, האָבען אָנגעהויבען שטורמען איינס געגען דעם אַנדערן, ווי שונאים. האָט „מוץ" ווען געהייסען שלאָגען האָט מען אים נישט געפאָלגט, וואָס יודעל האָט גערעדט איז געוואָרען אויפגעכאַפּט, ווי אַ הייליג וואָרט.

איינמאָל איז עס געקומען צו אַ בלוטיג געפעכט. דער-זעהענדיג ווי יודעל שטעהט אַרומגערינגעלט מיט אַ חברה צו-הערער איז „מוץ" געגאַנגען אַנטקעגען יודלען, אים שלאָגען. איין מינוט און די טורמע איז געוואָרען אַלאַרמירט פון גע-שרייען און געוואַלטען. „קיזשע" איז באַפאַלען „מוץ׳ען" און אים געוואַלגערט אין די רינשטאָקען, אין די מיסטען געקאָ-פּעט מיט די פיס, געביסען מיט די ציין. „לעמפערט" האָט דעם „דאָקטאָר" אָנגעכאַפּט ביים האַלז און שיער נישט דער-שטיקט. דאָס געשריי און געטימעל איז געוואָרען אַזוי שטאַרק, אַז די וואַך, וואָס איז שוין געוואוינט צו די געשלעגען און קוקט דאַרויף דורך די פינגער, מחמת זי האָט מורא זיך אָנצוהויבען, איז איצט אַרויס נישט טויט און נישט לעבעדיג, מיט רע-וואָלווערען אין די הענט און געבעטען זיך באַרויגען.

X

## נאַטשאַלניק „אַפּוכין“ פּרעגט.

צומאָרגענס איז יודעל אַראָפּגערופען געוואָרען אין דער קאַנצעלאַריע פון נאַטשאַלניק „אַפּוכין“. די קאַנצעלאַריע פון נאַטשאַלניק „אַפּוכין“ האָט זיך אויסגעצייכענט צווישען אַנדערע קאַנצעלאַריעס דערמיט, וואָס זי איז נישט געווען אַזוי שטרענג און בייז ווי די אַנדערע. הויפטזעכליך, האָט זי נישט שלעכט באַהאַנדעלט די פּאָליטישע. דען דער נאַטשאַלניק אירעוו אַ שטשנולער, ווייס-בערדיגער פּאַרשוין אין ברילען, האָט טראָץ זיינע אוסטאַווען און ראַכפּאָריאַזשעניעס געוואוכט, אַז עפּעס פון דער סאָציאַליסטישער אידעע וועט מקוים ווערען אין אירע פאָדערונגען זענען גערעכטע. דעריבער האָט ער שטענדיג געכאַפּט אַ בליק אין די לינקע פלוג-בלעטער, פּראָקלאַמאַציעס, וואָס זענען אים דורך דער זשאַנדאַמעריע צוגעשטעלט געוואָרען. ער האָט זיי כ׳רוב פאַר׳ן שלאָף אַדורכגעבלעטערט און פון שוואַכקייט און מורא פאַר׳ן טויט האָט ער זיך געטראַכט:

—מיט אָט דער געמיינער פּראָפּעכיע מיינער וואָלט מען שוין לאַנג געדאַרפט אַ סוף מאַכען!

ער האָט זיך באַצויגען צו די פּאָליטישע העפליך צוליב צוויי טעמים, ערשטענס האָט ער געוואָלט, אַז צווישען די „פּאָליטישע“ זאָל ער זיין באַרימט מיט זיין „לאָיאַליטעט“ און „פיינקייט“. צווייטענס האָט ער געוואוסט, אַז „דער פויגעל“,

דער פּאָליטישער וועט סוף כּל סוף אַרויס אויף דער פריי און זיך קאָנען מיט אים רעכענען. ער פלעגט דאַרום מאַכען אַנ׳איי־דעלע מינע, בעסען זיצען און האָט קיינעם נישט געדוצט. נאַטשאַלניק „אַפּוכין" איז בטבע אַליין נישט געווען קיין שלעכ־טער מענש. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אים קאָן גאָר נישט האַרען וואָסער רעזשים עס זאָל נישט זיין. ער האָט געוואוינט נישט ווייט פון דער טורמע, אין אַנ׳איינציג שטיבעל, קיין פרוי האָט ער נישט געהאַט, נור אַ הינטעל אַ ווייס, וואָס ער האָט גע־פירט אויף אַ קייטעלע, און אַליין צוגעלאָמט אויף אַ שטעקען. פון זונטאָג צו זונטאָג איז ער געגאַנגען אין קירכע און אויף מיטאָג האָט ער לויט דער אַלטער געוואוינהייט ליב גע־האַט צו עסען קרעפּלעך מיט קעז. אָט די מעסיגע נאַטור האָט אים נישט צוגעלאָזט צו קיין הויכען אַמט. טאָג און נאַכט פלעגט ער זיך גריבלען אין דעם צי איז דער אָדער יע־נער אויסגעזעסען זיין צייט, זיין לייכטע תּפיסה אָדער שווע־רען קאַרצער. צו זיין פּראָפעסיע איז ער געווען אַזוי צו־געוואוינט, אַז די שווערסטע ליידען פון אַרעסטאַנט האָט אויף אים קיין מינדסטען איינדרוק נישט איבערגעלאָזט:

—זעצט וואַסילי דעם און דעם אין קאַרצער אויף ברויט מיט וואַסער!

און ווייטער פלעגט ער זיצען און שרייבען מיט אַנ׳אַלטער האַנט אַלע נויטיגע פאָרמאַליטעטען.

און אויך אַצינד ווען די טורמע האָט אויפגעקאָכט, איז ער געזעסען רויג און געשריבען און ווען מען האָט אים „דאָ־לאָזשעט", וואָס עס טוט זיך דאָרט האָט ער אַ מינוט אַוועק־גע־נומען דעם קאָפּ פון די פּאַפּירען און אַ וואָרטש געטון:

—זעצט די און די אין קאַרצער, די און די אונטער אַ שלאָס.

דאָס אָבער איז נור שייך געווען די אַלטע אַרעסטאַנטען, וועלכע ער האָט שוין גוט געקאָנט. ווען אָבער עס איז געקו־מען אַ נייער און דערצו אַ פּאָליטישער, האָט „אַפּוכין" אַרויסגענומען פון אונטערשטען ראָק די ווייסע פּאַטשיילע, אויסגעווישט די

פּנסנע-גלעזער און פּאַרויטיגענדיג זיך האָט ער זיך צערעדט מיט אַ קוויטשיג קול׳כל.
און אויך אַצינד, ווען יודל איז געשטאַנען פאַר אים, האָט ער פונאַנדערגעלעגט די פּאַפּירען, געמאַכט אָרדנינג אויפ׳ן טיש און געפרעגט גלאַט אַזוי:
— זייט אַזוי גוט, וואָס איז עס פאָרגעקומען אין אייערע קאַמערען?
—גאָר נישט.—האָט יודעל גלייך געענטפערט—דער עולם זיצט און האָט נישט וואָס צו טון האָט מען זיך אַביסעל דורכ־געלופּטערט.
—אַך, אַנטשולדיגט, נישט נאָר דאָס בלויז, עס איז גע־ווען אַ שטיקעל „בונט״ און ערלויבט מיר אייך צו זאָגען איר האָט אַביסעל אונטערגעהעצט... און איר פאַרשטעהט דאָך, איך בין נאָר אויף דינסט און מוז טון דאָס וואָס מען הייסט, עס איז דערביי נישט אויסגעשלאָסען, דאָס איך אַליין בין אין דער יו־גענד נישט געווען אַזעלכער. איר פאַרשטעהט דאָך... דאָך...
יודעל האָט זיך נישט מודה־געווען אין קיין שום זאַך און געזאָגט:
—איך אַלענפאַלס האָב אין דעם „בונט״ קיין אָנטייל נישט גענומען, עס איז אַ שאָד, וואָס איר פרעגט מיך אַזוי פיל.
— איך האָב אָבער ידיעות, אַז איר זענט געווען דער־ביי,—האָט „אַפּוכ׳ין״ זיך אַ קראַץ געטון אין קאָפּ.
—איך אַלענפאַלס ווייס פון גאָר נישט—האָט האַרט געענט־פערט יודעל.
—נו, אויב אַזוי געהט מיט גאָט!—האָט „אַפּוכ׳ין״ אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און שווער אָפּגעסאַפּעט, אַ סימן, אַז ער האָט דאָס אָרט דאָ נישט געטראָפען.

XI

## דער קאַרצער און דער אַרעסטאַנטען־שטרייק.

הגם „אַפּולין" האָט יודלען אַזוי זיס און וואַרעם אויס־געפּרעגט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין תּפיסה און כאָטש אויף יודעלס האַרטען ענטפער האָט ער אַרויסגעוויזען ווייכ־קייט און פריינדליכקייט, דאָך האָט ער מיט עטליכע מינוט שפּעטער, זייענדיג נאָך פאַרטיפט אין אַ אויפגעזיגעלטען פּאַפּיר, אַ הויב־אויף געטון דעם קאָפּ, אַ וויש געטון מיט דער פאַר־טשיילע די באָרד, ווי אַ מחותּן און געשעפּטשעט צום סטאַרשי נאַדזיראַטעל:

— דעם פאַרשוין מוז מען זעצען אין קאַרצער אויף אַכט טעג!

די ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט אַזוי גלייכגילטיג, פּונקט ווי ער וואָלט זיך הייסען אין אַ יום־טוב דערלאַנגען זיינע פּיראָגעס, אָדער אייער מיט באָרשט.

וואַסילי, אַ יונג מיט אַ רויטען באַוואַקסענעם קאַרק, האָט באַלד אַ נעם אַראָפּ געטון דעם פּענק שליסלען, אַ לאָז זיך געטון צו די קעלערס, אויפגעשלאָסען זיי און אַריין. אַ פינצטערער אָפּשיין פון דער דרויסענדיגער זון האָט אַריינגע־שלאָגען דורך די קראַטען. אין קעלער האָט אַ שווערער דאַמף, ווי פון אַנ׳אָרט, וואו עס איז אַמאָל געזעסען אַ חיה אָדער אַ

געפּגר'טע נבלה, גלייך אַ שלאָג געטון אין דער לופט. וואַסילי האָט פאַרוואָרפן דאָס בענקיל. וואָס עס איז דאָרט געשטאַנען, דאָס בלעכענע קעסעלע מיט עפּעס שוואַרצע וואַסער און אַ בליק אַרום געטון זיך אויף דער פייכטער ערד, צי דאַרף מען דאָרט מאַכן אָרדנונג. פון אַ ווינקעל איז אַרויסגעשפּרונגען אַ מויז, אַרומגעשפּאַצירט, געזוכט עפּעס עסן, גאָר אָהן מורא פאַר וואַסילין.

וואַסילי איז אַרויס פון קאַמער און אַ רוף געטון יודעלס נאָמען, דערנאָך האָט ער אים אָנגענומען מיט צוויי פינגער ביים האַלז, ווי מען נעמט אָן אַ חיה און געזאָגט:

— אָט דאָ וועט איר דאַרפן פאַרברענגען אַלע טעג אויף ברויט מיט וואַסער! און פאַרשלאָסן אונטער אים די טיר.

יודעל איז צוערשט אַריין אַ דערשראָקענער. ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפונען. האָט ער זיך אַ מינוט געזעצט, אויפגעשטעלט און אָנגעכאַפּט זיך מיט די הענט ביי די קראַטעז. די פרעמדע באַשעפענישען, וואָס זענען אַרום אים אַרומגעלאָפן און באַרירט דאָס וואַסער פון דער בלעכענער שיסעל, האָבן אים איבערגעשראָקן און ער האָט זיך גערוקט פון ווינקעל צו ווינקעל. באַלד אָבער האָט ער זיך איבערצייגט, אַז עס וועט גאָר נישט העלפן און ער איז שטעהן געבליבן אויפ'ן אָרט.

אין דער צייט, וואָס יודעל איז אַזוי געשטאַנען און געטראַכט פון זיין נייער לאַגע און פון דעם, אַז דערפון וועט זיך דערוויסן ברכה'לע, איז אין די קאַמערן דאָרט אויבען עפּעס פאָרגעקומען. דאָרט איז אויפגעשטאַנען פון אָרט „קיזשע" אַ ווילדער, משוגענער, און הערענדיג, אַז יודעל איז אין קאַרצער איז ער צוגעגאַנגען צו „לעמפערטען" אין באַפעלעריש געזאָגט:

—קום!..

— וואו אַהין?—האָט געפרעגט „לעמפערט"—שטעה אויף— האָט ער אים אַ קלאַפּ געטון אין פלייצע—עס איז דאָ וואָס

צו טון: מיר געהען צום קאַרצער און רייסען אויף די סי־
רען!

„קיושען" האָבען זיך די שיקעלדיגע אויגען אָנגעצונ־
דען, ער איז געוואָרען ווילד, קליין נאָר שטייף, עס איז אים
אַ שאָד געווען יודעל. דער יודעל, פאַר וועלכען ער האָט
אויסגעגאָסען זיין האַרץ פון די גנבות און גזלות און דער, וואָס
האָט אים געלערנט, ווי אַזוי זיך אָפּצוטרייסלען פון אָט דעם
לעבען. ער האָט אָנגעהויבען אַרומלויפען, זוכען זיינע שטאַרקע
חברים און מיט איין מינוט איז ער שוין געשטאַנען ביי דער
טיר פון קאַרצער און ער האָט אויסגעשריען:

— עפענען מוזען מיר זי, אויפרייסען און דעם
מענש אַרויסנעמען פון דאָרט, מעג מען אונז אַפילו דערשי־
סען.

דאָס מאָל האָבען זיך די אַלע, וואָס זענען געשטאַנען
אויף דער זייט פון „קיזשען" און „לעמפערטען" אַ רוק צו גע־
טון צו דער טיר און הונדערטער פויסטען און הענט האָבען
געריסען די שלעסער, די ברעטער, די פרענטען. עס איז גע־
וואָרען אַ מהומה און אַ טומעל. די גאַנצע גרויע מאַסע האָט
געשריען און געדונערט און געהויבען די הענט צום הימעל אַלס
סימן, אַז מען מוז אַרויסנעמען יודלען.

באַזונדערס האָט געאַרבייט „קיושע" און „לעמפערט", וואָס
האָבען מיט'ן גאַנצען כח זיך גענומען צו דער טיר, אָדער זי
אַראָפּצורייסען, אָדער איבערצוקערען דעם גאַנצען קאַמער.

פון דער אַנדערער זייט ווידער האָט מען באַמערקט די
וועכטער שטעהען פון ווייטענס מיט די רעוואָלווערען אין די
הענט און „אַפּוכין" אַ פאַרציטערטען:

—געהט און צעטרייבט די מאַסע! — האָט ער געציטערט
מיט די הענט—ווען נישט וועט מען אונז דאָ אַלץ חרוב מאַ־
כען, מען וועט די גאַנצע טורמע איבערקערען.

— גוט, —האָבען געזאָגט די וועכטער און זיך נישט גע־
רוקט פון אָרט, נור ווען זיי האָבען געזעהען, אַז דער פרעמ־

דער פּאָליטישער איז אויף דער פריי און דער קאַרצער איז אויפגעריסען, האָבּען זיי אָנגעהויבּען קנאַלען פון די עטליכע הילצערנע רעוואָלווערען. „קיזשע" איז געפאַלען פאַרוואונדערט אין נאַקען און „לעמפּערט" האָט באַקומען אַ קויל אין פוס.

---

XII

## „אַפּוֹלין״ יאגט צו.

דער „בונט״ האָט זעהר שלעכט געווירקט אויף „אַפּוֹלינען״. ער האָט זעהר אומרויג אָנגעהויבען שפּרייזען איבערן גרינעם צימער, צוגעהענדיג אַלעמאָל צו די פרעמדע פּאַפּירען, האָט ער זיי יעדעס מאָל אַ טרייסעל געטון און געמורמעלט:

— נאָך וואָס נעם איך צו פון פּאַטרול אָט די פּאָליטישע חברה, פאַרוואָס זאָג איך נישט, אַז איך האָב קיין אָרט נישט פאַר זיי?

און ער האָט באַשטימט, אַז אַחוץ דעם, וואָס ער וועט שוין מער נישט דערלאָזען צו זיך קיין פּאָליטישע, מוז עס אוי; אַ סוף נעמען צו זיין זיצען דאָ. ער האָט תיכף אַ קלינג אָן געטון און עס איז אַריין איינער פון די טורמע-וועכטער.

„אַפּוֹלין„ האָט אָנגעשריבען אַ בריף צום אויספאָרשונג-ריכטער בזה הלשון:

—איך בעט אייך שוין, איינמאָל אויף שטענדיג, אַ סוף צו מאַכען מיט דער אויספאָרשונג פון די צוויי פּאָליטישע און דער נקבה, פון וועלכע איך קאָן נישט אויסהאַלטען, און מען זאָל זיי פון דאַנען איבערטראַנספּאָרטירען. איר ווייסט וואויל, אַז איך בין אַן׳אַלטער מאַן און זיי דערגעהען מיר די יאָרען.

דאָס בריוועל האָט ער גיך פאַר׳חתמ׳עט און מיט ציטערדיגע פינגער עס אַריינגערוקט אין די הענט פון וועכטער:

—געה גיב עס אַפּ!

אין צוויי טעג אַרום איז אָנגעפאָרען אַ קאַרעטקע, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער טורמע, און אַ הויכער מאַן האָט אָנגעקלאַפּט אין די אייזערנע טירען. דערנאָך איז ער אַריינגעקומען צו „אַפּולינען". „אַפּולין" איז אויפגעשטאַנען פון אָרט און קודם-כל אָפּגעגעבען „משעסט." דערנאָך האָט ער, נישט קענענדיג לאַנג שטעהן אויף די פיס, זיך אַוועקגעזעצט און געזאָגט:

—טייבעלע! איך בין שוין דאָ מיד און בעט אייך מאַכען די אויספאָרשונג, וואָס שנעלער, דען איר פאַרשטעהט דאָך...

און ער האָט די האַנט אויפ'ן האַרץ אַוועקגעלעגט, אַ סימן, אַז ער האָט שוין קיין כח נישט אויסצוהאַלטען.

דער אויספאָרשונגס-ריכטער, אַ זעהר העפליכער מאַן אין אַ שוואַרצען ראָק, האָט צוגעזאָגט באַלד די זאַך צו אַן'ענדע צו ברענגען און ער איז אַרויס אין דער באַגלייטונג פון צוויי זשאַנדאַרמען. פון דאָרט איז ער אַריין אין זיין קאַנצעליאַריע.

יודעל איז אַראָפּגעקומען גלייך קאַלט און רוּיג. ער האָט אַ שאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ און געמאַכט אַ מינע אַ שולדיגען, פאַר'משפט'ען. דער ריכטער האָט אים אָפּגעמאָסטען מיט אַ שטרענגען בליק און געזאָגט:

—זענט איר עס?

—איך!—האָט יודעל געענטפערט.

דער ריכטער האָט אָנגעהויבען פרעגען:

—ווען איר זענט מיט דער באָמבע אין האַנט געגאַנגען אויפ'ן לעבען פון גובערנאַטאָר, אין וואָסער שטימונג פון גייסט זענט איר דאַן געווען און וואָס האָט אייך באַוואָגען דאָס צו טון?

יודעל האָט אומבאַשטימט אַ דרעה געטון מיט'ן קאָפּ:

—איך קען עס אייך נישט זאָגען.

—גוט,—האָט יענער ווידער געזאָגט—און ווען איר האָט געוואָרפען דאָס אויפרייס-מאַטעריאַל אויפ'ן קערפער פון פאָליציימייסטער, פאַרוואָס האָט איר געצילט אַזוי, אַז פון זיין

קערפּער זאָל ווערן אָפּגעריסען דער פּוס מיט אַ טשיוועל צו-זאַמען?

—ווייס איך?

דער ריכטער האָט מאַשינאַל אַ וויש געטון די וואָנסען און געזאָגט:

—איר זענט זיך, הייסט עס, מודה אויף דעם אַלעמען.

—געוויס. עס האָט מיך קיינער נישט אַרעסטירט, איך בין אַליין געקומען.

—און ווער זענען די, וואָס האָבען אייך מיטגעהאָלפען?

—ווייס איך, קיינער נישט. איך האָב אַליין אַלץ געטון. נאָך וואָס מיטציען אומשולדיגע?

דער ריכטער האָט דאָ אַ וואונק געטון און מען האָט אַראָפּגערופען ברכה׳לען. זי איז געווען דערשראָקען, די האָר צעוואָרפען איבערן שטערען, די אויגען האָבען זיך מאָדנע גע-דרעהט, זי האָט גלייך געוואָלט אַרויספּאַלען מיט די הענט אויף יודלען, נור מען האָט איר אָפּגעהאַלטען. דער ריכטער האָט אַ בליק געטון אויףביידע און געפרעגט ברכה׳לען אויף די על-טער פון די יאָרען, אויף דער באַשעפטיגונג.

—האָט איר אויך אַנ׳אָנטייל גענומען אין דער מערדערישער אַרבייט ?— האָט ער געפרעגט.

ברכה׳לע האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטען און אויסשיסענ-דיג מיט אַ געוויין, האָט זי געזאָגט:

—איך נור אַליין בין שולדיג, ער נישט. איך נור אַליין, איר הערט? איך בין געגאַנגען שפּעט ביינאַכט מיט אַ באָמבע אין האַנט, ער איז דעמאָלט געשלאָפען אין קוזשניע. איך האָב יענעם דערזעהן און אַ וואָרף געטון און דערנאָך...

דער ריכטער האָט זיך אַ מינוט פאַרטראַכט, דערביי האָט ער אַ דרינגענדען בליק געטון אויף ברכה׳לען. זי איז אים אויסגעקומען אי קינדיש, אי אומשולדיג, אי רחמנות׳דיג:

—ווען איר ווילט נעמען אויף זיך די שולד קאָנט איר עס נעמען ביידע—האָט דער ריכטער געזאָגט, פּילענדיג, אַז ברכה׳לע האָט ווייניג וואָס אַנ׳אָנטייל גענומען אין דער זאַך—

איבריגענס האָב איך שוין גענוג. איר זענט זיך, הייסט עס, ביידע מודה אין די פאַרברעכענס. גוט, איר קאָנט געהן!

דער ריכטער האָט געהייסען די וועכטער זיי אַוועקפירען אין די קאַמערען. נור יודעל און ברכה׳לע זענען שטעהן געבליבען איינס געגען דאָס אַנדערע, איינער האָט דעם צווייטען עפּעס געוואָלט זאָגען און ביידע האָבען גאָרנישט געזאָגט. יודעל האָט באַמערקט, ווי זי איז בלאַס, נור איינצייטיג שטאַרקער, דריי־סטער און עפּעס גליקליכער, ווי זי איז געוועזן. ער האָט איר ביי די שפּיצען פינגער אָנגעכאַפּט און געפּילט פון איר מויל דעם אָטעם פון אַן׳אָפּפעריוויליגער, ליידענדער פרוי. עפּעס האָט זי זיך אים דאָ אויסגעוויזען העכער, עלטער און רייצענדער, ווי אויף דער פריי.

ער האָט איר ביי די שפּיצען פינגער אָנגעכאַפּט און גע־וואוסט, אַז ער געזעגענט זיך מיט איר אויף אַ לענגערער צייט. אַלענפאַלס וועט ער איר דורך „לעמפּערטען" בריף שרייבען, אָבער דאָס בריף־שרייבען וועט אויך נישט לאַנג דויערען, דען עס וועט קומען אינגיכען דער משפּט.

מיט אַן׳אויגענבליק שפּעטער האָט ברכה׳לע צום לעצטען מאָל זיך נאָך אַ נייג געטון אונטערן האַלב־פאַרמאַכטען טויער און פאַרשוואונדען, ווי אַ שאָטען.

יודעל איז אַוועק מיט אַן׳אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ פּאַמעליך, פּאַמעליך.

---

XIII

## געטרייקײט.

דאָס האָט געקלונגען איבער דער טורמע נאָך פון פאַרנ־נאַכט אָן: „היינט איז געווען די אויספאָרשונג פון די צווייי, וועלכע מען וועט באַלד אָפּפירען אין דער פּאָליטישער טורמע". אין דער פּאָליטישער טורמע קומען זיי אַריין שוין פרייע אויסגעפּרעגטע און פאַרנעמען שוין זיירע ערטער ביז'ן פּראָצעס.

די פּאָליטישע טורמע, פון דער אוגאָלאָוונער איז אינ־גאַנצען געווען אָפּגעצוימט מיט איין טויער און איין וואַנט.

אָבער הגם זיי זענען אַזוי נאָנט געווען פון זיך, דאָך זענען זיי געווען ווייט ווי אויף מיילען: קיינער פון איין גע־ביידע האָט נישט געוואוסט, וואָס אין דער אַנדערער געביידע קומט פאָר.

פון דער מינוט אָן וואָס דער ריכטער איז אַוועק, האָט די טורמע גערוישט פון שמועסען און רעדערייען, מערסטענס האָבען געטרויערט „קיזשע" און „לעמפּערט", וואָס רעדענדיג וועגען יודעלס איבערגעהן פון דאַנען, האָט „קיזשע" פּראָסט אָנגעהויבען צו חיינען ווי אַ קינד. ער איז אים אַ שאָד געווען מיט זיינע שטראָף־ווערטער און מיט זיינע אָפּטע פּאָטערליכע רייד. פון דער צייט אָן וואָס יודעל איז דאָ געזעסען, איז „קיזשע" געוואָרען מילד, גוט און באַרמהערציג. ער האָט יעדען געזאָגט גוט־מאָרגען און אויסגעמיטען געשלעגען. ער האָט גע־

פילט, אַז אויב מען וועט אים איצט צונעמען יודלען, וועט ער בלייבען איינער אַליין, ווי אַ יתום, דאַריבער האָט זיך איצט „קיזשע״ מער פון אַלע געטומעלט וועגען יודעלס אַוועקגעהן פון דאַנען.

—הער!—האָט ער געזאָגט צו „לעמפערטען״ — איך וועל זיך אַוועקשטעלען מיט אַ פלייצע בײַ דער טיר און אים נישט לאָזען רירען, אַ טויטער זאָל איך באַדאַי פאַלען!

„לעמפערט״ האָט אָנגעשטעלט די גראָבע ליפּען צום פּיי-פּען טרויריג און געמורמעלט:

—וועט מען עס נישט דערלאָזען, וועלען זיי שיסען.

—זאָלען זיי שיסען!—האָט „קיזשע״ אַ מאַך געטון מיט דער האַנט—מיר וועלען זיי פאַר׳שרפה׳ענען, וואָרום ער איז אַ שאָד, ער האָט מיך אַזוי געגלעט ווי אַ מאַמע... אין קיזשעס אויגען זענען אָנגעקומען טרערען. ער האָט אויסגעצויגען די אַרבעל און זיך אויסגעווישט די טרערען.

—וואָס ווײַנסטו—האָט „לעמפערט״ געפרעגט עס טוט דיר עפּעס וועה?

— און פאַרוואָס זאָל איך נישט וויינען — האָט „קיזשע״ געהעשעט פון טרערען—מען וועט איס צונעמען איז עס שוין חוי אין קבר אַריין.

—וויין נישט, מען וועט אים אָפּשלאָגען.

—און „מוץ״?

—אַ כפרה!

אין עטליכע שעה אַרום האָט מען געזעהן יודלען באַ-האַלט פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט, האָט מען געפירט ברכה׳לען, די נייגיריגע אַרעסטאַנטען, וואָס זענען גע-זעסען אין די קאַמערען האָבען זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף די קראַטען און אַראָפּגעשריגען ווי די חיות. די וואָס זענען אַרום געגאַנגען איבער׳ן הויף האָבען זיי אַרומגערינגעלט, מערסטענס האָט מען דאָס שרייען געהערט פון דער פרויען-טורמע. די אַרעסטאַנטקעס זעהענדיג שטענדיג אַרומשפּאַצירען איבער׳ן הויף רויגען מענשען, האָבען מיט אים שטאַרק סימפּאַטיזירט, אים

שטענדיג אַראָפּגעוואָרפען בריוועלעך. אויך אַצינד האָט זיך גע־הערט זייער שרייען, דאָס פּייפען מיט די פינגער און זייער חינקען און פּראָטעסטירען.

דערזעהען, אַז די וואַך שטעהט שוין באַלד ביי דער טיר, זענען „קיזשע״ און „לעמפּערט״ צוגעפאַלען צו די וועכטער און זיי אָנגעכאַפּט פאַר די הענט:

—וואָס טוט איר?—האָט זיך די וואַך אָפּגעשטעלט געגען זיי—וואָס?

—איר וועט זיי ווייטער נישט פירען!

—וואָס?!!

—איר רירט זיך נישט פון אָרט!

—עס איז אַ באַפעל, מען וועט אייך דערשיסען!

—מעג זיין וואָס!..

אין דער מינוט איז „קיזשע״ באַפאַלען איין וועכטער, „לעמפּערט״ האָט מיט די פויסטען געשלאָגען אין שטערען אַ צווייטען, דער טומעל און געשריי איז געוואָרען שטאַרקער. עס האָבען זיך געהערט באַפעלען פון קאַנצעלאַריע און אין דער אייגענער מינוט האָט זיך געזעהען אַ שרעקליכע זאַך: „קיזשע״, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געריסען אָפּצושלאָגען יודלען, האָט געקריגען אַ קלאַפּ אין דער ברוסט. ער איז געפאַלען אָהן אָטעם און מיט אויסגעצויגענע הענט צום טויער. ער האָט עפּיס קרענקליכעס געשעפּטשעט צו יודלען, וואָס איז פאַרשוואונדען אונטערן טויער.

„לעמפּערט״, דערזעהענדיג זיין חבר אין גוססען צושטאַנד, האָט אָנגעהויבען ברילען מיט אַן׳אויסטערלישען געוויין.

XIV

## די נייע וועלט:

יודעל און ברכה׳לע זענען אַריבער די שוועל פון טויער און ביידע גלייך האָבען זיי כמעט דערהערט דאָס אויפמאַכען און צומאַכען דעם פאַרזשאַווערטען טויער, ביידע האָבען זיי זיך אָנגעקוקט וואַרעם און גליקליך, ביידע האָבען זיך געוואָלט דערלאַנגען די הענט, וועניגכטענס זיך אָנרירען מיט אַ פינגער, נאָר די וואַך האָט זיי פונאַנדערגעטיילט. יודעל האָט דערפילט, אַז ברכה׳לע איז שוין נישט דאָס ווייכע, מילדע שוועסטער׳ל שלמה׳ס, נאָר עפּיס אַ דערוואַקסענע פרוי, זי האָט אים אויסגעזעהן מיט אַ סך יאָרען עלטער, ער האָט דערפילט, אַז אין אים איז איצט פאַרלוירען געגאַנגען דער אָפּיעקון איבער אַ פאַר׳יתום׳טע שוועסטער פון אַ געשטאָרבענעם ברודער. פאַר אים שטעהט איצט אַ גלייכער מענש ווי ער איז, דער אייגענער, נאָר אין אַ פרויען-געשטאַלט. ער האָט נאָך אַזוי געטראַכט און די וואַך אַרום ברכה׳לען האָט זי דערווייל אַוועקגענומען פון אים און נאָר צוויי געזעגענס-בליקען האָבען אַ שיין געטון פאַר אים און פאַרשוואונדען. יודעל איז שטעהן געבליבען פאַרפינסטערט, ווי מען וואָלט אים עפּיס ליכטיגעס צוגענומען פון די אויגען. אָפּגעשטעלט זיך, אַ קוק געטון צו דער פאַרמאַכטער טיר. געוואַרט, געוואַרט. קיינער האָט אָבער די טיר מער נישט געעפענט.

די אינוועניגסטע וואַך האָט נישט באַוויזען באַלד צועפענען די טירען. יודעל איז אַ מינוט שטעהן געבליבען אין פאַרגליווערטער פאַרטראַכטונג. דער הויף איז געוועזן ריינער, ציכטיגער און נישט אָנגעפולט מיט אַזעלכע דאַמפען, ווי אין דער ערשטער טורמע. ער האָט באַמערקט, אַז קעגענאיבער איז פאַראַן אַנ׳אַנשטענדיג סעדל צום שפּאַצירען, אַ פלימפּ מיט ריינע וואַסער, אַ קלויסטעריל מיט אַ גאָלדענעם שפּיץ און אַ שפּיטעלעכעל, וואו עס געהען אַרום הייליגע שוועסטער. דאָס אַלץ האָט אים אָבער נישט פרעהליכער געמאַכט, פאַרקערט עס האָט אָנגעטריבען אויף אים אַנ׳אינערליכע דאַגה, ווי אַ פאָרגעפיל, אַז אויף דעם אָרט וועלען פאָרקומען שרעקליכע זאַכען.

אַ ווײלע שפּעטער איז ער געוועזן אין קאַנצעלאַריע, וואו מען האָט אויף שנעל ערלעדיגט אַלע פאָרמאַליטעטען און מען האָט אים געפירט אין אַ ברייטען קאָרידאָר, אין וועלכען עס האָט גענעפּעלט אַ דיקער שווערער רויך. דורכ׳ן רויך האָבען זיך געזעהען פאַרשידענע נייע פּנים׳ער, וואָס האָבען זיך אַרומגעדרעהט אומגעדולדיגע, פרעמדע. אין קלאַנג פון זייערע שטימע האָט ער דערפילט, אַז דאָס זענען זיינע אמת׳ע חברים, די אמת׳ע מיטברידער פון דער אייגענער נויט און פיין.

ער האָט די פּנים׳ער נישט באַטראַכט און איז אַריין אין זיין חדר, דאָרט האָט ער זיך אַוועקגעזעצט. אַ בליק געטון אַרום זיך און געשעפּטשעט:

—אַ שאָד וואָס איך האָב זיך אַזוי קאַלט מיט איר געזעגענט, אַ שאָד!

---

ח ז

## דער פּאַוויליאָן.

דאָס צימער, אין וועלכען יודעל איז יעצט געזעסען, האָט זיך אונטערגעשיידט פון אַנדערע צימערען דערמיט, וואָס עס איז געלעגען אין דיקען מויער איינגעזונקען, ווי אין אַ שטי-לען תהום; מען האָט קיינמאָל נישט געהערט פון דער אוי-סערליכער וועלט. קיין פּישטש פון קיין פויגעל, קיין קול פון קיין מענש. דאָס קליינע פענסטערעל, וואָס איז געלעגען אונ-טערן סופיט איז אַרויסגעגאַנגען ערגעץ אויף אַ לעדיגען פּלאַץ אַ פאַרצוימטען. אויף דעם פּלאַץ האָט מען געזאָגט, ווערען נאַכט נעכטליך אויסגעפירט טויט-אורטיילען. מענשען ווערען גיך געהאָנגען און דערשאָסען. און אויסער טאַקי אַ פּאָר תליות און סמנים פון אויפגעגרובענע גריבער האָט מען דאָרט גאָר נישט געזעהען. פון צייט-צו-צייט נאָר זענען דורכגעגאַנגען די איינ-וואוינער, זעלנער אין זייערע אוניפאָרמען, מיט רויטע מיצען אויף די קעפּ. דאָס זענען געווען די נאַכט-תלינים, וואָס האָ-בען געלעבט נישט ווייט פון דער תליה.. זיי האָבען אַ בליק געטון צום העכסטען שפּיץ פון דער תליה:

—ווער דאָ ביינאַכט זיין אַרבייט? און ווייטער געגאַנגען שטילע, קאַלטע, פינסטערע, ווי דער טאָג וואָלט מסר'ען די אַר-בייטען זייערע פון ביינאַכט. ווייטער אַביסעל פון לעדיגען פּלאַץ איז געשטאַנען אַ וואַסער. אַ ברייט, ברייט וואַסער פון אַ טייך,

אויף וועלכן עס האָט זיך פון צייט-צו-צייט באַוויזן אַ דאַמפּפער. דורכגעגאַנגען, אַ פּייף געטון און ווייטער אַוועק.

די מויערן פון אויסענווייניג זענען געווען מיט גרינס באַוואַקסען, זיי זענען געלעגען העלפּט אין דער ערד, און ווי זיי וואָלטען דערצעהלען, אַז אונטער זייערע דיקע ווענט ווערען שטילע, איידעלע לעבענס געפּייניגט. אַ שטילע, דריקענדע טויט-קייט איז געלעגען אויף די פיר ווענט אינווייניג, וואו עס האָט קוים, קוים, אַהינגעדרונגען אַ זון אָהן שטראַלען און געוועקט עפּיס אַ טונקעל געפיל פון עלענדקייט און מרה-שחורה.

פון צייט-צו-צייט האָט זיך אין צימער געהערט אַן׳עכאָ. דאָס איז געווען דאָס עכאָ פון זיין אייגענעם קול, פון דער אייגענער קערפּער-באַוועגונג, פון אייגענעם אָטעם. ביי דער רעכטער וואַנט איז געשטאַנען אַ טישעל מיט שוואַרצען-טוך איבערגעדעקט און מיט אַ בוך אין טונקעלע טאָוולען, שטאַרק אָפּגעניצט.

אַ נייער בלעכענער עמער מיט וואַסער איז געשטאַנען ביי דער טיר, די איינציגע זאַך וואָס אונטערשיידעט זיך פון די גרויע ווענט אַרום.

אַחוץ דעם אָבער האָט די שטוב געמאַכט אַן׳איינדרוק, ווי אַ הויז פאַר טויטע. די פאַרב פון טיש איז געווען ענליך צו די פאַרב פון די ווענט, און דער גרויער סופיט, האָט זיך מיט גאָרנישט אונטערשיידעט פון דער נאָך גרויער פּאָדלאָגע. קיין ליכטיגער שטראַל, קיין פּישטש פון אַ פויגעל, קיין שאָטען פון אַ צווייג, נאָר עפּיס אַ דריקענדע שטילקייט האָט אָנגעפולט די לופט. יודעל איז אַריינגעפאַלען אין דעם צימער, וואָס האָט אים אויסגעזעהן ריינער, ציכטיגער, נאָר עפּיס שרעקליכער ווי אין דער אויספאָרשונגס-טורמע.

יודעל איז אויפגעשטאַנען פון אָרט אין אַ הוסט געטון, כדי זיך צו דערמאָנען אין זיך אַ יין, דערנאָך האָט ער גענומען דאָס צוריסענע בוך אין האַנט אַריין. דאָס בוך האָט ער מאַשינאַל אַדורכגעבלעטערט, עס אַוועק-עלעגט. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט מיט די אויגען אויף דער וואַנט, וואו עס זע-

נען געווען אויסגעקריצט די נעמען פון צוויי סטודענטען-יוריסטען וואָס מען האָט געהאָנגען.

יודעל האָט אַ ציטער געטון און די אויגען פאַרמאַכט.

אין דער מינוט האָט ער דערהערט אַ דין פינגער-קלאַפּען דורך דער וואַנט. דאָס זענען געווען ברכה׳לעס פינגער. זי איז געזעסען קעגענאיבער, אין אַנדערען צימער. ער האָט מיט די אויגען געזוכט דאָס אָרט פון וואַנען עס האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּען.

---

## XV

# דורך דער וואַנט:

מיט דער מינוט, וואָס ברכה׳לע איז אַריין אין איר צימער, איז יודעלס געשטאַלט פון איר פאַרשוואונדען. זי האָט בכלל פאַרגעסען פון וואַנען און צו וואָס זי איז אַהערגעקומען. די שטילע מרה-שחורה׳דיגע ווענט, דאָס הויכע פענסטער, דער שוואַרצער טיש, די אומפאַרביגקייט אַרום האָט איר האַרץ דערשלאָגען. זי איז געוואָרען עפּיס ווי צוגעבונדען מיט איר געדאַנק צו דער קוזשניע, וואו עס האָט געלעבט אַמאָל איר ברודער שלמה. פאַר אירע אויגען איז אויפגעקומען דאָס בילד פון איר מוטער מאַשען, וועלכע זי האָט קוים, קוים געדענקט און דאָס ווייסע ציגעלע. וואָס איז איבער איר הויף געשפרונגען. זי איז געוואָרען קלעגליך רחמנות׳דיג, און קינדישע שניידיגע טרערען זענען איר אין האַלז געשטאַנען.

—יודעל טייערער!—האָט זי געוואָלט אויסשרייען—נאָר אַנשטאָט דעם נאָמען האָט זי אויסגעשריען: „מאַמע טייערע״!

באַלד אָבער האָט זי זיך צוריק געכאַפּט און אַ שווערען זיפץ געטון. דער זיפץ האָט ווי געזאָגט:

איך טאָר נישט גיסען מיט קיין טרערען, ווי אַ קינד. זי האָט זיך ביסלעכווייז באַרויגט, פאַרלעגט די האָר, פאָפּראַוועט די בליוזע און איז שטעהן געבליבען באַטראַכטענדיג, וואָס זי האָט צו טון אַזעלכעס, וואָס זאָל אַוועקיאָגען פון איר די קינ-

דישע קלעגליכקייט.

זי האָט דאַריבער אָנגעקלאַפּט מיט אירע צאַרטע פינגער אין דער וואַנט, און זי האָט קלאַפּענדיג געפילט, אַז איר ווערט לייכטער, גרינגער אויפ'ן האַרץ. עפּיס האָבען די קלעפּ אויסגעזעהן ביי איר ווי אַ שפּראַך, ווי אַ געוויין דורך טרערען, ווי אַ קושען און האַלזען זיך.

יודעלס פינגער האָבען איר געענטפערט מיט דער אייגענער צאַרטקייט און איידעלקייט! און עס האָט איר אויסגעדוכט ווי איינער זאָגט:

בּאַרויג זיך מיין ליבסטעס וועזען, איך פיל דיר מיט אין דיין עלענדקייט און טרויריגקייט איך בּין מיט דיר, איך בּין מיט דיר!

נאָך די איינציגע טרייסטענדע קלעפּ, וואָס זי האָט אויסגעהערט איז זי געוואָרען פעסטער ביי זיך, אין עס האָט איר זיך אויסגעדוכט, אַז זי איז שטאַרקער מוטיגער און ענערגישער. זי האָט איצט דאָס ערשטע מאָל געפילט, אַז זי איז שוין נישט בּרכה'לע דאָס קליינע מיידעל פון דער קוזשניע, עפּיס איז זי געוואָרען רויגער שטאָלצער, פּונקט ווי מיט איינמאָל וואָלט זי ווערען אַ שטאַרקע, שטאַרקע פרוי.

זי האָט נאָך איינמאָל אַ קלאַפּ געטון און גערופען: יודעלן — דאָס אייגענע עכאָ האָט געענטפערט: יודעל!

יודעל איז געבּליבּען זיצען אין דער האַלב-טונקעלקייט פון צימער. עס איז געווען שטיל און פינסטער און נאָר דאָס בּלעכענע העמעריל האָט געשפּענסטליך אַרויסגעקוקט פון אונטער דער טיר. פון צייט-צו-צייט האָט אַ ווינטעל אַ בּלאָז געטון דורכ'ן אויבערשטען פענסטערל און אַ ווייה געטון די בּלעטער פון בּוך.

פּלוצלינג האָט ער דערהערט, אַז פון די איבעריגע דריי ווענט קלאַפּען פינגער.

דאָס פינגער-קלאַפּען פון די אַרעסטירטע האָט געהאַט זיין שפּראַך, זיין פאַרצעהלען, בּעטען אָדער פאַרלאַנגען עפּיס. עס זענען געווען מינוטען, וואָס איינער מיט'ן צווייטען האָט

זיך דורך אַ פינגער-קלאַפּען געזעגענט, אויף אייביג צע-שיידט, באַגריסט געפּרעהט, אָדער אַוועק אין לאַנד פון טויט.

יודעל האָט אויסגעהערט דאָס קלאַפּען, אָבער דורך דעם כאַראַקטער פון קלאַפּען האָט ער דערפילט, אַז די אַלע דריי אַרעסטירטע שכנים זענען פאַרשידענאַרטיגע כאַראַקטערען. אָט קלאַפּט אַ שווערע פיסט, פשוט אַ גביר. ער קלאַפּט: איינס, צוויי דריי, אַז דער מויער ציטערט אַזש; דער צווייטער האָט גע-פויקט מיט צוויי פינגער: איידעל, געלאַסען, ווי אַ דאָקטאָר אין אַ מענשען ברוסט, זיין קלאַפּען האָט עפּיס פאַרמאָגט אין זיך דערצעהלענדעס פון אַ זער פאַרוויקעלט איידעל לעבען. דאָס דריטע אַרט קלאַפּען איז געווען פון אַ זער איידעלער פרויען-האַנט. און עס האָט זיך אויסגעדוכט, ווי זי דערצעהלט פון אַ פינסטער, וועמוטיג לעבען.

יודעל האָט אויסגעהערט די אַלע דריי און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ווען ער זאָל אַ געשריי טון, וואָלטען זיי אים עפּיס אָפּגעענטפערט. נאָר ניין, וואָס מער ער דאָט גע-וואָלט שרייען אַלץ וועניגער האָט זיין קול אַנ'אָפּקלאַנג געהאַט דורך די דיקע ווענט.

ער האָט דאַרום געענטפערט יעדען מיט זיין קלאַפּען אויבען, הינטען, העכער, נידעריגער. דאָס קלאַפּען איז געוואָרען פאַרשידענאַרטיג און נישט פאַרשטענדליך פאַר קיינעם.

באַלד האָבען אַלע פאַרשטאַנען, אַז פון דעם טומעלדיגען קלאפּען וועט קיינער נישט וויסען וואָס דער צווייטער פאַר-לאַנגט פון אים און מען האָט אויפגעהערט. יודעל האָט זיך אַוועקגעזעצט, זיין האַרץ האָט געקלאַפּט פון נייגיריגקייט. מיט עמיצען עפּיס צו רעדען. עס איז טונקעל געוואָרען. עפּיס אַנ'-אומבאַקאַנט ווינטעל האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אין צימער באַ-רירענדיג די בלעטער פון אַלטען בוך. פון צייט-צו-צייט האָט זיך פון גאַנץ ווייט געהערט אַ באַוועגונג און עפּיס אַנ'איבערגע-ריסענער פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו האָט איבערגעלאָזט אַ רוישען אין די אויערען, אַ וויינען ערגיץ.

—ווער זענען די מענשען?—האָט ער זיך כסדר געפֿרעגט— און תּמיד געבליבען אָהן ענטפֿער. אַזוי זענען אַריבער צוויי חדשים. די אַרעסטירטע האָבען נישט געוואוסט ווער עס זיצט נעבען זיי אין שכנות, ווי ער הייסט, פֿאַרוואָס ער איז פֿאַר'משפּט, וואָסער שטראָף דראָט אים. דאָס לעבען איז זיך געגאַנגען זיין געוועהנליכען וועג. אַ ן דער פּריה איז מען אויפגעשטאַנען, אַרומגע-גאַנגען נישט געוואַשען און נישט געגעסען ביז'ן האַלבען טאָג. דערנאָך איז מען צוגעגאַנגען צום פֿענסטערל, וואו עס איז גע-שטאַנען אַ ריין שיסעלע זופּ און אַ שטיקעל זעמעל, דאָס האָט מען גענומען צום מויל ווי פֿאַר יוצא. וועגען. דערנאָך איז מען צוגעגאַנגען צום בוך אָדער צום קאַלענדאַר, וואָס איז געלעגען אויפ'ן טיש און מען האָט געלייענט יעדעס בלעטעל מיט אַ שטאַר-קער אויפמערקזאַמקייט, איבערגע'חזר'ט יעדעס וואָרט צו עטליכע מאָל און פֿאַרטראַכט זיך אויף יעדען פּינקטעלע צו עטליכע מינוט.

פֿאַרנאַכט האָבען זיך די אַרעסטירטע געלאָזט אומרויג איבער די צעלע און עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז קיינער חעט עס נישט אויסהאַלטען, וואָרום ווי אַזוי לעבט מען אין אַזאַ טויטער שטילקייט? אין אַזעלכע פֿינסטערע, שטילע ווענט. נאָך שפּעטער האָבען זיך די אַרעסטירטע צולעגט איבער די בעטען און אָנגעהויבען זיפצען, קרעכצען נישט פֿון טרויער בלויז, נאָר צו פּרובירען דאָס קול צי קאָן מען נאָך רעדען און ווי אַזוי קלינגט טאַקי דאָס קול. אַזוי האָט געדויערט צוויי חדשים. מיט איינמאָל האָט זיך, אָבער עפּיס געענ-דערט.

אין איין פֿריהמאָרגען האָט מען אין אַלע קאַמערען גע-עפֿענט די טירען און עס האָט זיך געהערט אַ באַפֿעל: אין דער אַלגעמיינער קאַמער אַריין!

דאָ האָבען זיך אַלע אַ לאָז געטון צו די טירען, דען יעדער האָט געוואוסט, אַז פֿון איצט אָן רייכט ער איבער מיט דער שטילער טויטער וועלט. ביי יעדען האָבען די אויגען אָנ-געהויבען לעבען, דאָס מויל זיך באַוועגען, עס איז אַ גליק אויס-

געוואקסען פאַר אים מיט איין מינוט.

יודלען האָט דאָס גליק נישט אַנדערש געטראָפען, ווי זיינע חברים.

ער איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, אַ מינוט שטעהן גע-בליבען, ווי פאַרגליווערט, דערנאָך איז ער צומישט געלאָפען צו דער טיר. די פאַרשידענע נייע פנים׳ער האָבען אים איבע-ראַשט אויף אַ מינוט, באַלד אָבער האָט ער יעדען באַטראַכט באַזונדער און האָט יעדען די האַנט דערלאַנגט.

---

XVII

## אנ׳אַמאָליגער.

ווען יודעל האָט זיך פון אַ זייט איינגעקוקט אין איינעם פון די אָרומיגע, האָט ער אַ שוידערליכען ציטער געטון און יענעם אויפ׳ן האַלז געפאַלען.

—פון וואַנען ביסטו געקומען אַהער ? און וואָס האָט דיך אַהער געבראַכט?—האָט ער דערשראָקען געפרעגט.

—נישט וואונדער זיך — האָט יענער קאַלט געזאָגט,—דאָס אייגענע מזל, וואָס האָט דיך אַהער געברענגט, האָט מיך אַהער אויך פאַרוואָרפען. איך בין גליקליך, וואָס מיר זענען צו-זאַמען!

—מענדיל!—האָט יודעל גערידט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט,—זעה, ווי גרויס דו ביסט אויסגעוואַקסען! ווען מיר האָבען זיך צושיידט ביסטו נאָך אַ קינד, אַנ׳איידעל יונגעל געווען. אָ, וויפיל וואַסערען עס זענען אָפּגעלאָפען פון דעמאָלט.

—און דו ביסט שוין לאַנג דאָ?

—עטליכע חדשים — האָט יודעל שוואַך געענטפערט—און כ׳ווייס נישט מיט וואָס מיין משפט וועט זיך ענדיגען.

—אויך איך ווייס נישט — האָט דער פרעמדער געזאָגט,— איך זיצ ביז איבער׳ן קאָפּ. 6 פראָצעסען מיטאַמאָל און דאָס פאַר נישט קיין לייכטע זאַכען.

—לייכטע זאַכען, לייכטע זאַכען—האָט יודעל אַ מאַך גע-

טון מיט דער האַנט—דער וואָס קומט אַריין אין די וועגנ, אי-בער דעם'ס קאָפּ הענגען שווערע וואָלקענס און דער טויט ווערט אים אַ חבר.

—מילא—האָט דער פרעמדער געענטפערט איראָניש,—אַבי נישט עפּיס שווערערס. אָבער זאָג טייערער יודעל, וועל-כע פּאַסירונגען האָבען דיך אַהער געבּרענגט, אויך איך וועל דיר פון מיר אַלץ פּאַרצעהלען.

מענדיל איז געוועזן אַ הויכֿער, טונקעלער בחור פון אַ יאָר 25 מיט שוואַרצע, האַרטע, געקרייזעלטע האָר. איבער זיין פּירעקקעדיגען טונקעלען שטערן זענען געלעגען צוויי פעסטע שוואַרצע ברעמען, אונטער וועלכע עס האָבען זיך פלינק באַ-וואויגען צוויי ברוין-קאַרשיגע אויגען. די הויט פון זיין קערפער איז געוועזן אַ האַרטע אָנגעליטענע און עס האָט זיך אויסגע-דובט, אַז זי האָט איבערגעטראָגען גענוג קעלט, הונגער און נויט. ער איז געוועזן האַלב איינגעבויגען, נאָר שטאַרק אין זיי-נע גלידער, און עס האָט זיך דערקענט אין אים אַ געוויסע קאַלטקייט און באַהאַלטענקייט. די באַהאַלטענקייט האָט אויס-געאַרבייט אין אים די אומצעהליגע חדשים פון וואַלגערען זיך אין די טורמעס. איבריגענס האָט מען די שווערע טורמע פיין דערקענט אין זיינע גלידער: עטליכע פינגער זענען ביי אים געווען אָפּגעפרוירען, עטליכע צייכענס פון אַ מעסער אין האַלז, צייכענס פון שווערע קייטען אויף די הענט און פיס און ער האָט זיך געקלאָגט, אַז אין איין פוס פעהלט ביי אים אַ ביין, דאָך איז ער געווען אויסטערליש שטאַרק און געטראָגען אין זיין פּנים אַ שטראָם פון ריזיקאַלישע מאַניערען און באַוועגונ-גען.

—ביסטו דאָס מענדיל, יענער מענדיל?—האָט יודעל ער-שטוינט אָנגעכאַפּט אים ביי דער האַנט, עס גלויבט זיך קוים. נו, קום אַוועק אין אַ זייט, מיר דאַרפען זיך אַביסעל אַדורכרע-דען.

יודעל האָט אים אַ צ״ה געטאָן ביי דער האַנט און נאָכ-אַמאָל אים אָפּגעמאָסטען מיט איינעם פון יענע בליקען כּהן

איבעראַשינג, ווען מיר דערזעהען אונזערס אַ פריינט אין אַנ׳-אַנדערן צושטאַנד, ווי מיר האָבען אים פאַרלאָזט.

זיי זענען אַוועק אין אַ ווינקעל. יודעל האָט זיך געזעצט פאַרלעגענדיג אַ פוס אויף אַ פוס. זיין חבר האָט אים אַרומגע-נומען, ווי אַ קליין זוהנדעל וועלכעס מען האָט שוין לאַנג נישט געזעהן.

— אַזוי האָסטו מיך פאַרלאָזט אין סאַמע מיטען פון דער אַרבייט—האָט יודעל געזאָגט, — די אַרבייט צווישען די מאַסע איז נאָך געווען אַ קנאַפּע, אָבער אַ פּרוכטבאַרע. געדענקסט דאָס שטעטיל? דעם שאָסיי? שלמה׳ן? די קוזשניע ? דאָס קליינע היי-זעלע, וואו עס איז אייביג וואַרעם געווען?

—אָ, עס איז דאָס ערשטע גערטעלע געווען — האָט דער פרעמדער געזאָגט,—עס פאַרגעסט זיך נישט, נאָר וואָס עס האָט גאָך ווייניג וואָס געקאָנט געבען. דאָס פייער אין קוזשניע האָט נאָר אָנגעצונדען דעם ווילען, דאָס גרויסע לעבען האָט געמוזט קומען פון ערגיץ אַנדערש.

—איך דאַנק דערפאַר דעם ערשטען גוטען ווילען, וואָס דו האָסט אין מיר אָנגעצונדען—האָט יודעל געזאָגט.

דער פרעמדער האָט אַריבערגעבויגען דעם טונקעלען, שטאַר-קען קאָפּ איבער יודלען און אים אַ קוש געטון.

—נישט אין לייכטער אַרבייט האָב איך פאַרברענגט אין דער גרויסער שטאָט — האָט דער פרעמדער געזאָגט, — אַגיטאַ-ציע, פּראָפּאַגאַנדע, דאָס זענען קליינינקייטען, איך האָב גע-שניטען באַאַמטע פון גרעסערען און קלענערען שניט. כאַ-כאַ-כאַ ! קעפּ זענען ווי שטרוי געפאַלען... ווען מען זאָל מיר משפּט׳ען פאַר דעם, וואָס איך האָב אויפגעטון, דאַרף איך אַמ-ווייניגסטענס שטאַרבען אַ צוואָנציג טויזענט מאָל. אָבער, צום טייוועל, שטאַרבען וועל איך נאָר איינמאָל, דעם טויט-אורטייל טראָג איך שוין אויף מיינע פּלייצעס, אָט וואָס.

—און דו האָסט עס אַלץ געטון אויף אייגענער האַנט ?

—איך בין גלייך צוגעשטאַנען צו אַ „פינפטעל״ און בין איר אָנפירער געווען; דערנאָך צו אַ „צ,נטעל.״ רייכער גע-

מאַכט דעם בית-עולם אין דו ?

— איך האָב אַזוי, — האָט געענטפערט מיט אַ שטאָלצער מינע יודעל—מיר וועלען נאָך רעדען, צוערשט זאָל איינער דערצעהלען.

יודעל האָט אַ בליק געטון פון דער זייט אויף זיין חבר און ער האָט דערקענט, אַז ער האָט זיך פון דער צייט אָן געענדערט נישט נאָר אין פנים, נאָר אינגאַנצען אינערליכען כאַראַקטער. ער האָט דערקענט, אַז בלוט-פאַרגיסונג איז ביי אים געוואָרען אַ געוואוינהייט, און דאַן, ווען ער האָט אים פאַר-לאָזט איז ער נאָך געווען אַ שטיל, צאַרט יונגעל.

—דו האָסט זיך אויף זער פיל געענדערט, טייערער— האָט יודעל אינערליך, געריגט געריעדט צו זיין חבר,—דו האָסט זיך געענדערט, איך האָב מיך געענדערט, מיר אַלע ענדערען זיך.

יודעל האָט זיך אַ מינוט פאַרטראַכט. ער האָט געטראַכט פון זיך, פון גרויסען ברייטען לעבען, פון דעם, אַז לעבען אָהן בלוט-פאַרגיסונג איז אוממעגליך; פון דעם, אַז זיין חבר איז שטאַרקער, מענליכער און וועניגער צאַרט, ווי ער איז געווען.

איינער פון די ועכטער האָט אַ געשריי געטון:

—אַרעסטירטע אין די קאַמערען אַריין! און אַלע זענען זיך אידער צולאָפען אין זייערע קאַמערען.

XVIII

## מענדיל׳ס לעבען פארגאנגענהייט.

מענדיל איז אריין אין זיין צימער. ער איז געווען פרעה־ליך פון דער באגעגעניש מיט זיין חבר און דאריבער האט ער זיך געווארפען אין אלע ווינקלען רעכטס, לינקס, אין דער זייט און אין יענער, ווי א פרעהליכע חיה. אט האט ער גע־כאפט א שטיק ברויט און ווילד עס געשלונגען, אויסגעטרינקען מיט איין אטעם א גלאז וואסער, דערנאך האט ער זיך אוועק־געלעגט אויפ׳ן געלעגער און זיינע געדאנקען האבען אים אוועק־געטראגען ערגיץ וויט, ווייט.

מענדיל איז געווען א רעוואלוציאנער. ס׳איז געווען ביי אים א נשמה-נויטווענדיגקייט.

מענדיל׳ס פאטער איז געווען איינער פון יענע גאטס-גלויביגע נשמות, וואס האבען שטענדיג פארברענגט אין געטלי-כען עקסטאז. דאס איז געווען א מאגערער, הויכער יוד מיט פאות ביי די אויגען, אין א ברייטען אטלאסענעם כאלאט, א טלית-קטן מיט געלע ציצות און תחלת. א שטילער חסיד, א לער-נער פון ז׳הר און קבלה, א חצות-אפריכטער, מען האט גע-זאגט, אז ער געהער צו צדוקס לייט, חייל ער האט שטענדיג פארברענגט אין תעניתים און אין תשובה.

דער יונגער מענדיל איז נאכגעגאנגען אין דער ערשטער

צייט די טריט פון פּאָטער. אַ שטיבּעל-בחור, אַ לערנער, אַ טאַנצער אין שמחת-תּורה. ער האָט געטראָגען אין זיך די פרעהליכקייט און אָפּפערווילליגקייט, שפּעטער אָבער איז דער עקסטאַז איבערגעגאַנגען אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבייט, און ווען אין גאַס האָט זיך נאָר דערפילט די באַוועגונג, איז מענדיל געוואָרען אַ נאָנטער יודעלס, וואָס האָט אויסגעפילט די פאַרלאַנגען זיינע און נויטווענדיגקייטען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

די אַרבייט אין שטעטיל איז געווען אַ לאַנגזאַמע און שטילע; מענדיל אָבער האָט אין זיין וועזען ליב געהאַט דאָס העלדישע, שטאַרקע, דאָס איבעריגע האָט אים נישט אינטערעסירט דערום. ער איז אַוועק פון יודלען אין דער ערשטער צייט, נאָך פון קושניץ. ער איז געקומען אין דער גרויסער שטאָט און פאַרבּרענגט אַ געהיים טעראָר-לעבען. אויפגעהאַלטען זיך אין קאָנספּיראטיווע שטובען און ביי נאָנטע חברים. ער איז געווען דאָס הויפּט-ראָד פון דעם לעבען.

איינמאָל איז ער ביי אַ נישט געלונגענעם אָנפאַל אַרעסטירט געוואָרען און פאַר׳משפּט געוואָרען צום טויט, דאָס געריכט אָבער האָט עס אויף קאַטאָרגע פאַרביטען. און פון דאַמאָלט הויבּט זיך אָן די געשיכטע אין זיין לעבען פון וואַנדערען אין טורמעס און אַרעסטען, פון שלעפּען זיך איבער די וועגען געשלאָסען אין קייטען. מענדיל קומט קיין סיביר און פירט דאָרט אַ פרישע אַרבייט צווישען פאַרשיקטע.

ז-יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער געלעבּט אין דער געגענד פון ווייסען פּאָליוס, געבלאָנדזשעט איבער די שנייען און סטעפּעס און געגעסען וואָרצלען צוזאַמען מיט חיות.

אָט דאָס לעבען האָט באַרויבט אין זיין נשמה דעם יונגלישען, פרעהליכען חסיד און אַוועקגעזעצט דאָרט דעם פאַרהאַרטעוועטען רעוואָלוציאָנער.

מענדילס פּנים האָט זיך שנעל אומגעענדערט, עס זענען פאַרשוואונדען די פרעהליכע, יודישע קנייטשען און עס איז

אויסגעוואַקסען אַ מענש אַנ׳אייזערנער, זיינע אויגען האָבען באַקומען אין זיך הייסע אומרויגע פייערלעך, זיינע הענט האָבען באַקומען פרעמדע באַוועגונגען.

אָט די גאַנצע קייט פון אַרעסטען און טורמעס׳ האָט אויך אין זיין כאַראַקטער אריינגעבּרענגט די אַרעסטאַנטסקע מאַניערען פון רעדען און פילען, און עס האָט זיך אויסגעדרוקט, אַז אויפ׳ן פּנים פון אָט דעם יונגען לערנער שוועבט דער אַרעסטאַנט פון סיביר, די ווייסע קאַלטע נעכט און טעג, דער הונגער און די נויט, די פוילקייט און שלעפּעריגקייט פון צפון.

ז-יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער געלעבט אין ווייסקייט און אין שטילקייט, אָבער פּלוצלינג האָט אַ פלאַקער געטון אין אים די בענקשאַפט אַהיים, און ער האָט צו פוס אויסגעוואַנדערט פון ווייסען לאַנד, אַדורכגעגאַנגען ווייטע דערפער און ווייסע וויסטענישען, דאָס רויטע לעבען האָט אים געצויגען צו זיך.

מענדיל איז געקומען אַהיים און געטראָפען דאָס רויטע לעבען פלאַקערען מיט נאָך מער קראַפט, ווי פריער, און אויפסנייע האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אין די אָרעמס פון דער אַרבייט.

אַצינד אָבער איז שוין מענדיל צום צווייטען מאָל אַריינגעפאַלען שוין אויף זיין נאָמען און דאָך זענען זיינע פאַרברעכענס געווען חילטיגע און האָבען געדראָט מיט טויט-שטראָף. ער איז שוין אָבער געווען אין יענעם נישט איבערגעשראָקענעם, פאַרהאַרטעווען צושטאַנד, וואָס דער שוואַכסטער אורטייל שרעקט זיי נישט.

אַצינד, ווען ער איז געלעגען טראַכטענדיג פון יודלען האָט נאָך עפּעס אַ שוואַכער שטראַל פון אַמאָליגען לעבען אַ בלישטש געטון אין זיינע אויגען און איז באַלד פאַרלאָשען געוואָרען. פאַר אים איז אַדורך מיט איינמאָל דאָס בלאַסע געשטאַלט פון פאָטער, וואָס האָט אים נישט געלאָזט געהן אין גאַס אַריין אויף דער בערזע; און דאָס אַמאָליגע גוטע

נים יודעלס, די ערשטע אַניטאַציאָנס-רייד, מער האָט ער שוין
ישט גנקזָנט טראַכטען פון עפּיס און זיך וואָס פאָרשטעלען
אָר עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, דאָס ווען ער וועט נזָכאָ-
מאָל זעהן יודלען וועט ער אים האַלזען און קושען, ווי א
קינד.

---

## XIX

## זאלבעטריט.

**ווען יודעל און** מענדיל זענען אריין אין זייערע צימע־רען, זענען אין דער אַלגעמיינער קאַמער געבליבען נאָך דריי פאַרשוין פאַראינטערעסירטע אין זייער שמועס. דאָס זענען גע־ווען אַרעסטירטע שוין פון לאַנג, וואָס האָבען זיך ענג געהאַל־טען איינס מיט דאָס אַנדערע, צי ווייל זיי האָבען געהאַט איי־נעם און דעמזעלבען פראָצעס, צי ווייל זיי זענען נאָך פון פריער באַקאַנט געווען, אָדער דאָס האָבען זיי געהאַט צווישען זיך שטענדיג אַזאַ שמועס, וואָס עס האָט נאָר פאַראינטערעסירט זיי. דאָס האָט מען נישט געקאָנט דערקענען, נאָר ווען מען האָט זיך אין זיי איינגעקוקט האָט מען דערקענט, אַז די דריי זענען געבונדען צווישען זיך מיט עפּעס.

איינער איז געווען אַ בחור'ל פון אַ יאָר 18 אַ קריסט מיט אַ בליאָנד־צעקעמטען שרינט, בלויע אויגען. וועלכע ער האָט אַלעמאָל איינגעזשמורעט, ווי ער וואָלט זיין קורצזיכטיג. ער איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ העלען אַנצוג מיט אַ בלייששטיפט אין דער אויבערשטער קעשענע, מיט וועלכען ער האָט אַלע מאָל עפּיס _ פאַרצייכענט. אינגאַנצען האָט ער געמאַכט אַנ'איינדרוק פון יענע האַלב־אינטעליגענטען , וואָס זענען אויסגעוואַקסען צווישען דער מאַסע, נאָר קיין איינפאַכער האָט ער דאָך נישט

אויסגעזעהן. דאָס שטילשווייגען, זיין טיפער, שאַרפער, קאַלטער בליק אין זיין שמייכעל, וואָס ער האָט געגעבען נאָך לאַנג אויסהערען יענעמס רייד האָט צווויסען געגעבען פון אַ שטאַרקען כאַראַקטער. איבריגענס האָט מען די שטאַרקייט פון זיין כאַראַקטער דערקענט אין זיין אַרט לעבען, וואָס ער האָט געפירט אין טורמע: פריה איז ער אויפגעשטאַנען, גענומען עפּעס צום מויל און אַוועקגעזעצט זיך ליינען. נישט קיין נפקא-מינא צי ער האָט געלייענט ערנסט, אָדער סתם געקוקט אין בוך אַריין, ער האָט געקאָנט אָפּזיצען שעה'ען און שווייגען. געזעסען איז ער נאָך פאַר'ן געריכט, נאָר געוואוסט האָט ער, אַז מען וועט אים פריער צי שפּעטער הענגען, אָדער שיסען. וואָרום ער איז באַשולדיגט אין עטליכע מאָל באַפאַלען רעגירונגס-קאַסעס פאַר דער פּאַרטיי, אין איבערייסען עטליכע אַמוניציאָנס-פאַבריקען, אין באָמבאַרדירען אַ זשאַנדאַרמען-הויז און שליסליך האָט מען אים געכאַפּט ביי אַנ'אָנפאַל אויף אַ הויכע שטעלטע פערזאָן, וואָס איז דורכגעפאָרען אין אַ קעטשעל די גאַס. דער אָנפאַלער איז שטעהן געבליבען ראַנירט און זיך מודה געווען:—יאָ, איך האָב עס געטון.

די דאָזיגע עטליכע ווערטער האָט ער מודה געווען נישט נאָר דאַרויף, נאָר אויף יעדען אַקט, וואָס ער האָט געטון, פּונקט ווי עס וואָלט אויף אים קיין איינדרוק נישט איבערגעלאָזען. און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער גיט צו אַ שוואַכע באַדייטונג אי דעם אַקט, וואָס ער האָט געטון, אי דעם משפּט, און אַ סך מאָל ווען ער האָט דערמאָנט די באַשולדיגונגס-אַקטען האָט ער אַ ביטערען שמייכעל געטון.

אין גאַס האָט מען אים גערופען „סטאַלאָווי"—שטאָלענער, נאָר אין פּאַוויליאָן האָט ער געהייסען „גליקליכער", ווייל אַלע זיינען מקנא געווען די האַרטקייט פון זיין כאַראַקטער און די שטאַרקייט פון זיין ווילען. חבר „סטאַלאָווי" איז געווען אַ קאָנספּירירטע פּערזענליכקייט. מען האָט אים ליב געהאַט, ווי אַ היילינגטום. מען האָט אים שטענדיג איבערגעפירט פון איין דירה אין דער צווייטער, און אַ סך געזאָרגט וועגען זיין לע-

בען. וועגען „סטאַלאָווין״ זענען פאַרשידענע לעגענדען אַרומגע-גאַנגען, מען האָט געזאָגט, אַז ער איז געבוירען ביי אַנ׳-אָרימען שטיינערקלאַפּער, נאָר נאָך איידער ער איז געבוירען געוואָרען האָט זיך פאַר דער מוטער באַוויזען אַ געשטאַלט מיט אַ האַמער אין איין האַנט, אין דער אַנדערער אַ שטיק פייער. און ווען זי איז געווען ביים גלח אויף איספּאָוויעדזש. האָט ער פאָרגעזאָגט, אַז איר זוהן וועט זיין אַזעלכער, וואָס וועט שלאָגען אומגערעכטע פאַרשוינען און וועט אַליין אין גע-רעכטיגקייט פאַלען. דאָס האָט זיך באַלד צעטראָגען איבער דערפלעך און דערפער, און מען האָט פון ביי־געבוירענעם וואונ-דער ערוואַרט, אין די וואונדער זענען געקומען.

חבר „סטאַלאָווי״ האָט מען אין דערהיים גערופען סטאַכאָ. ער איז אין די קינדעריאָרען געווען רעליגיעז, און האָט אָפט מיט מורא און גאָטס-פאָרכטיגקייט געקושט דעם צלם. אָרימע האָט ער ליב געהאַט, ווי דאָס לעבען, און צעטיילט זיי, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. ווען ער איז עלטער געוואָרען איז ער אַוועק פון טאַטען, אַרבייטען אויף שאָסעען. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט דער נויט און פיין פון די אַרבייטענדע און ער איז זייער גלויבען געוואָרען. חבר „סטאַלאָווי״ איז געווען אַ פּראַכטפולער רעדנער, אַנ׳אָרגאַניזאַטאָר און אַהייליגע קאַמפּס-נאַטור. ער איז געווען דער ליבלינג פון דער מאַסע.

אָט דער אַרעסטירטער איז געזעסען פאַר אַ סך טעראָ-ריסטישע אַקטען, וואָס זענען מיט איינמאָל אַנטדעקט געוואָ-רען. די טעג פון משפט זענען נאָנט, אָבער ער איז גאַנץ רויג.

דער צווייטער, וואָס האָט אָנטייל גענומען אין געשפרעך, איז געווען אַ הויכער, בלאַסער מענש פון אַ יאָר 40 מיט אַ שמאָלען לענגליכדיגען קאָפּ, וואָס דער שטערען האָט פאַר-נומען וועניגסטענס אַ דריטעל. די אויגען קאַלטע, בלויע, עט-וואָס שמייכעלדיגע, וואָס האָבען, דוכט זיך, אַריבערגעוואָרפען זייער שמייכעלדיגקייט צו די ליפען און דער שמייכעל האָט פאַרמאָגט אין זיך מער איראָנישעס, ווי ליבענסווירדיגעס. דאָס

איז געווען אַ קאַלטע און באַרעכענטע נאַטור, אין דער איבער־צייגונג—אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט.

אָפּגעזעסען איז ער שוין עטליכע יאָר פאַר אַ ברייטע ליטעראַרישע טעטיגקייט. רויג געזעסען אין זיין צימער, געשרי־בען אַ סך, געמאַכט אַ סך באַמערקונגען צום פּראָגראַם פון זיין פּאַרטיי און געטראַכט, אַז ווען ער וועט פריי ווערען, וועט ער אין פּראָגראַם פון זיין פּאַרטיי אַריינטראָגען געוויסע פאָרשלאַגען און ענדערונגען.

דעם דאָזיגען אַרעסטירטען האָט מען גערופען חבר רודיאָן.

רודיאָן האָט אַליין געשטאַמט פון ליטע. אין די יונגע יאָרען איז ער געגאַנגען אין אוניווערזיטעט און איז אויסגע־שלאָסען געוואָרען דערפאַר, וואָס ער האָט געאַרבייט פאַר הומאַניטאַרע צוועקען. פון דאַמאָלס אָן האָט ער אָנגעהויבען צו אַרבייטען פאַר׳ן פאָלק, ער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבען זיך נאָך באַטייליגט אין די ערשטע גרופּען פון פאָלקס-פרייהייט, און איז דערנאָך געוואָרען אַנ׳איבערצייגטער ס. ד. זייענדיג אַ יוד, האָט ער שטענדיג געוואָלט דעם נאַ־ציאָנאַליזם, אין וועלכען עס האָט געלעבט די יודישע מאַסע, נישט אַוועקרייסען פון זיינע סאָציאַלע פאָדערונגען. דאָס איז געווען איינער פון יענע פּיאָנערען, וואָס האָבען זיך באַווי־זען אין דער יודישער גאַס, אָבער גראָד פון די הויכע פענס־טער.

אין טורמע איז ער שטענדיג געווען אַ באַשיידענער מענש אין זיין טעגליכען לעבען. אַ שאַרפער דיסקוטאַנט, פאַר־מאָגט אַ שטאַרקע, ענערגישע שטים, האָט ער גערעדט וועניג, שאַרף און אַנטשלאָסען און אָפט צעקלאַפּט די אַרגומענטען פון זיינע געגנער. דער דריטער איז געווען אַ קריסט פון עטליכע 40 יאָר, אַ באַוואַקסענער, הויכער, מענש מיט לאַנגע וואָנסען. ער איז געזעסען שוין פון זעהר, זעהר לאַנג פאַר קעמפען פאַר דער אומאָפּהענגיגקייט פון זיין לאַנד. ער איז געווען 10 יאָר אין סיביר, דערנאָך האָט ער זיך דריי יאָר נאָכאַנאַנד געשלעפּט

איבער פֿאַרשידענע טורמעס אין קייטען געשמידט. די ווירקונג פֿון קייטען און דאָס סיביר-לעבען האָט מען דערקענט אין דער ווילדקייט פֿון זיינע אויגען, אין וועלכע עס איז אַ באַזונדערער וועהטאָגליכער אויסדרוק געלעגען. ער האָט געהייסען „דער שוואַרצער"—אַ פּסעוודאָנים נאָך פֿון די אַמאָליגע יאָרען.

חבר „שוואַרצער" האָט געשטאַמט פֿון זעהר אַ רייכען שטאַם, וואָס האָט פֿון שטענדיג אָן געטרוימט וועגען דער אומאַפּהענגיגקייט פֿון זיין לאַנד. ער איז געווען ענערגיש, שטאַרק אין זיינע פֿאַרלאַנגען און געהאַט דעם איינפֿאַכען אויסזעהען פֿון אַ פֿאָלקס-מענש. ער האָט גערעדט פּויליש, נאָר זיין אַקצענט איז דורך דעם לעבען אין וויייטען סיביר פֿאַרענדערט געוואָרען. זיין שטוב איז געווען אַ קרענקליכע און נערוועזע. ער האָט אַ סך מאָל געזונגען רעוואָלוציאָנערע פֿאָלקס-לידער, אַז זיין קערפּער האָט אַזש געציטערט פֿון עקסטאַז. דער היפּך פֿון חבר „סטאַלאָווי" איז ער געווען געגען איינציגען טעראָר, אָבער ער האָט געשטרעבט צו אַ פֿאָלקס-אויפשטאַנד, און געגלויבט, אַז דער פֿאָלקס-אויפשטאַנד מוז קומען נאָר דורך אים.

קוקענדיג אַ סך מאָל דורכ'ן פענסטער צום וויטען, בלויען הימעל האָט ער זיך מיט צאָרן אַ וואָרף געטון צום פענסטער. די קייטען פֿון זיינע הענט און פיס האָבען אַ קלינג געטון און ער איז צוריקגעפאַלען, ווי אַ חיה אין איר שטייג.

די אַלע דריי פֿאַרשידענע כאַראַקטערען האָבען אָפט געקעמפט און דיסקוטירט צווישען זיך, דאַן ווען זיי האָבען זיך באַגעגענט אין דעם אַלגעמיינעם קאַמער.

—איר זענט באַקאַנט ?—האָט רודיאָן געפרעגט מענדלען, וואָס איז געשטאַנען און באַטראַכט „סטאַלאָווין" מיט אַ שטוינענדער מינע, װי ער וואָלט אים ערגעץ וואו שוין געזעהען אַמאָל.

—באַקאַנט זענען מיר פֿון איצט, נאָר מיר דוכט זיך, אַז די קאַנטשאַפט ציט זיך שוין פֿון זעהר, זעהר לאַנג—האָט מענדיל געזאָגט,קוקענדיג פֿאַרטראַכט אויף „סטאַלאָווין".

„סטאַלאָווי" האָט אים גלייך דערקענט און געזאָגט:
—חבר, גיט די האַנט! מיר האָבען איין טיראַן נאָכגע-שפּירט און אַוועקגעלעגט אים אין אַ פינסטערע נאַכט.
—אין אַ פינסטערע נאַכט? איר און איך?—האָט נישט גע-דענקט מענדיל.
פלוצלינג האָט זיך מענדיל אַ כאַפּ-אויף געטון, ווי פון שלאָף, אין אַרויפגעפאַלען אויף „סטאַלאָווין" מיט אַ ווילד קושען. דערנאָך האָט ער א שלעפּ-געטון יודלען ביי דער האַנט און פאַרגע-שטעלט:
—דאָס איז אַנ'אַלטער חבר „סטאַלאָווי", באַקענט אייך!
יודעל האָט מיט אַנ'איידעלע מינע באַטראַכט „סטאַלאָווין", ער איז אים זעהר געפעלען. עס איז אים געפעלען דאָס בלאַ-סע, קאַלטע פּנים און די שטילע בלויע אויגען.
אויך „סטאַלאָווי" האָט זיך פלוצלינג עפּעס דערפרעהט, ווען ער האָט דערזעהן יודלען און ער האָט אים אינסטינקטיוו דערלאַנגט די האַנט.
—גוט וואָס מיר האָבען נאָך אַ חבר—האָט „סטאַלאָווי" גע-זאָגט, באַטראַכטענדיג טיף יודעלס איידעל פּנים—און פאַרוואָס זענט איר אַריינגעפאַלען?
—אַ פראַגע, מיין פריינט, פאַרוואָס מען פאַלט אַריין?—האָט יודעל געזאָגט און זיי אַלע באַטראַכט.
רודיאָן האָט זיך נישט באַלד פאָרגעשטעלט. ער האָט געהערט צו יענע כאַראַקטערען, וואָס דערקענען זיך מיט ווע-מען באַלד איז פאַר זיי שווער, ער האָט געמוזט גוט אויס-שטודירען יענעמס כאַראַקטער. דאָך האָט ער אַרויסגעוויזען הע-פליכקייט און געכטאַרעט זיך פריינדליך פאָרציקומען יודלען. נאָר דער „שוואַרצער", וואָס איז געשטאַנען אַביסעל פון ווייַ-טען, האָט, ווי אַ געניטער אַרעסטאַנט, וואָס פרעהט זיך מיט'ן אָנקומען פון אַ חבר, געדריקט יודלען די האַנט. די אַלע צוזאַ-מען האָבען זיך צונויפגערעדט איבערפלעכליך פון זייער פרי-ערדיג לעבען און צעגאַנגען זיך אין פאַרשידענע זייטען.

ג.

## יודעל און רודיאָן.

ווען יודעל איז אַרויס פון „סטאַלאָוויס״ צימער איז אים אַנטקעגען געקומען רודיאָן, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

—חבר, אפשר ווע̈ט איר באַזוכען מיין צימער?

—גערן—האָט יודעל געזאָגט.

רודיאָן האָט קיין טעראָריסטישע העלדענטאַטען אונטער זיינע פלייצעס נישט געהאַט, דערפאַר האָט זיין צימער געהאַט אַ גאָר אַנדערש אויסזעהן: עס איז געווען פרייער, ליכטיגער און שענער. עס איז דאָרט געשטאַנען אַ סאָפע באַצויגען מיט יאַפּאַנישע לייוואַנט-בלומען, ווייטער אַביסעל איז געשטאַנען אַ וואַשטישעל, דער צודעק פון זיין בעט איז געווען אַנ׳אייגענער און אויף דעם טיש זענען געווען אָנגעוואָרפען פאַרשידענע ביכער.

——לייענט איר עטוואָס?—האָט רודיאָן געפרעגט יודלען, —ביי אונז, כ׳מיין, ביי אונזערער פּאַרטיי, איז מען געוואוינט ווע-ניג צו לעזען.

— פּאַרטיי-ליטעראַטור, בראָשורען. עפּעס אַנדערש איז מיר אונטער דער האַנט נישט געקומען.

—זענט איר שטענדיג, הייסט עס, געווען ווייט דערפון?

——אָ, מיין פריינט, איך בין געבוירען ביי אַ זעהר איידעלער פאַמיליע, נור די אומשטענדען האָבען מיך אַוועקגעריסען פון צו זיין דאָס, וואָס איך וואָלט אפשר געקאָנט זיין.

—דאָס ערפורטער פּראָגראַם האָט איר געלעזען!
—געהערט, נאָר איך האָב אַ קליינע אַנונג דערפון.
רודיאָן האָט אַ בליק געטון אויף יודלען און עס איז אים זעהר געפעלען זיין באַשיידענקייט און דאָס איידעלע, וואָס אין זיין פּנים איז געווען באַהאַלטען און ער האָט געזאָגט:
—איר קאָנט זיך נעמען צום לייענען, וואָס נאָר אייער האַרץ גלוסט. עס וועט פיל נוצען ברענגען אייך און אייער אַנשויאונג אויפ'ן לעבען.
—אָבער וואָס קומט דערויס—האָט יודעל אַ מאַך געטון מיט דער האַנט—אָנצונעמען איצט וויסענשאַפט פאַר מיר איז שוין צו שפּעט. דען דער קאָפּ, וואָס וועט די וויסענשאַפט אָננעמען, וועט דערנאָך מוזען אַראָפּנידערען צום גרוב. דער אורטייל וועט מסתמא גיך קומען.
—איר קאָנט נאָך אָבער נישט וויסען, וואָס דער אורטייל אייערער וועט זיין. איר דאַרפט וויסען, אַז לויט ווי איר האָט דערצעהלט, האָט איר זיך אַליין מודה געווען און דערפאַר ווערט די שטראָף פיל געמילדערט.
— גאַנצעגאַל—האָט יודעל געזאָגט—אויב איך האָב עס פּאַקטיש פאַרדינט וויל איך נישט אויסבעטלען דאָס לעבען.
—נו,—האָט רודיאָן אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט זאָגען:—אַ שאָד דאָס ביסעלע לעבען.
יודעל האָט גענומען די עטליכע ביכער, און באַדאַנקענדיג זיך רודיאָנען, אַרויס.

XXI

## צווישען דריי וועלטען.

רודיאָן און „סטאַלאָווי" זענען געווען די צוויי פּרעמדע, דאָך ליבע כּוחות פאַר יודלען. פון רודיאָנען האָט יודעל אָנ־געהויבען שעפּען וויסענשאַפט, רויגקייט, לאָגיק, און דאָס, וואָס שאַפט די סימעטריע פון לעבען. „סטאַלאָווי" האָט געוועקט אין אים דאָס פייערל, וואָס האָט געברענט אין אים, די אָפּפער־ליכקייט און הייסקייט פון זיינע אינערליכע פאַרלאַנגען.

מיט „סטאַלאָווין" האָט ער גערעדט איבער נקמה, איבער טעראָר, איבער דעם קלאָגענדיגען מצב פון די אַרבייטער. מיט רודיאָנען האָט ער גערעדט פון טעאָריעס און אַנשויאונגען אין סאָציאַליזם. נאָר יודעל האָט ליב געהאַט אי דעם, אי דעם אַנדערן. נאָך צו אַ דריטען איז יודעל צוגעפאַלען, דאָס איז געווען מענדיל. מענדלען האָט ער ליב געהאַט צוליב דער ווילדער אָפּפערליכקייט, צוליב זיין וואַנדערן, פון די יונגע יאָ־רען אָן, אין די תּפיסות און אין סיביר.

אָט די דריי באַזונדערע מענשען האָבען יודלען אַוועק־געריסען פון קליין - שטעטעלדיגער וועלט, אין וועלכער ער האָט פריער געלעבט. ער איז געוואָרען פעסטער, שטאַרקער אין ווייטגעהענדער אין זיינע געדאַנקען. אַצינד איז פאַר־שוואונדען געוואָרען פון אים דאָס שטעטיל און די אַלע מענ־שען, וואָס האָבען דאָרט געלעבט, און נור די שטוב-מענשען

האָבען אים געצויגען צו זיך מיט עפּעס אַ באַזונדער שטאַרקער בענקשאַפט. דריי פאַרשידענע וועלטען האָבען אויף אים גע-ווירקט. פון רודיאָנען האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך די רויגקייט און קלאָרקייט. רודיאָן פלעגט אים קלאָר מאַכען די סיסטעמען אין דער וועלט-שאַפונג, אַלץ באַגרינדעט מיט פאַקטען און עפּיזאָדען, און האָט דאָס סאָציאַלע לעבען פאַר אים אָוועק-געשטעלט קלאָר מיט איר עוואָליוציע און רעוואָלוציעס. געווען אויך צייטען, ווען רודיאָן האָט זיך אָנגעצינדען מיט אַן׳אינערליכען, שטילען פייער, דאָס איז געווען בעת ער האָט גערעדט וועגען דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. רודיאָן האָט אַליין געשריבען לידער אין פערזען, נאָר זיי זענען געשריבען געוואָרען מיט דערזעלבער גלייכגעוויכט פון זיין שכל, ווי זיי-נע אַרטיקלען.

מיט יודלען האָט ער גערעדט אַ סך און מיט אַ געוויסער וואַרעמקייט. רודיאָן האָט געפילט, אַז אויף יודלען פאַלען זיינע ווערטער, ווי טוי אויף גראָז און האָט דערפון געהאַט אַ געווי-סע צופרידענקייט.

אַז יודעל פלעגט אַוועק פון רודיאָנען, פלעגט ער זיך דערפילען ווי ניי-געבוירען. רודיאָנס בילדער זענען אים גע-שטאַנען פאַר די אויגען, רודיאָנס ווערטער האָבען אים באַ-גייסטערט. אַנדערש האָט געווירקט אויף אים „סטאַלאָווי״: יודעל פלעגט אַריין אין אַ באַגייסטערטען עקסטאַז. ער איז געוואָרען אָנגעצינדען צו יעדער אָפּפערווילליגקייט און דער טויט איז ביי אים געווען דאָס סאַמע לייכטסטע.

אין אַנדערע וועלטען האָט אים אַוועקגעטראָגען דער ווילדער, אָנגעליטענער מענדיל. מענדיל פלעגט זיך אַ וואָרף טון צו די קראַטען און זאָגען:

—אוי, ברודערל, ווען איך זאָל ווערען, צעריים איך דאָ די קראַטען! וואָס און ווער קאָן מיר שטערען צו זיין שטאַרק? אוי, אַז איך וועל אַרויס!

יודעל פלעגט אים באַטראַכטען. ער איז געווען ווילד און שטאַרק און האָט געמאַכט אַן׳איינדרוק פון אַ גרויס פייער,

וואָס קיינער וועט עס נישט איינלעשען. דאָס האָט אַוועקגע-
טריבען דעם יאוש, די אָפּטע נערוועזיטעט פון יודעלס פנים;
אַלע טויט-בילדער, וואָס ער האָט געהאַט פאַר די אויגען זענען
פאַרשוואונדען.

אַזוי אַרום האָט יודעלס לעבען אַנדערש אָנגעהויבען
קלינגען.. מער כח, מער באַרעכטיגונג האָט ער געקריגען
אין זיך אויף דעם פאַרגאַנגענעם און אין מער ליכטיגע פאַר-
בען האָט ער געזעהן זיין צוקונפט.

---

XXII

## אויך ברכה׳לע ענדערט זיך.

אויך ברכה׳לע איז געוואָרען שוין נישט די, וואָס איז געווען פאַר׳ן פּאַוויליאָן-לעבען. אָפּגעזעסען עטליכע וואָכען אין דער איינזאַמער שטילקייט, עס האָבען איר אויפגעהערט מאַטערען די היים-געדאַנקען, די שניידיגע טרערען, דאָס בענקען און וויינען נאָך דער פריי. טאָג טעגליך איז זי אויפגעשטאַנען פריה און זיך אַרייפקריגענדיג צום הויכען פענסטער האָט זי אַריינגעכאַפּט אין זיך די ריינע לופט, געקוקט דאָרט אַהין צום בלויען ווייטען וואַסער. זי האָט פּאַמעליך אויפגעהערט פילען, אַז זי קוקט אַרויס פון אַ פאַרשלאָסענעם צימער און עס האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז זי זיצט ערגעץ אין אַ רייכען שלאָס, אין אַ שלאָס פון אַ געליבטען. באַטראַכט די געגענד אַרום, האָט זי אָנגעהויבען קלאַפּען מיט די צאַרטע פינגער אין די ווענט, געקלאַפּט, גערופען, געוועקט. יודעל האָט איר געענטפערט מיט זיין ליב פינגער-קלאַפּען. עס האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז דאָס זאָגט ער איר אָן עפּעס אַ נייעס און נוטעס אין איר לעבען. אָט דאָס אָפּטע פינגער-קלאַפּען איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מין טרייע שפּראַך, אונטער וועלכע ברכה׳לעס נשמה האָט זיך דערהויבען. זי האַט וועניג איצט געטראַכט פון דער שטראָף, פון טויט, עס האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז זי איז עפּעס פעסטער און שטאַרקער ביי זיך.

עס האָט איר נאָרנישט געשראָקען, פאַרקערט, דורך יודעלס שטאַרקע טאַטען האָט זי די ליבשאַפט נאָך שטאַרקער גע־פילט. געווען צייטען, וואָס זי איז געוואָרען גרייט צו עפּעס אַ שטאַרקער טאַט און אַליין געוואָלט עפּעס מעכטיגעס אויס־פירען.

ברכה׳לע, דאָס קוזשניע־מיידעלע, איז פאַרשוואונדען און עס איז אויפגעשטאַנען אין איר די פאַרהאַרטעוועטע, רייפע פרוי. זי איז געוואָרען העכער, פעסטער אין אירע גלידער. אירע אויגען האָבען אָנגעהויבען רויגער צו קוקען, די באַוועגונגען אירע זענען געוואָרען לאַנגזאַמע און עס האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז קיינמאָל איז זי נאָך נישט געווען אַזוי זעלבסט־שטענדיג און אַזוי פריי, ווי זי איז היינט.

געווען צייטען, וואָס ברכה׳לע האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דעם וואַסער פון דער שעפּ, פון וועלכער זי האָט געטרונקען, און זיך דערזעהן אַזאַ פרעמדע, שטאַרקע פרוי, אויף וועלכע זי האָט נישט געגלויבט, אַז דאָס איז זי אַליין. און מערקווירדיג, איצט האָט זי געוואָלט זיין העלדיש, יעדע געפאַר וואָלט איר אויסגעזעהן אַ קלייניגקייט און יעדע שרעק האָט איר אויסגעזעהן גאָרנישט. און דאָס איז געווען צוליב איין זאַך: זי האָט געפילט, אַז געגענאיבער איר לעבט דאָרט איר טייערער יודעל. אָבער איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ווען זי זאָל אים איצט דערזעהן, וואָלט פאַר איר אַנ׳אַנדער מענש שטעהן: עפּעס נישט דאָס יונגעלשע, צאַרטע פנים, דער צווייטער ברודער, נאָר אַ פרעמדער, שטאַרקער, אַזעלכער, וואָס איז נאָך טייערער, ווי אַ ברודער.

אָט די אַלע בלינדע, איינזאַמע געדאַנקען האָבען עפּעס ברכה׳לען אָפּגעטריי־סעלט פון אירע אומבאַוואוסטע, קינדישע יאָרען. זי האָט טיפער אָנגעהויבען טראַכטען פון זיך, פון איר צוקונפט, פון איר גאַנץ לעבען.

XXIII

## די דיסקוסיע.

אַזוי ווי יודעל האָט געפילט, אַז אונטער דער וואָגס ענ־דערן זיך זיינע געפילען צו ברכה'לען און זי וואַקסט אויס פּאָר זיינע אויגען אין עפּעס אַ העכערע געשטאַלט, אַזוי האָט ער אויך געפילט, אַז רודיאָנס ווערטער פירען אים אַריין אין אַ נייער אומבאַקאַנטער וועלט. יודעל האָט אָנגעהויבען אַנדערש צו טראַכטען איבער'ן ״עבען. ער האָט געהערט צו יענע טיפ־זיניגע כאַראַקטערען, וואָס דאָס געפיל האָט זיך ביי זיי נישט געריכטעט לויט דעם בוך, וואָס זיי האָבען געלעזען. ער איז געווען טיף און אייגענאַרטיג.

עפּעס איינמאָל האָט רודיאָן מיט אים גערעדט איבער דער רעגעלמעסיגקייט פון זון־סיסטעם. נאָכדעם איז יודעל נישט געשלאָפען און אויף צומאָרגענס איז ער אַריינגעקומען צו רודיאָנען מיט אַ פראַגע:

—אָבער, מיין פריינט, איז נישט פאַראַן עפּעס העכערס, וואָס פירט אָן מיט'ן סיסטעם פון זונען און שטערען?

רודיאָן האָט אַ שמייכעל געטון:

—איר מיינט אַ גאָטהייט?

—ווען איך מיין נישט קיין גאָט—האָט יודעל געזאָגט—מיין איך עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן צעשמעטערען אָט דאָס גאַנ־צע רעגעלמעסיגע סיסטעם; אַזאַ קראַפט, וואָס איז שטאַרקער,

ווי די סיסטעמען, בעסער געזאָגט, איך גלויב, אַז ביי דער זייט פון אונזערע סיסטעמען הערשט אין לעבען אַביסעל סי-סטעמלאָזיגקייט. אוי, גאָט, ווי וואָלטען מיר אויסגעזעהן, ווען די געשיכטע פון אונזער לעבען וואָלט געהן אין איר גע-וועגליכען גאַנג! וואָלטען מיר שטענדיג געזעסען אויף אַ מין רויגען אינזעל און מיר וואָלטען פאַרגליווערט געוואָרען. טראַכט איר אַנדערש, חבר רודיאָן?

רודיאָן האָט אויפסניי אַ שמייכעל געטון און אַרויפלעגענ-דיג די האַנט אויף יודלען האָט ער געזאָגט:

—דאָס רעדט איר שוין פון אייער שטאַנדפונקט, פון טעראָריסטישען שטאַנדפונקט. איר פאַרטיידיגט נאָר די סיסטעם-לאָזיגקייט.

— אָ, נישט ריכטיג! איך פאַרטיידיג נאָר דאָס, וואָס איך זעה אין לעבען. איך בין געבוירען גאַנץ אומשולדיג. איך האָב פון מיינע קינדער-יאָרען פיינט געהאַט בלוט-פאַרגיסונג און דאָך האָב איך געמוזט ווערען דאָס, וואָס איך האָב קיינ-מאָל נישט געטראַכט צו ווערען.

—דאָס נישט-נאָרמאַלע לעבען באַשאַפט נישט-נאָרמאַלע באַדינגונגען—האָט רודיאָן געזאָגט און ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי איבערצייגען יודלען, אַז דאָס וועט אַוועק-געהן.

—דערווייל אָבער זעה איך אונזער לעבען און דאָס לע-בען פון דורות און דור-דורות רויט, בלוטיג-רויט. איך בין אַ קנאַפּער קענער, נאָר דאָס רויטע לעבען האָט זיך מיר אַזוי באַוויזען. אַ טיראַן האָט מיך אַמאָל אין מיינע קינדער-יאָרען געהאַלטען אויף די הענט און זיך מיט מיר געשפּילט. שפּעטער אָבער, ווען איך בין עלטער געוואָרען און האָב דערקענט, וואָס ער איז פאַר מיר, בין איך געקומען צום געדאַנק, דאָס איך מוז אים אומברענגען. מיט וואָס וועט זיך די זאַך פאַר-ענטפערן?

—דאָס איז אָבער אויפרעגונג, ברודערקע, מיר מוזען באַהערשען דאָס געפיל פון איינציגער נקמה—האָט רודיאָן הארט,

דאָך מילד גערעדט—מיר מוזען קעמפּען געגען אַזאַ און אַזאַ סיסטעם, אָבער נישט געגען אַזאַ און אַזאַ מענש.

—און ווי אַזוי פאַרהאַלט זיך די לאַווע אין איר וואול- קאַנישען אויסברוך? קאָנט איר דיקטירען אייער רויגקייט?

—נור דאָס זענען בלויז טיילען פון דער ערד. די טייל ערד רופען מיר ווילדע, אָדער קראַנקע.

—אָבער פאַר דער טייל שרעקען זיך מענשען דאָרט צו באַזעצען. די וואולקאַנישע ערד איז די בעסטע.

רודיאָן און יודעל האָבען דיסקוטירט האַרט, טיילמאָל בייז. נאָר ווען יודעל איז אַוועק האָט ער געפילט אַ שטילע דאַנק- באַרקייט פאַר אים, דען אַ דאַנק רודיאָנס רויגקייט האָבען זיך איינגעשאַרפט זיינע צאַרטע, הייסע באַגערען.

XXIV

## דאָס ווייסע לעבען.

עס זענען געגאַנגען די טעג און נעכט לאַנגזאַמע, פּאַמע־לעכדיגע, ווי עס צ׳ען זיך אומפּאַרביגע, איינטאָניגע פּע־דים, דער היינט איז עגליך געווען צום נעכטען און דער נעכטען האָט קיין אַנדערע פאַרבען נישט געהאַט, ווי דער היינט.

די אַרעסטירטע ווערען צוגעוואוינט צו דער שטילקייט פון פריה מאָרגען און די זיפצען ביי דער נאַכט. נאָר בייטאָג געהט מען אַרויס פון די איינציגע קאַמערען און מען קומט זיך צונויף אין אַ שמועס, אַמאָל פאַלט מען אַריין אין אַ די־סקוסיע, אַמאָל אָבער הויבט יעדער אָן פאַרצעהלען פון זיין לעבען אין דער לעצטער צייט.

אַזוי זענען זיך די אַרעסטירטע איינמאָל צוזאַמענגעקומען און אָנגעהויבען רעדען וועגען פאַרשיקונגען אין סיביר. דער „שוואַרצער״ און מ. נדיל, וואָס האָבען פון ווייסען, טויטען לע־בען געהאַט צו פאַרצעהלען אַ סך זענען געווען די הויפטרעד־נער.

עס איז דאַן געשטאַנען איינער פון די שטילסטע פאַר־נאַכטען, דער גרויסער קאַמער איז ביסלעכווייז פאַרדעקט געוואָ־רען פון טונקעלען נאַכט־שאָטען. און די אַרעסטירטע האָבען זיך צעלעגט איבער די בענק: פון איין זייט רודיאָן; אַנגעשפּאַרט

אויף אַנ׳עלענבויגען, האָט זיך באַקוועם געמאַכט דאָס אָנטון און מיט אַ רויגען שמייכעל זיך פּאַרטראַכט אויפ׳ן פּנים פון אַקעגענאיבערדיגען חבר דעם „שוואַרצען", וואָס אנגעטון אין קייסען האָט צעצויגען וואָס מעגליך מער די הענט אַזוי, אַז די קייטען האָבען זיך שוין מער נישט געקאָנט אויסציען און ער האָט זיך צעלעגט אויף דער וואַנט.

מענדיל האָט זיך ווילד אַוועקגעוואָרפען אין אַ זייט, געקעמט מיט די פינגער די האָר און געוואָרט; „סטאַלאָווי" האָט פאַרלעגט אַ פוס אויף אַ פוס און אויסציענדיג פּזראויס דעם האַלבען קערפּער האָט ער געדן געהערט, וואָס ווער עס האָט עפּעס דערצעהלט. דער „שוואַרצער" האָט מיט איינמאָל אַ שאָס אויס געטון:

—סיביר, די טונדרען, איך קאָן זיי מער, ווי דאָס גאָלדענע וויגעלע פון מיין קינדהייט. אוי, סיביר, סיביר, וואָס האָב איך דאָרט אַדורכגעמאַכט! ער האָט אַ וויש געטון די לאַנגע וואָנסען און ווייטער געזאָגט:

—איך וועל אייך איצט נישט פאַרצעהלען פון דער מינוט, ווי איך האָב פאַרלאָזט דאָס פּריצישע הויז פון מיין פּאָטער, דאָס וואָלט דויערן צו לאַנג. איך וועל אָנהויבען פון די מינוטען, וואָס איך בין אַריין אין ווייסען לאַנד אַריין. עס איז באמת שטענדיג אַ ווייס לאַנד דאָרט און עס גלוסט זיך אַ סך מאָל שטאַרבען, נאָר, וואָס מען לעבט איבער אַלץ... איך בין געקומען אַהין מיט 10 יאָר צוריק, איך און נאָך 6 פאַרשיקטע. מיר זענען געווען באַקאַנט, איך, קאַצפּערסקי, אַ זוהן פון אַ פּוילישען גוט-באַזיצער, סולימאַ דער שרייבער פין גמינע און קאַצפּשאַק דער בורמיסטש, אַ זעלטענער מענש, אַ איידע פון אייניגלעך. טאָג-טעגליך האָט אונז דער „קאָנאָוואָי" געטריבען צו דער אַרבייט, באַגינען טיף אין וואַלד אַריין האָלץ האַקען. מיר זענען געשטאַנען אין וואַלד און געפרוירען. פון צייט-צו-צייט איז אַדורך עפּעס אַ ווילדע חיה, אָדער אַ הערש און פאַרשוואונדען. דאָס לעבען איז אַזוי לאַנגווייליג געוואָרען, דאָס עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז היינט, מאָרגען שטאַרבען מיר, נאָר

מען האָט עס אויסגעהאַלטען. אָט אַ שטייגער האָט פּאַסירט מיט מיר אַזאַ מין געשיכטע: איך שטעה אַזוי איינמאָל אין וואַלד איינער אַליין, דער „קאָנאָוואָי“ איז נישט געווען און איך האָב מיר ערלויבט צו מאַכען אַ פּאָר טריט ווייטער אין וואַלד אַריין, און פּלוצלינג קוק איך מיך אום, איך דערקען נישט דאָס אָרט פון וואַנען איך בין געקומען: ווייסקייט און לערקייט אַרום. איך רוף—קיינער ענטפערט נישט, איך שטעה, פּריר און שריי, נאָר קיינער הערט מיין שטים נישט. איך געה ווייטער, עס פאַלט צו די נאַכט. ווייסקייט און שטילקייט אַרום. איך גראָב מיך איין אין שניי אויף איבערנאַכט. שטיל און קאַלט. דער סיבירער טאָג—עס איז קיין טאָג נישט, נאָר עפּעס אַ קליינע צייט פון גרויער ליכטיגקייט. די ליכטיגקייט פאַר־שווינדט שנעל. און איז נאָר אַביסעלע ליכטיג געוואָרען, כ׳בין אַרויס פון שניי, דערזעה איך אַ מאָדנע ערשיינונג פאַר מיר: דאָס איז געווען עטליכע ווילדע, וועלכע מען רופט וואַלד־מענשען, זיי געהען אַרום אין די וועלדער און טראָגען די קינדער אויפ׳ן אַקסעל, און טרעפען אַנ׳אונזעריגען צערייסען זיי אים אויף שטיקער. אַ שוידער נעמט מיך דורך, איך שטעק אַרויס דעם קאָפּ און ציה אים אַריין צוריק. מיט עטליכע מינוטען שפּעטער האָב איך פון ווייטען דערהערט דאָס ווילדע שרייען און רופען זייערס. איך געה אַרויס פון שניי־גרוב און בלאָנדזשע אַרום איבער דער וויסטקייט ביז נאַכט. ביינאַכט האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ היץ און אַ קעלט, איך בין אַריין אין שניי־געצעלט, איך בין פיבערהאַפט איינגעשלאָפען און געהאַט מאָדנע זיסע און שרעקעדיגע חלומות.

דריי טעג זענען געווען אַזעלכע, איך האָב מיך שוין אויף קיין לעבען מער נישט געריכט. איך בין אַרויף אויף אַ בוים און פון דאָרט געשריען, געוויינט און גערופען. עס איז צוגעפאַלען די דריטע נאַכט. איך שלאָף איין, איך ווייס, אַז עס איז נאַכט, נאָר איבער מיינע אויגען שיינט אַ זון. די ביי־נאַכטיגע צפון־שיין בלענדעט די אויגען מיט ליכטיגקייט. פּלוצ־לינג דערהער איך ווידער אַ שרייען, איינס פון די ווילדסטע

באַשעפּעניש — דער ווייסער בער — ער שרייט, מרוט־שעט, אַז דער וואַלד ציטערט. אַלץ וואַרפט זיך אין מיר, אַלץ. פּלוצלינג האָב איך דערהערט פון ווייטען אַ קול פון אַנ׳־אייגענעם. איך האָב דערקענט, אַז דאָס זענען עטליכע פון „קאַנאַוואַי״ איך האָב אַ פרעהליכען געשריי געטון. איך האָב גע־פילט, אַז איך בין שוין האַלב אָפּגעשטאָרבען פון הונגער און קעלט. איך בין אַראָפּ פון׳ בוים. איך בין געווען מיד און האָב נישט געפילט די אייגענע גלידער. די פרייז׳ אָבער, בעת איך האָב די מענשען דערזעהן, האָט מיך צוריק אויפגעלעבט. איך האָב פאַרברענגט אין דער ווייסער וועלט גאַנצע צעהן יאָר. איינמאָל אָבער האָב איך זיך אַנטשלאָסען צו לויפען טעג, וואָכען ביז איך וועל קומען צו עפּעס אַ ישוב. ערשט דאַמאָלס האָב איך דערפילט אין מיר אַ כח צו אַנטלויפען. און איך בין געלאָפען טיפער, טיפער אין דער וועלט אריין. אָפּגעמאַטערט זיך אין וועג 6 חדשים, האָב איך פּלוצלינג דערזעהן פאַר מיר דעם רויטליכען פּאַס הימעל פון מיין יוגענד־היים. איך האָב אַ פרעהליכען געשריי געטון איך בין גליקליך געווען, נאָר אין דער מינוט האָט מיך איינער פון די פּאָליציילייט דערקענט און מען האָט ווידער פאַרלעגט די קייטען אויף מיינע הענט און פיס. אַזוי, מענשען, האָב איך מיך אָפּגעמאַטערט 10 יאָר—זעהט איר די הענט און פיס, וואָס זענען פון קייטען אָפּגעריבען? זעהט איר דאָס מידע, שוואַרצע פנים מיינס, זעהט איר די באַוואָקסענקייט, ווי פון אַ חיה?

דער „שוואַרצער״ האָט אויפגערעגט גערעדט און זיין שטים האָט זיך היסטעריש צעוויינט.

די אַרומיגע האָבען אים אויסגעהערט, און פון צייט־צו־צייט האָט זיך אַ שווערער זיפץ ארויסגעריסען פון אַנ׳אַנדערענס האַרץ.

— אַצינד זאָל אָט דער חבר פאַרצעהלען — האָט רודיאָן געבעטען מענדלען. מענדיל האָט זיך ווילד א הויב־אויף געטון און אַ פּאַטש טוענדיג מיט אַ האַנט אין קני׳ האָט ער גע־זאָגט:

—איך וועל באַלד אָנהויבן פון קליינעם באַשקירען-שטי-בעל. פאַרהאַנען אַ דאָרף אין סיביר, באַקוטאַ הייסט עס, אַ ווילד פאַרוואָרפען ווינקעל, אַנ׳אָרט, וואָס ליגט סך-הכל אַ שטי-קעל וועג׳ס פון אייז-ים, וואוינט דאָרט אַ קליין הייפעל באַש-קירען, שטילע שלעפעריגע מענשען, וואָס ערנערען זיך בלויז פון פיש-פאַנג און וואַסער-שלאַנגען. די מענשען עסען איינ-מאָל אין טאָג, שלאָפען נאַקעטע אין שניי, און ביקען זיך פאַר אַ קאָפ פון אַ פיש און פאַר אַ שעפּסענקאָפּ. דאָס הויז, וואו איך און נאָך עטליכע פאַרשיקטע האָבען געלעבט איז גע-ווען דאָס הויז פון אַ באַשקיר מיט׳ן נאָמען לעמאַ, אַ קליי-נער פאַרשוין אָנגעטאָן אין אַ פעל. לעמאַ איז געווען אַ כשוף-מאַכער, אַ וואָרזאָגער און אַ רעדנער פאַר׳ן פאָלק. ער האָט ביים כשוף אָנגעצונדען פייער, געפּויקט אויף אַ פּויק, גע-טאַנצט, געבענטשט אָדער געשאָלטען. טיילמאָל איז ער אריינגעפאַלען אין אַ טיפען שלאָף און דאָס, וואָס ער האָט גערעדט פון שלאָף האָבען מענשען אָנגענומען פאַר אַ כשר׳ען אמת. לעמאַ איז געווען אַ גוטער אין דער נאַטור און איז אונז אַ סך מאָל צו נוץ געקומען. אונז איז אַשטייגער נישט ערלויבט געווען אַריבערצוגעהן פון איין דאָרף אין צווייטען, האָט לעמאַ אונז פאַרטיידיגט, אַז מיר זענען אַוועק אין וואַלד נאָך האָלץ, אָדער אויף יאַגד. לעמאַ האָט אונז געדינט שטענ-דיג מיט זיין וואַרימען אויוועון; ער האָט אונז געשפּילט און געזינגלען און אַ סך מאָל האָט ער אונז מיטגענומען אויף חתונות. געוואוינט אין דעם דאָרף האָבען מיר זאַלבעפיפט: איך, דער פעלדשער נאָסקע, אַ זעלנער פון מיטעלרוסלאַנד, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרען פאַר אַגיטאַציע, פריילין „אָווטשאַרעק" פון פוילען, אַ געשוואוירענע טעראָריסטקע, וואָס איז אַלץ פרוי נישט פאַר׳משפט געוואָרען צום טויט, נאָר אויף אייביגע קאַטאָרגע. „ברונעט", אַ סטודענט פון פאָליטעכניקום און „אָווסיי" אַ לאַטיש, אַנ׳ענערגישער, הויכער פאַרשוין אין ברילען. אַלע האָבען מיר געוואוינט אין דעם אייגענעם דאָרף, נישט ווייט איינער פון צווייטען, מיר האָבען זיך געטיילט מיטן

עסען און טרינקען און צוזאַמען פאַרבראַכט, דען ראָס לעבען איז ביי אונז געווען אַחעקגעשטעלט אַזוי, דאָס מיר האָבען נישט געקאָנט לעבען איינער אָהן צווייטען. זומער-צייט האָבען מיר אָנגעטון מאַסקעס, כדי די פליגען זאָלען אונז נישט ביי-סען. מיר האָבען געקלעטערט אין וועלדער איבער די בערג, געשיפט איבער די וואַסערען; ווינטער האָבען מיר זיך גע-יאָגט נאָך ווייסע בערען, אַ סך מאָל זיי געפאַנגען און געגע-סען זייער פלייש. געווען אָבער צייטען ווען די ווייסע בערען האָבען באַלעגערט אונזער הויז און שיער אונז אַליין נישט פאַרציקט.

אָט געדענק איך אַזאַ מין געשיכטע: באַגינען, מיר ליגען נאָך אויף די געלעגערס און דערהערען מיר פלוצלינג אַ מרו-טשען און שרייען. מיר וועקען זיך אויף און כאַפען זיך צו די ביקסען און מעסערס. די געפאַר איז אָבער אַרי-בער. די בערען האָבען נאָר אויפגעגעסען די ביינער פון גע-פאַנגענע קאַטשקעלעך, וואָס זענען געהאָנגען אין פאָדער-הויז. מיר טוען זיך אָן און לויפען נאָך די בערען. איך און „אָווטשאַרעק״, וואָס טראָגט העלדיש איר ביקס, ווי אַ מאַנס-פאַרשוין, זי איז אָנגעטון אין אַ וואַרעמען פעלץ, טראָגט אויפ׳ן קאָפ אַ רונד היטעלע און איר פנים איז ראָז-בלאַס און שטאַרק. נעבען אונז—„ברונעט״ מיט אַ מעסער און נאָסקע מיט אַ קינ-זשאַל. מיר לויפען פאָראויס אויף בערגער און טאָלען, מיר לויפען און רוען אָפּ. „אָווטשאַרעק״ באַגייסטערט אונז אַלעמען מיט איר שטאַרקייט, וואָרום געקומען איז זי אַהער אַנ׳איידע-לע, צאַרטע פרוי, וואָס האָט געמאַכט אַנ׳איינדרוק, אַז זי וועט נישט אויסהאַלטען דעם טאָג, דאָך האָט זי זיך צוגעוואוינט און איז געוואָרען אַנ׳עכטע סיבירערין.

אַזוי זענען מיר פרעהליכע געלאָפען ביז פאַרנאַכט. מיר האָבען זיך געזעצט אָפּרוען און געטראַכט באַלד צוריק צו געהן, ס׳האָט זיך אָבער זעהר שנעל צוגעגערוקט אַ ליכטיגע, העלע נאַכט. די לבנה האָט העל באַשיינט די ווייסע, רויגע וועלט, די שטערען האָבען אויסגעזעהען, ווי זיי וואָלטען הענ-

גען נידעריגער פון דער ערד.

מיר זענען געזעסען אונטער אַ הויכען שניי-באַרג, גע-זונגען, דערצעהלט מעשיות און צוגעפייפט, עס איז געווען אַזוי פרעהליך און גוט אויפ'ן הארצען, דאָס עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז צוריקקערען דאָרט אויף דער פרייער וועלט וואָלט געווען דער גרעסטער פעהלער און נאַרישקייט, איבערהויפט האָט אונז אַלעמען געהאַלטען „אָווטשאַרעק“, זי איז געווען אין איר ליבע אַ באַהאַלטענע און שטילע, זי האָט אַ כך מאָל דערצעהלט פון אַ געשטאָרבענעם פאַרליבטען נאָך וועלכען זי האָט געוויינט און האָט געמאַכט אַנ'איינדרוק, אַז זי איז נישט קיינעמס פון די אַרומיגע. זי האָט געטראָגען עפּעס אַ געוויסען פאַמיליען טרויער אין הארצען, מיט וועלכען זי האָט זיך מיט קיינעם נישט גע-וואָלט טיילען און געזיפצט פאַר זיך אַליין.

אין דער צייט, וואָס מיר זענען אַזוי געזעסען האָבען מיר באַטראַכט „אָווטשאַרעק“. זי איז דאָסמאָל געווען אַזוי טרויעריג און אומעטיג, און אירע אויגען האָבען געקוקט אויפ'ן הויכ'ן, באַרפּרוירענעם שניי-באַרג פונקט, ווי זי וואָלט דאָרט עפּעס אויסבעטען. „ברונעט“ איז געזעסען נעבען איר און גע-האַלטען איר קאַלט ביי דער טאַליע. נאָסקע איז געזעסען אַ ביסעל אָפּגערוקט פון איר, „אָווסיי“, איז אַרומגעגאַנגען מיט די הענט אין די קעשענעס און אונטער זיינע פיס האָט דער שניי געסקריפּעט. איך אָבער בין אַוועק פון זיי אַ טריט הונדערט און געגאַנגען נאָענט צום וואַלד, נײַכגעשפּירט צי קלויבען זיך קיין בערען נישט דאָ אַרום? ווען איך בין אַזוי געשטאַנען פון ווייטענס, האָב איך דערהערט אַ קראַך פון אַ באַרג אייז, וואָס איז פּלוצלינג אַראָפּגעפאַלען. איך בין צוגעלאָפען צום אָרט פון מיינע חברים. קיין שפּור פון קיין מענש, אַלע זענען פאַרשאָטען. איך האָב אָנגעהויבען שרייען קיינער ענטפערט נישט, איך האָב זיך פונאַנדערגעוויינט.

— — — — — — — — — — — —

איך האָב פון איצט אָן אָנגעהויבען צו פירען אַ מאָדנע

לעבּן. די פאַרשטאָטענע זענען מיר נאָכגעגאַנגען, ווי שאָטענס בייטאָג, און ווי אַ חלום בּיינאַכט. איך פלעג אַ סך מאָל געהן דאָרט אַהין זיך אַוועקזעצן, עס פלעגט זיך מיר אויסדוכטען אַ סך מאָל, אַז עמיץ רעדט, פרעגט זיך עפּיס, דאָס זענען אָבער געווען מיינע אייגענע ווערטער.

בין איך געבּליבּען אַליין. אין דאָרף האָב איך נישט גע-האַט מיט וועמען צו רעדען, סיידען מיט מיין בעל-הבית, וואָס האָט שטענדיג דורך פייער געמאַכט זיין כשוף. עפּעס האָט אין מיר געוויינט, געצויגען ביים האַרצען, די שטילקייט און ווייס-קייט האָט מיך שיער נישט פון זינען אַראָפּגעפירט.

בין איך אַוועק פון דעם דאָרף וויאָרשטען, מיילען ווייטער. געווען צייטען ווען מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך בין שוין אינגאַנצען דערפרוירען, נאָר נישט מער, וואָס דאָס האַרץ פּיקט נאָך אין מיר. געפאַלען, זיך אויפגעהויבּען. דער ווינט און די זאַווערוכע האָבּען מיך וויאָרשטענווייז געטראָגען. פּלוצלינג דערזעה איך פאַר מיר עטליכע הייזער—דאָס דאָרף טאַבּוכאַ. איך בין אַריין אין דעם דאָרף פאַרנאַכט, ווען דער סי-בּירער פרויער שלאָפט שוין פעסט, דאָרט בּילען נישט קיין הינט פון ווייטען, דאָרט הערשט אַ נאַכטיגע, טויטע שטילקייט און נאָר דער ווינט שפּילט אויף זיינע ווילדע סטרונעס. אָט בּלאָזט ער אָן דאָ אַ בּאַרג שניי, אָט ווערט דער בּאַרג אַוועק-געטראָגען אויף אַן׳אַנדער אָרט. פון צייט-צו-צייט הערט מען נאָר עפּעס אַ מעקען פון אַ ציג, אָדער הערש אין אַ שטאַל אין עס דוכט זיך אויס, אַז מען איז פאַריינגעפאַלען אין אַ ווייסען אייביגען גיהנם. איך בּין שטעהן געבּליבּען און געטראַכט, וואו און אין וועלכען הויז פריער אָנצוקלאַפּען. איך האָב פאַר זיך פלוצלינג דערזעהן אַ הויז אַרומגעוויקעלט אינגאַנצען אין שטרוי. אין פאָדער-הויז איז געלעגען אַ חיה אויף אַ קייט, איך האָב נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז. איך האָב מיך איינגע-הערט, די קייט האָט טעמפּ געקלונגען. איך האָב אָנגעקלאַפּט. דאָס איז דער „קאָנאָוואָי״, וואָס היט די אַרעסטירטע זאָלען נישט

אַנטלויפען פון איין דאָרף אין צווייטען.

— דו האָסט אַנ'ערלויבעניש צו קומען אַהער? — האָט געפרעגט דער עלטסטער פון „קאָנאָוואָי", אַ נידעריגער, גע-שטופּעלטער פאַרשוין מיט אַ לאַנגען רעוואָלווער אין דער האַנט.

איך האָב מיט זיך גאָר נישט געהאַט, איך האָב נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערען, איך בין שטעהן געבליבען מיט קאַלטע אויגען. דער „קאָנאָוואָי" האָט מיך אָנגעכאַפּט און געבונ-דען. דערנאָך האָט ער מיך, ווי דער שטייגער זייערער, אַריינגעפירט אין אַ שטאַל און צוגעבונדען צו איינעם פון די אייזערנע רינגען פאַר בהמות. ווען איך האָב מיך ארומגע-קוקט אין שטאַל האָב איך דערזעהן נעבען מיר אַ פרוי פון אונזערע פאַרשיקטע, וואָס איז אויך געבונדען געשטאַנען. איך האָב אַ ציטער געטון, דאָס איז געווען אַ מענש אַ האַלב-טוי-טער. דאָס פּנים און די אויגען פאַרשטאַרט, די האָר באַשאָ-טען מיט שניי, נאָר די ליפּען און די הענט האָבען זיך קוים באַוועגט. זי האָט געשעפּטשעט עפּעס אומפאַרשטענדליכעס. איך האָב געוואָלט אויסציִען צו איר די הענט, נאָר איך אַליין בין געבונדען. און עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, קוים שטעה איך דאָ מיט איר נאָך איין טאָג בלייב איך אַזאַ טויטע בריאה, ווי זי.

איך בין געשטאַנען אַ טאָג און געפילט, אַז מיט דער נאַכט וועט קומען אויף מיר דאָס שרעקליכסטע. ביינאַכט האָב איך געפילט אַ שטאַרקע קעלט און היץ, אַ געפרוירענקייט און דורך דער געפרוירענקייט האָט מיך געפּייניגט אַ שרעקליך גע-פיל וועגען דער פרוי, וואָס שטעהט אַזוי עלענד און גע-שטאָרבען. איך האָב באַוואויגען די פיס, נאָר זיי זענען געווען, ווי נישט מיינע. איך האָב באַוואויגען מיט די הענט נאָר זיי האָבען מיר אויסגעזעהן נישט קיין אייגענע. ווי איך בין אַזוי געשטאַנען איז פלוצלינג אַריין דער „קאָנאָוואָי", ער האָט מיך אָפּגעבונדען און אַרויסגעפירט פון שטאַל. דריי פאַרשוין האָ-בען מיך אַרומגענומען פעסט און אַרויפגעלעגט אויפ'ן קליינ:ם

פירעל, וואו אַ קליינע, דאַרע קליאַטשע איז געווען איינגע־שפּאַנט. זיי האָבען געוואָלט אָפּבינדען די פּרוי און אויך זי מיטנעמען נאָר עס איז שוין נישט געווען ווען... זיי האָבען זי געלאָזט ליגען אויף דער ערד.

—הלואי וואָלט דער אויך געפּרווירען געוואָרען—האָט איי־נער אַ מאַך געטון מיט אַ האַנט.

—היינט, שלעפּען זיך אַרום אויף דער וועלט און מען מוז זיי נאָך אָפּהיטען, אַז דער טייוועל זאָל זיי כאַפּען!

—איך וואָלט אים פון דאַנען נישט גערירט—האָט ווידער אַ צווייטער געזאָגט,—וואָלט ער געמענט שטאַרבען, ווי די פּרוי, וואָרום נאָך וואָס שיקט אונז די רעגירונג די מענשען אַהער?

— אספרע בנאמנות, אים איצטער צו לאָזען און נישט אַיועקפירען אויפ'ן זאַמעל־פּונקט פון אַנטלאָפּענע — האָט דער דריטער געזאָגט—נאָך וואָס ברעכען די פיס, זאָל ער פּגר'ן, ווי אַ ציג!

—זאָל ער פּגר'ן;—האָט נאָך איינער צוגעגעבען—זאָל ער פּגר'ן, אָבער אַוועקפירען אַהין וועלען מיר אים.

די אַלע האָבען מיך אַ לעג אַרויף געטון אויפ'ן פּירעל. דער ווינט האָט געבלאָזען, דער שניי האָט זיך געדרעהט, ווי טויזענטער משוגענע לייקעס, איינער דעם צווייטען האָט נישט געזעהן. און עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז אָט־אָט פריר איך, עס פרירען מיר די פיס און די הענט, דער גאַנצער קערפּער. אָבער שפּעטער האָב איך אָנגעהויבען פילען, אַז עס איז מיר שוין נישט קאַלט, און איך פיל גאָר נישט און קאָן גאָר נישט טון אַפילו אָטעמען קאָן איך נישט. פּאַמעליך זענען מיר אויסגעגאַנגען די כחות דאָס האַרץ האָט מער נישט געקלאַפּט, די אויגען האָבען גאָר נישט געזעהן.

— איר הערט, ער שטאַרבט אָפּ פאַר אונזערע אויגען — האָט איינער געזאָגט.

— לאָמיר אים אַראָפּוואַרפען אויפ'ן וועג אין וואַלד—האָט אַ צווייטער געזאָגט—דער שניי וועט אים פאַרשיטען און קיינער וועט נישט וויסען.

איך האָב נאָך אָבער געלעבט, קיינער האָט מיך נישט אראָפּגעוואָרפען, נאָר ווען איך האָב די אויגען געעפענט האָב איך מיך דערזעהן אין אַ שטוב.

— — — — — — — — — — — — — —

אין דער דאָזיגער שטוב האָב איך מיך אַביסעל אויפגעהייטערט און דערוואַרעמט. די שטוב־מענשען זענען געווען נישט קיין געבוירענע סיביריאַקעס, נאָר זיי האָבען דאָ שוין זעהר לאַנג געוואוינט. דער פאָטער „ציגאַנאָק“ אַ קריסט מיט קנייטשען אויפ'ן פּנים און מיט די לאַצען פון חעמד אויפגעריסען, איז אַהער פאַרשיקט געוואָרען מיט אַ פּרוי פאַר אַ גנבה. מיט דער צייט, לעבענדיג דאָ צוזאַמען מיט די פּאָליטישע אַרעסטירטע, זענען זיי געוואָרען אַנדערע און די קינדער, וואָס זיי האָבען דאָ געבוירען, האָבען מיט די פּאָליטישע זעהר גוט געלעבט. די טאָכטער „ציגאַנאָקס“ אַ בליאָנד, שטיל מעדעל האָט אין איר אויסזעהן פאַרמאָגט עטוואָס מילדעס און גוטעס. זי האָט מיר דערלאַנגט, וואָס צו עסען און טרינקען, בין איך דאָרט אָפּגעזעסען ביז פאַרנאַכט. דער „קאָנאָוואָי“ איז פאַרנאַכט אַוועקגעגאַנגען אין וואַלד אַריין קלויבען האָלץ. די שטוב־מענשען זענען צו מיר צוגעקומען און דער פאָטער, וואָס האָט מיר דערלאַנגט אַ שטיק געבראָטענע פיש האָט געזאָגט:

—איך וועל אייך העלפען אַנטלויפען. דאָס אַנטלויפען זאָל געשעהן דאַמאָלס, ווען איר וועט אַרויס פון מיין שטוב. איך און מיין טאָכטער וועלען אייך אַוועקפירען אויף אַזאַ וועג, וואָס וועט אייך ברענגען צו דער אייזענבאַהן און פון דאָרט אין אַ גרויסע שטאָט.

ס'איז אָנגעקומען דער „קאָנאָוואָי“, וואָס האָט מיטגעברענגט מיט זיך עטליכע פּאָליטישע אַרעסטאַנטען, וועלכע מען האָט באַדאַרפט אַוועקפירען אין נאָנטען דאָרף אַריין. דער עלטסטער האָט אַ געשריי געטון:

—קום!

איך בין אויפגעשטאַנען פון אָרט. איינער פון זיי האָט

מיר געשלאָסען די הענט און איך בין געגאַנגען שטיל. אין דרויסען איז געווען אַ פינסטערניש מען האָט פאַר עטליכע טריט פון זיך נישט געזעהן דאָס הויז, און אַפילו נישט דאָס שטוב-פייערל.

דער „קאָנאָוואָי" האָט אָנגעלאָדען די ביקס, מיך גע-הייסען געהן פאָראויס און געזעגענט זיך מיט די שטוב-מענ-שען. דער פאָטער און די טאָכטער אָבער זענען שטילערהייט נאָך מיר נאָכגעגאַנגען, און ווען מיר זענען געקימען אַ וויאָרשט צוויי פון הויז, האָט מיך איינער פון די ביידע אַ ציה געטון ביי דער האַנט און איך בין מיט שנעלע טריט אַוועק אויף לינקס.

עטליכע מינוט האָט דער „קאָנאָוואָי" נישט געוואוסט פון מיין אָפּוועזענהייט, ערשט אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט מען דערפילט, אַז איך בין נישטאָ, האָבען די ביקסען-שאָסען אָנגעהויבען זיך צו הערען פון אַלע זייטען, רעכטס און לינקס.

„ציגאַנאָק" האָט דערווייל אָפּגעשרויפט די שווערע רינגען פון מיינע קייטען און מיך באַפרייט. איך האָב זיך צוקושט אי מיט׳ן פאָטער, אי מיט דער טאָכטער און בין געלאָפען אין איין ריכטונג. איך האָב גאָר נישט געזעהן פאַר זיך, איך האָב נאָר געפילט די גרויסע פליאַמעס שניי, וואָס האָבען געקלאַפּט און געשמיסען אין פנים אַריין. פון צייט צו צייט האָט זיך גע-הערט אַ שאָס שטאַרקער, שוואַכער און גאָר שוואַך. איך בין אַזוי אין איין אָטעם געלאָפען אַ גאַנצע לאַנגע נאַכט.

פאַרהאַנען אין דער געגענד פון יאַקוט אַ וואַלד, וואָס פון אויסען זעהען זיך הינדערטיעריגע, ווילדע בוימער, אינ-וועניג אָבער וואוינען מענער, פרויען און קינדער, וואָס ערנע-רען זיך פון וואָרצלען און ווילדע צווייגען. די דאָזיגע מענ-שען געהען וואָכען און חדשים אַרום מיט די קינדער אויף די אַקסלען, בלאָנדזשען און וואנדערען און וועה צו דעם באַ-שעפעניש, וואָס פאַלט אַריין אין זייערע הענט.

נישט איינער פון אונזערע פּאָליטישע האָט אָבער דעם

וואַלד געקאָנט. מען האָט געקאָנט די סכנה און מען האָט זיך געהיטען צו געהן אין אים און נעבען אים, ווי מען היט זיך פאַר פייער, דאָך זענען טויזענטער פאַרשיקטע אין אים אום-געקומען. אַ קעלט און אַ ציטערניש האָט מיך אַדורכגענומען, איך האָב מיך פון אָרט נישט גערירט. איך האָב דערזעהן פאַר זיך אַ לעדיגען בוים, בין איך אין אים אַריין. די ווילדע האָבען זיך דערנענטערט מיט אַ שטים וואָיען און ריטשען און האָבען זיך צולעגט אַרום דעם בוים. איך האָב געציטערט פון קעלט און שרעק און געסטאַרעט זיך נישט אָפּצוטעמען. איך בין איינגעשלאָפען, נאָר פון שלאָף האָט מיך אויפגעריסען דער רויטער אָפּשיין פון צפון-ליכט, וואָס לייכט אויף ביינאַכט, ווי אַ זון. איך בין אונטער דעם איינדרוק געלעגען מיט פאַר-מאַכטע אויגען. מאָדנע חלומות האָבען זיך געפּליאָנטערט אין מח ביזן פרימאָרגען, ווען איך בין אַרויס פון פאַרבאַהעלטעניש און געלאָזט זיך געהן אין אומבאַקאַנטען וועג אַריין, אין גיכען האָב איך אָבער דערזעהן די רעלסען פון אַ באַן און אַ באַן-סטאַציע.

אַ קליין סיבירער הייזעל ליגט די העלפט אין שניי און אַ קליין דין רויכעלע וויקעלט זיך אַרויס פון קוימען, דאָס איז די סטאַציע. אינווענינג זענען אַרומגעגאַנגען צוויי באַן-באַאַמטע אין געלע פוטערס מיט לאַנגע קעלנער איבער די אויערן. אין דרויסען איז געשטאַנען אַ טונקעלער נעפּעל די פייערן פון זייערע לאַמטערנעס האָבען אַרויסגעשיינט דורכן נעפּעל מיט אַ טרויעריגער געלקייט.

דאָ און דאָרט האָבען אַרומגעבלאָנדזשעט זייערע הויכע היטנט מיט פאַריסענע אויגען צו די שלייפען ; שלעפּעריגע, בלאָנדזשענדיגע, פוילע, ווי זייערע בעלי-הבתים. די הינט האָבען מיך אַ קוק-אָן געטון, ווי איינער זאָגט :—ווי קומט אַהער אַ פרעמדער? איך האָב מיך אַוועקגעזעצט נישט ווייט פון אַ גרופּע אינוואַלידען, וואָס האָבען אָפּגעוואַרט די באַן, וועלכע געהט איינמאָל אין דריי מעת-לעת דורך די ליניע. די אינ-וואַלידען האָבען גערויכערט די געמיינסטע מאַכאָרקע. דער

רויך האָט פאַרשטינקען די לופט, וואָס האָט מיך מינוטענ־ווייז טרויעריג געמאַכט און געצויגען צו אַ נודנעם קאַלטען שלאָף.

איך האָב די אויגען פאַרמאַכט, אַרבעל אין אַרבעל אַריינ־געשטעקט און פאַמעליך פויל איינגעדרימעלט. איך האָב אין האַלבען-שלאָף געהערט די הייזעריגע קולות פון די אינוואַלי־דען, וואָס האָבען זיך געקלאָגט אויף זייער נויט, הונגער און אַלטקייט, דערנאָך האָב איך פלוצלינג דערהערט דאָס סיקען פון לאָקאָמאָטיוו, וואָס איז אָנגעקומען אויף די רעלסען. אַלע זענען אויפגעשטאַנען פון די ערטער און צעמישט זיך אַ וואָרף געטון צו די אַלטע, קליינע וואַגאָנען, וואו עס האָבען פון פענסטער אַרויסגעשטעקט די קעפּ פאַרשידענע טיפּע פון די פעלקער אין צפון. איך בין אַריין אין וואַגאָן. עטליכע וויל־דע האָר-באַוואָקסענע פנים׳ער האָבען מיך אַ טשעפּ געטון און אַ לאַך געטון. איך האָב מיך צווישען זיי אַוועקגעזעצט, די באַן האָט גערירט און געפירט איבער ווייטע וועגען און שניי־בערג. איך האָב געפילט, ווי איך ווער פאַרזונקען אין אַ טיפען, אַנגענעמען שלאָף.

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען אַ גרויער באַגינען. ס׳האָט אויסגעזעהען, ווי די באַן אין די מענשען שטעהען עפּעס אין אַ ווייס מאַט גלאָז. איך בין געווען מיד און נישט געוואוסט, ווי לאַנג נאָך איך וועל זיך שלעפּען אין נעבעל פון די ווייסגרויע טעג. איך בין אַזוי געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף אַ פוס און אַ האַנט אָנגעלעגט ביים פענסטער. פלוצלינג האָט זיך אַ רוק געטון פאַר אונז אַ הויז מיט צוויי געלע לאַמטערען, דער יאַקוטער וואָקזאַל. איך בין אַרויס פון וואַגאָן, אָבער באַלד האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ האַנט. אַ האַנט פון אַ דיקען, געשטופּעלטען מענשען מיט געלע וואָנסעס און אַ רע־וואָלוער אויף אַ זייט, זי האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט און עט־ליכע מינוט שטאַרק געהאַלטען אָנגעקלאַמערט. דערנאָך האָט זי מיך אַוועקגעפירט ווייט, ווייט איבער שניי-בערג אין דער טורמע אַריין די גרויסע יאַקוטער טורמע, דאָס איז געווען דער־

זאַמעלפּונקט פאַר אַלע אַנטלאָפענע, אַנ׳אַלט הויז, וואָס האָט יאָרען געפוילט פון שנייען און רעגענס. לאַנגע בענק און טישען זענען דאָ, דאָרט אין אומאָרדנונג געשטאַנען, אָנגעוואָרפען מיט שטרוי און ברויט-קרישקעס. הונדערטער מענשען זענען געלעגען צוזאַמענגעדרעהט און אויסגעמישט פונקט, ווי דאָס וואָלט געווען איין נאַטירליכער צוזאַמענמיש פון הונדערטער טעג און נעכט.

איך בין באַלד געשלאָסען געוואָרען אין קייטען און בין געוואָרען אַ טייל פון דער צונויפגעקנוילטקייט. מיינע שותפים פון איין נאַרע זענען געווען צוויי כונכוזען, וועלכע מען האָט באַשולדיגט אין אַ טעראָריסטישען אַקט געגען דער סיבירער מאַכט, זיי האָבען מיר אַ סך דערצעהלט פון זייער פּאָליטיש לעבען און געזוכט אַ וועג, ווי אַזוי אַליין צו אַנטלויפען און מיך מיטצונעמען. דריי וואָכען בין איך געזעסען צווישען מיש-מאַש פון מענשען. די טעג זענען אַוועק מיט שפּילען אין „דאַמקע“ אָדער וואַרפען קאָרטען, אין רייסען שטרוי און אין סתם ליגען מיט די אויגען צום פּאָלאָפ. אָבער אין איינעם אַ פאַרנאַכט איז אָנגעקומען פּאָליציי מיט אַ פּאַפּיר מיך צו אַרעסטירען און אָפּצופירען פון סיביר אַהיים, ווייל דאָרט האָט זיך געגען מיר אויפגעוויקעלט אַ רייע נייע פּראָצעסען. דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אַ רייע פרישע טורמעס, הונגער-קראַנקהייטען ביז איך בין געקומען אַ צושלאָגענער אַהער. און אַצינד בין איך ביי אייך. נאָר כאַפּט עס דער טייוועל, איז ליידען, און צוויי מאָל נעמט דיך דער טויט נישט! ווער האָט נאָך וואָס צו דערצעהלען ?

מענדיל האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דער האַנט אין קני, זיך אַ שטעל-אויף געטון און אָנגעהויבען צו געהן שנעל איבערן שטוב, ווי אַנ׳אויפגערעגטע חיה. רודיאָן איז אויך אַרומגעגאַנגען אַהין און צוריק. ער האָט נישט געהערט צו מענדיל האָט געענדיגט זיינע רייד, אָדער נישט, נאָר די ווייסע בילדער פון צפון-לאַנד האָבען געשוועבט פאַר זיינע אויגען און אַריינגעפירט אים אין עפּעס אַ נייע ווייסע וועלט פון שרעק און

קעלט. דער „שוואַרצער“ איז געבליבן ליגן מיט'ן פּנים צום פענסטער אָהן רייד, ער האָט זיך פאַרטראַכט אין די בילדער פון אייגענעם לעבען דאָרט און האָט אַ זיפץ געטון. „סטאַלאָווי“ האָט נאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס און זיינע קאַלטע בליקען האָבען זיך אָנגעשטעלט אויף די קראַטען פון אויבערשטען פענסטערל. די ווייסע וועלט מיט אירע פיינען און גרויקייטען האָבען אים נישט געשראָקען אַזוי, ווי עס האָט אים נישט געשראָקען די תליה קעגענאיבער פענסטער. ער האָט רויג אויסגערויכערט דעם פּאַפּי-ראָס און געשמייכעלט. דאָס זענען אַלץ נאַרישקייטען! אַלענפאַלס זע-נען די מעשיות אינטערעסאַנט און פאַרטרייבען די לעדיגע צייט. יודעל איז געזעסען אין אַ זייט, ער האָט אויסגעהערט יעדעס וואָרט. די בילדער האָבען, ווי אויף „סטאַלאָווין“ אויף אים קיין שרעק נישט איבערגעלאָזט, נאָר האָבען אים אַוועקגעפירט אין אַ ווייטער פאַנטאַסטישער וועלט, אין אַ וועלט פון ווייסע בערג, קאַלטע אָן-אויפגענג און נעכט פון רויטען זונען-שיין.

* *
*

די דאָזיגע מעשיות און לעבענס-עפּיזאָדען האָבען זיך אַזוי געצויגען אַ גאַנצען ווינטער און האָבען געדויערט ביז'ן חודש אַפּריל, ווען די פאַרשגייטע וועלט האָט אָנגעהויבען אַראָפּוואַרפען פון זיך אירע קייטען. די קאַלטע זון האָט מיט אַ פּיילינגס-שמייכעל אַריינגעקוקט אין די פענסטערלעך, פון די אַרעסטאַנטען, וועקענדיג אין זיי אַ געהיימע טרייסט פון פריי-הייט. נאָר די... פון אַרומגעהן אויף יענער זייט טורמע, אָבער עפּעס אַנדערש איז פאָרגעקומען אין די קאַנצעלאַריעס. די געריכטען האָבען פאַרטיג געמאַכט די באַשולדיגונגס-אַקטען. צום פאַווי-ל אָן אָנגעהויבען זיך באַוועגען פון אויספאָרשונגס-ריכטער פון „אָנאָוואַי'ען“ און כתם באַזוכען, וואָס עס האָט אָנגעהויבען באַאונרויגען די אַרעסטירטע. יעדער האָט זיך אָנגעהויבען פאַר-טראַכטען וועגען זיין פּראָצעס. דער טאָג איז היינט גרעסער

אַן וואַרימער און גראָד אין זיין וואַרימקייט פילט זיך עפּעס אַנ׳אומרויִגקייט, אַ נישטזיכערקייט אין לעבען. בייטאָג שפּאַנט יעדער אַרום אין זיין קאַמער, עסען עסט מען וועניגער, רע- דען רעדט מען נישט און ביינאַכט שלאָפט מען מיט עקעל- האַפטע חלומות און קאָשמאַרען. אַזוי האָבען די אַלע דערפילט אַנ׳אומרויִגקייט אין דעם פרילינג: דאָס שפּילען פון פייגעל אין דרויסען האָט אין זייערע הערצער אַ טרויער געברענגט. אָט איז מענדיל אַרומגעגאַנגען אין זיין צימער און פאַר זיינע אויגען האָבען געשוועבט די אומענדליכע שטרעקעס פון שניי, דאָס וויסטע צפון-לעבען, דאָס פּייפען פון די ווינטען, די פרעסט און זאַוויערוכעס. און באַטראַכטענדיג דעם בלויען הי- מעל אין דרויסען האָט זיין האַרץ געקלאַפּט מיט אַ נאָגענדע בענקשאַפט אַהין. וואו ס׳גרייט זיך אַ רויִג זומער-לעבען.
רודיאָן האָט אַרומגעשפּאַצירט אין זיין צימער אַ נערוועזער אומרויִגער, ער האָט אַלע מאָל אַראָפּגענומען די ברילען, אַ וויש-אויס געטון די גלעזלעך, צוריק זיי אָנגעטון און צעשטרייט געקוקט אין הימעל אַריין. ער האָט זיך, אמת, נישט געשראָקען פאַר קיין נייע שטראָף, אָבער דאָס אַלטע נודנע לעבען איז אים שוין צוגעגעסען געוואָרען. ער האָט געפילט, אַז עס געהט אַ פרישער זומער, וואָס וועט שוין אָבער נישט זיין, ווי פאַר אַ יאָריגער, ווי פאַר אַ צוויי יאָר. דערצו האָט אַ שוועב געטון פאַר זיינע אויגען דאָס בילד פון דער הויכער, שלאַנקער פרוי מיט׳ן איינציגען קינד, וואָס ער האָט געלאָזט אויף דער פריי. זיי וועלען, ווי פאַר אַ יאָרען, שפּאַצירען אַליין אין גאָר- טען, רייסען בעז און בלימלעך און דערמאָנען דערביי דעם פאָ- טערס נאָמען מיט טרערען אין די אויגען. רודיאָן פלעגט דאָ אַ מינוט דעם קאָפּ אַראָפּביינען און צוויי וואַרימע טרערען האָבען זיך פון זיינע אויגען אַ קייקעל אַראָפּ געטון אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע דער „שוואַרצער" איז אַרומגעגאַנגען מע- לאַנכאָליש, אָנקוקענדיג דעם דרויסען און וואָס מער ער האָט זיך איינגעהערט אין דעם שפּילען פון פויגעל און פּייפען פון פרישען פרילינגס-ווינט אַלץ מער טרויעריג און שווייגעדיג

איז ער געוואָרען. „סטאַלאָווי“ איז געלעגען אויפ׳ן בעטעל און געקוקט דאָרט ווייט צום שפּיץ פון דער תּליה, ער האָט שוין זיין משפּט געזעהן פאַר די אויגען. ער האָט געוואוסט, אַז היינט—מאָרגען וועט מען אים אַרויפציען אויפ׳ן שפּיץ פון סלופּ, ער וועט זיך וואַרפען אַ פּאָר מינוט, דערנאָך וועט ער אַ קאַלטער פאַלען אין גרוב אַריין. דאָס בילד האָט אים נישט געשראָקען, חען ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אין וויינענדיגען פּנים פון פאָטער און מוטער, ווען זיי וועלען געוואָר ווערען, אַז ער איז טויט, האָט ער אַליין אַ קרומע מינע געמאַכט און האָט אַ פייכטקייט געפילט אַרום די אויגען. יודעל איז געגאַנגען אַהין און צוריק איבערן צימער, און זיך געזעצט קעגענאיבערן פענסטערל. ס׳שווימען די דיקע שטיקער וואָלקען, דאָס קליינע ברוינע קינדער-פּנים איז געלעגען אויף זיין האַנט אָנגעלענט און פון זיינע טונקעלע אויגען, פאַריסענע צום הימעל, האָבען אַרויסגעבליקט צוויי מידע פייערלעך. ווי „סטאַלאָווי“ האָט ער אַלעמאָל באַטראַכט פון וויטען דעם הויכען שפּיץ פון דער תּליה, ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי היינט—מאָרגען חעט מען אים ביינאַכט אַרויסנעמען פון געלעגער. צוויי רויטע מענשען, מיט פאַקעלען אין די הענט וועלען אים צופירען צום באַריער, מען וועט אים הייסען ודוי זאָגען און ער וועט אַרויסגעצויגען ווערען אויפ׳ן העכסטען שפּיץ פון סלופּ. דאָרט וועט ער עטליכע מינוט זיך ווערגען, ציטערן קראַמפּהאַפט מיט די פויסטען און דערנאָך אַראָפּפאַלען צו דער קאַלטער ערד און דערנאָך... אַ שוידער און ווי אַ שטאַרקער דריק אין האַלז האָט אים אַ טרייסעל געטון. ער האָט זיך, ווי אַ וואַנזיניגער, אַ הויב-אויף געטון אָנגעהויבען געהן אַהין און צוריק און מיט איינמאָל האָט ר זיך אַ וואָרף געטון צו דער וואַנט, וואו עס איז געזעסען רכה׳לע. ער האָט אָנגעהויבען קלאַפּען מיט די פינגער מיט י פויסטען און מיט די גאַנצע הענט, ווי ער וואָלט רופען נ׳אַליאַרם. אויף דעם קלאַפּען האָט אים ברכה׳לע געענטרט מיט דעמזעלבען אַליאַרמירענדען טאַקט, אויף וועלכען

ער איז אַ סך מאָל שטעהן געבּליבּען דערשראָקען פאַר זיך אַליין. אַ סך מאָל איז ער געבּליבּען בּיי דער וואַנט מיט די הענט פאַר די אויגען, ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט פאַראומגליקט אַ שטעטעל; דורך אים זענען חרוב געוואָרען הייזער און מענשען-לעבּענס און אָט שטעהט איינע אַנ׳אונ־גליקליכע אונטער דער וואַנט, וואָס וועט אויך אומקומען, ווי ער אָדער בּלייבּען אַנ׳איינציגע יתומה אין אַ געפענגעניש.

אַ הייסער ציטער האָט אַדורכגענומען זיינע בּיינער, ער האָט געפילט, אַז אַלץ שטאַרבּט אין אים אָפּ. אַ מידער האָט ער זיך אָוועקגעוואָרפען אויפ׳ן בּעטעל.

## XXV

## אין צווייען.

דער איינזאַמער פרילינג האָט אין יודלען צעשפּילט די פאַרבּאַהאַלטענסטע סטרונעס פון האַרץ. ער האָט אָנגעהויבּען בּענקען ערגעץ אין אַן׳אומבּאַקאַנט לאַנד אַריין, נאָך עפּעס אַן׳אומבּאַקאַנט פרויען-פּנים, נאָך אַ מוטער און אַ פאָטער. ער האָט אָנגעהויבּען פילען אין זיך יענץ בּאַדויערען פון אַ קינד, וואָס איז אַוועקגעריסען געוואָרען פון די שפּילעדיגע שוועס-טערלעך און בּרידערלעך פון עפּעס אַן׳אומבּאַקאַנטען בּלומען-ריח פון די לאָנקעס און גערטנער, איבּער וועלכע ער האָט אַמאָל, אַמאָל, אין די קינדער-יאָרען שפּאַצירט, אַ ריח פון פריש-קאַלט וואַסער; פון עפּעס אַ טויבּען-פליען געגען בּלויען הימעל. דאָס אַלץ האָט זיך צעשפּילט אין אים מיט קלעגליכע סטרונעס, נאָכמער ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אים שטעהט פאָר אַ מינוט פון שיידען זיך מיט אָט דער יונגער, שענער וועלט.

ער האָט זיך בּאַטראַכט, אַז גראָד ווען ער וועט פאַ-לען אין שטילען, פינסטערן גרוב און ער וועט שוין גאָר-נישט פילען און גאָרנישט זעהן. ס׳וועלען שענע, יונגע בּלומען זיך וואַקסען פאַר אַנדערע יונגע מענשען און די אַנדערע וועלען אין זיך קיין שולד נישט טראָגען. זיי וועלען פריי דורכשפּאַצירען זייערע זומערן און ווינטערן.

ביי די געדאַנקען האָט ער געפילט אין זיך אַ געוואַל-
דיגע עלענדקייט. עס האָט אים אָנגעהויבען צו ציען צו ברכה'-
לען. אַצינד האָט ער דורך דער וואַנט געפילט, אַז זי איז
עלטער, שטאַרקער און פעסטער און צוזאַמען מיט די קליינ-
לינקע טענער פון פאַרלוירענעם פרילינג האָט ער אין אָנגע-
הויבען פילען אַ קלענליכקייט דערפון, וואָס זי, ברכה'לע, וואָס
וועט אַרויס פאַרן געריכט אַן'אומשולדיגע, וועט בלייבען איי-
נע אַליין אויף דער וועלט, און עס וועט בלייבען פאַר
ברכה'לען עפּעס אַ טויטער שאָטען פון אַ ליבען מת, וואָס
וועט איר קיין רוה נישט לאָזען. ביי דעם געדאַנק איז יוד-
לען איינגעפאַלען, אַז אָט איצט נאָך איידער עס ווערט
אַרויסגעטראָגען דער אורטייל, זאָל ער זיך באַגעגענען מיט
ברכה'לען. זיך באַגעגענען נישט, ווי קיין צוויי ליבענדע, נאָר,
ווי מאַן און ווייב, עס זאָל פאַרבלייבען אין איר אַ וועזען,
וואָס זאָל נאָך זיין טויט באַרוינען איר איינזאַם געמיט. דאָס
געפיל איז ביי אים געווען אַזוי שטאַרק, דאָס עס האָט אים
קיין רוה נישט געלאָזט. אויך ביי ברכה'לען האָבען די גע-
דאַנקען געשלאָגען, ווי אַ ווילדער קוואַל, די וואַרמקייט אין
דרויסען, דער בלומען-ריח, דאָס פויגעל-פישטשען און דאָס
בלינדע געפיל צו זעהן יודלען איצט, אין דער צייט, ווען זיין
לעבען און איר לעבען שטעהען צווישען פרילינג און טויט —
ס'האָט איר קיין רוה נישט געלאָזט. עס האָט זיך איר אויסגע-
דוכט, אַז איצט וואָלט זי וועלען זעהן יודלען אין געשטאַלט
פון אַ מאַן, וואָס זאָל זי דריקען אין זיינע אָרעמס און
דערפון זאָל זי פילען אין זיך עטוואָס אַזעלכעס, וואָס וועט
בלייבען נאָך זייער טויט. עס וועט פרעגען, ווי האָט אויסגע-
זעהן דער טאַטע און די מאַמע, ווי אַזוי האָבען זיי געלעבט
און ווי געשטאָרבען. אַזעלכע געדאַנקען האָבען זיי ביידע אין
זיך געטראָגען אין די אָנפאַנג פרילינגס-טעג, אין די טעג ווען
יעדער האָט אָנגעהויבען טראַכטען פון זיין משפט.

XXVI

## די געריכטס-פּראָצעדור.

נאָך אין די ערשטע טעג פון פרילינג האָבען די געריכטס קאַנצעלאַריעס און זייערע אויספאָרשונגס-ריכטער געאַרבייט פיבערהאַפט. אין פאַרלויף פון רויִגען ווינטער איז געלונגען פעסטצושטעלען ווער, וואָס עס האָט געטון אין זיין „געהיימען ווינקעל". מען האָט געזוכט דעם פלאָנטער פון פאַרוויקעלטע פראָצעסען און עס איז געלינגען צו געפינען די קניפען, וואָס האָבען נישט פאַרשטענדליך געמאַכט אייניגע ענינים.

די פראָטאָקאָלען זענען פערטיג געוואָרען און פאַרחתמ'עט געוואָרען מיט רויטע זיגלען. די עדות זענען געשטאַנען גרייט. מען האָט נאָר נאָכאַמאָל, דאָס לעצטע מאָל, געדאַרפט נעמען די באַשולדיגטע אויפ'ן פאַרהער.

און אָט זענען געקומען די לעצטע טעג, ווען דער פּאַוויליאָן האָט געשוויבעלט און געגריבעלט פון כאַ־שיזענע מיני באַאַמטע, וואָס זענען אָפּגעזעסען ביי די באַשולדיגטע שעה'ען, זיי געפאָרשט, געפרעגט, אפשר האָבען זיי, וואָס צוצוגעבען צו זייערע ערשטע ערקלערונגען. טיילמאָל האָט מען פון נישט-וואו און ווען אַ רוף געטון איינעם פון די באַשולדיגטע און, אונטער אַ „קאָנוואָי" אים אָפּגעפירט צום אויספאָרשונגס-ריכטער.

אזוי איז איינמאָל אויפגעשטאַנען פון געלעגער רודיאָן, אָנגעטון זיינע טונקעלע קליידער, און אונטער דער וואַך פון אַ „קאָנאָוואָי" אַוועק צום אויספאָרשונגס ריכטער, כאָטש זיין משפט איז שוין פון לאַנג געווען אַ פאַרטיגער. ווען ער איז געקומען צום ריכטער האָט מען פאַר אים אויפגעוויקעלט עפּעס אַ נייע רייע זינד. רודיאָן האָט זיך נישט מודה געווען און איז צוריקגעקומען אַ מרה-שחורה׳דיגער, שווייגזאַמער. אַוועק-געזעצט זיך, פאַרלעגט ביידע הענט און אַ הויכען שווערען זיפץ געטון. באַלד אויפ׳ן צווייטען טאָג האָט מען גערופען מענדלען צום ריכטער. און ווען ער איז צוריקגעקומען פון ריכטער האָט ער פרעהליך אַ וואָרף אַראָפּ געטון פון זיך די מלבושים און אויסגעשריען:

—נאָך אַ בלימעלע אין גאָרטען פון מיינע חטאים, נאָר וואָס מאַכט עס אויס, מען שמייסט פאַלט נאָך אַ שמיץ אַבי געלעבט, די הויט איז קיין עין הרע אַ פעסטע און קאָן אויס-האַלטען!

מענדילס פרעהליכע מינע האָט אַביסעל אויפגעהייטערט די באַשולדיגטע. זיי זענען געוואָרען מוטיגער און אונטער׳ן פרעהליכען קלאַנג פון זיינע רייד האָבען זיי ביטער געשמיי-כעלט.

אין צוויי טעג אַרום האָט מען גערופען „סטאַלאָווין". „סטאַלאָווי" האָט זיך, ווי זיין שטייגער, נישט אויפגערעגט און זיין קאַלטער שמייכעל, וואָס איז שטענדיג געלעגען אין זיינע אויגען האָט זיך נישט געענדערט. ער האָט זיך געזוימט ביים ריכטער אַ שעה דריי און איז צוריקגעקומען מיט דער אייגע-נער מינע, וואָס ער איז אַוועק:

—באַ, אַלטע נאַרישקייטען;—האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און ער האָט אָנגעהויבען רעדען פון אַנדערע זאַ-כען פונקט, ווי דאָס וואָלט געווען אַ פרעמדער ענין.

אין דעם אייגענעם טאָג האָט מען דעם „שוואַרצען" אַ נעם אַרונטער געטון אונטערן שוץ פון אַ שטאַרקען „קאָנאָוואָי" און אים אָפּגעפירט אין אויספאָרשונגס-געריכט. דער „שוואַר-

צבר" איז געווען נערוועז פון זיינע וואנדערונגען אין די טור־מעס און ארעסטען, ער האט זיך א מינוט איינגעשפארט און נישט געוואלט געהן. זיינע גרויסע, אומרויגע אויגען האבען מיט פארא בטונג אנגעקוקט די "קאנאוואי"־אנפירער. ווען ער איז צו־ריקגעקומען האט ער אויסגעשאסען מיט א געוויין, ווי א קינד:

— וואס ווילען זיי פון מיר? — זאלען זיי מיר שוין צונעמען דאס לעבען!

איינער, נאר יודעל איז שוין מער נישט גערופען געווא־רען אין די לעצטע טעג פון משפט צום ריכטער. ער האט אלע מאל אנגעקלאפט מיט א שטארקער פויסט אין וואנט צו ברכה'לען און, אז ברכה'לע האט שוואך אפגעענטפערט, האט ער פארבאהאלטען דעם קאפ אין די הענט און צוויי טרערען זענען ארויס פון זיינע אויגען.

XXVII

## אויף דער באַשולדיגונגס-באַנק.

דער טאָג איז געווען איינער פון די געבענשטע מאַי-טעג אין שטאָט. דעם פרילינג דערקענט מען נאָך נישט אויף דער ברוקירטער גאַס, נאָר אין די פנימ׳ער פון די פרויען דערקענט זיך שוין יענע בלאַסע ראָזקייט, וואָס באַווייזט, אַז דאָס האַרץ פילט דעם פרילינג, כאָטש עס זעהט אים נאָך נישט דאָס אויג. די וואַרימע זון איז געשטאַנען גע-גען די ברוקירטע, ריינע גאַסען, וואו עס האָט געשוויבעלט און געגריבעלט פון העל-אָנגעטוענע קינדער און פרויען. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אין זייער פרעהליכער שטים קלינגט די ערוואַרטונג פון עפּעס אַזאַ נייעס, קינפטיגען זומער-לעבען, וואָס איז נאָך ביז אַהער קיינמאָל נישט געווען. מילד איז געווען דער טאָג, נאָר נאָך מילדער האָבען אויסגעזעהן די מענשען, וואָס האָבען נאָך קיין גרין בלעטיל נישט געזעהן און האָבען דאָך געפילט דעם פרילינג. פון צייט-צו-צייט האָט אי-בערן בלויען הימעל אַ פּישטש געטון אַ פויגעל, וואָס האָט ווי אָנגעזאָגט: „אָט בין איך געווען צווישען גרינע בוימער און פרישע טייכען, און פאַרוואָס געהט איר נישט אַהין?"

פרעהליך-טומלענדיג איז געווען דאָס לעבען אין גאַס. עס האָט, ווי מיטגעקלינגען מיט די טויזענטער גאָלדענע גלאָקען פון דער נאַטור, נאָר אַ טומעל, אַ שרעקליכער, אומרויגער האָט געהערשט אין איין הויז. דאָס איז געווען דאָס הויז פון הויכען

געריכט. דאָרט, ביים גרינעם, ריינעם טיש זענען געזעסען דריי ריכטער ריינע, ציכטיגע און צופרידענע פונקט, ווי זיי וואָלטען נישט פאַרמאָגען קיין טויט-אורטייל פאַר מענשען. אָרום זיי זענען געשטאַנען הונדערטער נייגיריגע, וואָס האָבען געל׳יענט אין זייערע פנים׳ער: באַגנעדיגונג? לייכטע שטראָף? אָדער גאָר עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז נאָך שווערער ווי דער טויט. און ווייטער צו דער טיר צו זענען געזעסען צוויי פאַר׳מרה׳־שחורה׳טע, וואָס האָבען באַט־אַכט די מענשען און די ריכטער נישט פאַרשטענדליך. דאָס זענען געווען: יודעל און ברכה׳לע. ביי־דע האָבען זיי די קעפּ געהאַלטען אַראָפּגעלאָזט, געשעמט זיך, נאָר אונטער זייער שעמעוודיגקייט איז געלעגען עפּעס אַ שטי־לער באַשיידענער שטאָלץ: מיר האָבען געהאַנדעלט לויט אינ־זער געוויסען און מיר האָבען פאַר קיינעם קיין מורא נישט. יודעל האָט זיך אַלעמאָל מער אָנגעבויגען אויף אַ זייט און טרעפּענדיג זיך מיט׳ן שניידיגען בליק פון פּיבליקום האָט ער די אויגען אַוועקגעכאַפּט. ברכה׳לע האָט אינגאַנצען די אויגען נישט אויפגעהויבען. אויף אַ צווייטער באַנק איז געזעסען, איי־נער אַליין, רודיאָן. אַרום די ברעמען פון די אויגען זיינע האָט, ווי אַ זוים, געשלאָגען אַ רויטער באַנד. ער איז געזעסען אומ־רויג און נערוועז פאַריכט דעם קאָלנער פון העמד און די צעוואָרפענע שלייף זיינע. ער האָט די אויגען נישט אויפגע־הויבען ביז דער ריכטער האָט איבערגעלייענט יענעמס משפט.

„סטאַלקאָווי״ איז געזעסען אין אַ ווינקעל, ער איז געווען גוט באַוואַכט פון אַלע זייטען. ער איז געזעסען רויג, אָנגע־לענט מיט די הענט אויף די קניען און מיט זיינע בלוי־גרויע אויגען געקוקט גלייך צום פּובליקום און צו די ריכטער, ווי אַ שטיינערנע סטאַטוע. נישט ווייט פון אים איז געזעסען דער „שוואַרצער״ אין זיינע קייטען געשמידט. ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען און אַ סך מאָל האָט ער אויסגעשאָסען מיט אַ געוויין.

אָט די אַלע פּאַווילִיאָן-לייט זענען שוין צום דריטען מאָל געפירט געוואָרען צום געריכט און זייער משפט האָט מען

ערהוואַכט יעדע מינוט. היינט אָבער איז שוין געקומען צו דער לעצטער פאַזע און יעדער אָנגעקלאָגטער איז שוין געזעסען מיט איסגעשפּיצטע אויערן צו הערען זיין סוף.

אָט איז געשטאַנען פון ווייטען רודיאָנס פאַרטיידיגער און מיט פלאַמענדיגע ווערטער באַוויזען רודיאָנס אומשולדיג־קייט אין דעם גייעם באַשולדיגונגס־אַקט. דער פּראָקוראָר האָט איהם צעקלאַפּט מיט נייע באַווייזען. אין זאַל האָט געהערשט אַ שטילקייט. אַלע פּנים'ער זענען געווען געווענדעט צום גרי־נעם טיש, עס האָט זיך נאָר געהערט אַ שטיל האַרץ־קלאַפּען. ווען דער פּראָקוראָר האָט געענדיגט האָט דער ריכטער הויך געפרעגט:

—באַשולדיגטער! האָט איר נאָך וואָס צו זאָגען וועגען אייער ענין? מיר גיבען אייך אַליין דאָס לעצטע וואָרט, פאַר־טיידיגט אייך און באַווייזט אייער אומשולד! דאַמאָלס איז רודיאָן אויפגעשטאַנען פון אָרט, ער האָט זיך פאַריכט דעם שלייף, די האָר, אַוויש אויס געטון די אויגען און שטעהן בלייבענדיג גלייך האָט ער געזאָגט מיט זיין פעסטער שטים, אין וועלכער עס האָט געקלונגען דער שטאָלץ פון אַ געלערנטען און איבערצייגטען כאַראַקטער:

—הערען ריכטער! איך האָב אויסגעהערט דאָס אַלץ, וועגען וועלכען איר באַשולדיגט מיך; אַ טייל דערפון איז אמת, אַ טייל דערפון געהער אָבער צו יענע ליגענס, וואָס ווערען פאַבריצירט אין די הויכע קאַנצעלאַריעס. אָבער אייערע אמת'ן און אייערע גרונדלאָזע באַשולדיגונגען וועלען אין גיכען אָפּ־געמעקט ווערען, ווי אַ פאַרפּוילטער בנין. נאָנט איז די צייט, וואָס אייערע אמת'ן וועלען פאַרשוואונדען און אויף אייערע חורבות וועלען אויסוואַקסען אַנדערע משפט'ער—אַצינד מוז איך נאָך שווייגען... אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב אייך צו זאָגען, הערען ריכטער!

רודיאָן האָט די פּאָר ווערטער געזאָגט מיט אַ קאַלטער רויגקייט און זיך אַוועקגעזעצט, אָבער די אָדערען אין זיינע שליי־פען זענען געגאַנגען אין דער שנעלסטער באַוועגונג. עס איז

געוואָרען אַ פּאָר מינוט שטיל. די ריכטער האָבּען זיך אַ סוד'ע געטון צווישען זיך און דער עלטסטער ריכטער האָט אָנגעהויבּען לייענען דעם משפּט, פון וועלכען עס איז געוואָרען אַרויסגעטראָגען דער אורטייל:

אייביגע תּפיסה! אייביגע שטילע איינזאַמקייט! האָט עמיץ אַ מורמעל געטון. רודיאָן האָט נערוועז אַ ציטער געטון און געבּליבּען זיצן אַ דערשלאָגענער. פון פּובּליקום האָט זיך געהערט אַ גערויש און אַ געטומעל. אַ פרוי מיט אַ קינד בּיי דער האַנט האָט זיך אַ וואָרף געטון צו די בּאַריערען,—רודיאָנס פרוי—און געוואָלט צוקומען צום פאַר'משפּט'ען. פּאָליציי האָט איר נישט דערלאָזט. אין זאַל האָט אָנגעהויבּען שטיל ווערען אין דער אורטייל איז געוואָרען, ווי אָפּגעמעקט פון געריכטס-טיש. דאָס פּובּליקום האָט אָנגעהויבּען קוקען די ריכטער אין די אויגען אַריין. מען האָט געמאַכט אַ שטיקעל הפסקה.

בּאַלד אָבּער האָט איינער פון די ריכטער אַ רוף געטון:

—קאַלעצקי!—זיין פּסעוודאָנים „דער שוואַרצער". פון דער בּאַשילדיגונגס-בּאַנק האָט זיך געהערט אַ ציטער פון קייטען און אָפּרופען זיך:—„איך".

בּאַלד האָבּען צוויי פאַרטיידיגער אָנגעהויבּען האַלטען זייערע פאַרטיידיגונגס-רעדעס, נאָר עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס געריכט האַלט סיי ווי סיי די נייע בּאַשולדיגונגען געגען אים פאַר גרונדלאָז און מען האָט אים בּאַפרייט. דער „שוואַרצער" האָט דאָס מאָל אַרויסגעוויזען די מידקייט זיינע פון צו וואַלגערן זיך אין טורמעס, די מורא, און די פרייד זיינע פון זיין פרייהייט. ער האָט אויסגעצויגען די הענט צו די ריכטער, אַלס סימן פון דאַנקבּאַרקייט און זיך אַוועקגעזעצט, גליקליך אָפּסאַפּענדיג דעם אָטעם.

פון פּובּליקום האָט מען דערזעהען עטליכע אויפגעהויבּענע הענט מיט ווייסע טיכלעך, אַ פריידס-געשריי און שטיל. דערנאָך זענען פאָרגעקומען עטליכע פאָרמאַליטעטען, וואָס האָבּען פאַרענדיגט די זיצונגען פון פאַרמיטאָג.

XXVIII

## „סטאַלאָווי“ און מענדיל.

דער גלאָק פון ריכטער-טיש האָט געגעבען אַ הייכען קלינג, אַ סימן, אַז עס געהט אַ זעהר שווערער פּראָצעס און מען בעט דאַרום רוּע.

דער פּראָצעס איז באַשטאַנען פון אַ רייע באַווייזען, אַז „סטאַלאָווי“ איז זינט צוויי יאָר באַגאַנגען פיל מאָרדען גע-גען הויכגעשטעלטע פּאַרשוינען. ער האָט זיך אויף אַ טייל מודה געווען, נאָר אַ טייל זענען געלעגען אונטער אַ שלייער פון דונקעלקייט, דען אין זיי איז נאָך פאַרמישט געווען איינער, אַ געבערענגטער פון סיביר, מענדיל כּפּיוואַק. אָט די דאָזיגע מעל-דונג פון די ריכטער האָט אין דער מינוט געוואָרפען אַ טויט-שטילקייט צווישען די מענשען. עס האָט קיינער נישט געפרעגט און נישט געענטפערט, ווי אַלעמענס פּנים׳ער האָלטען פאַר-בליווערט געוואָרען. דער ריכטער האָט אַ רוף געטון:

—סטאַניסלאַוו שובאַרסקי — פּסעוודאָנים „סטאַלאָווי“, זענט איר עס?

— „איך“ — האָט געענטפערט אַ טרוקענע שטים—איך און נישט קיין אַנדערער!

עס איז אַ מינוט שטיל געוואָרען, באַלד נאָכדעם האָט מען געפרעגט: „און כּפּיוואַק ז“

באַלד איז פון אַ צווייטען צימער אַריין אַ „קאָנאָוואַי“ פון

6 פאַרשוין. אין דערמיט איז געשטאַנען אַ טונקעלער, הויכער מענש, וואָס האָט זיך געוואָלט אַ וואָרף טון צו עפּעס אַ באַנק, נאָר איינער פון דער וואַך האָט אים אָנגעוויזן אויף אַן׳אַנדער אָרט. ערוואַרטונג און שטילע אויפרעגונג האָט געהערשט אויף די פּנים׳ער פון די מענשען. עס האָבען אַלע געקוקט אין דער זייט פון די באַשולדיגטע, נאָר די באַשולדיגטע זענען געזעסען ווייט איינער פון צווייטען, און האָבען זיך אַפילו נישט אַ קוק-געטון אין די אויגען אַריין, ווי צוויי פרעמדע באַשולדיגטע.

„סטאַלאָווי" איז געזעסען אויף אַ האַנט אָנגעשפּאַרט און מיט אַ קאַלטער גלייכגילטיגקייט באַטראַכט דעם טיש, ווי עפּעס אַ נאַרישען קינעמאַטאָגראַף, פון וועלכען ער וועט באַלד אַוועקגעהן מיט אַ שפּאָט-שמייכעל אויף די ליפּען. עס האָט אים נישט געהאַרט, נישט דאָס מורא׳דיגע פּנים פון די ריכ-טער און נישט דער גלח, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט גרייט אויף אַ שבועה צו געבען די עדות. ער האָט געקוקט און געקוקט, יעדעס מאָל האָט ער לייכט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אַ קאַלטער שמייכעל איז פאַרביי זיינע ליפּען.

מענדיל, פאַרקערט, האָט זיך געהאַלטען אומרויג, זיינע טונקעלע האַרטע האָר זענען געווען ווילד צעשויבערט, די אוי-גען האָבען געפלאַמט פון צעגליאונג. ער האָט זיך געוואָרפען, אויפגעהויבען, געזעצט.

דאָס לייענען דעם פּראָטאָקאָל און די פאַרטיידיגונגס-רע-דעס פון די אַדוואָקאַטען האָט געדויערט עטליכע שעה, די פאַרטיידיגער האָבען דאָס מאָל גערעדט שאַרף און זייער פאַר-לאַנג איז געווען איינער — פאַרטוישען די צוויי באַשולדיגטע דעם טויט-שטראָף אויף אייביגע קאַטאָרגע. און די ריכטער זענען געזעסען מיט שמייכלענדיגע פּנימ׳ער, ווי איינער זאָגט: וואָס האַרט עס מיך דען? סיי ווי סיי בין איך דער שופט און דער זיגעל-לעגער און האָב פאַר אַ משפּט איך וועל אַרויפלעגען, אַזאַ גורל וועט יענער האָבען.

דערנאָך איז געוואָרען אַ שטיל-שטאַנד אויף אַ מינוט. דער

פראָקוראָר האָט זיך אויפגעשטעלט, דרעהענדיג די וואָנצען גע־האַלטען אַ באַשולדיגונגס־רעדע, נאָך וועלכער די ריכטער האָ־בען זיך אָנגעהויבען צו בעראַטען וועגען משפט, דערביי האָט דער עלטסטער פון די ריכטער אַ פרעג געטון:

— באַשולדיגטע! ווער פון אייך וויל דאָס לעצטע וואָרט?

— קיינער! — האָט „סטאַלאָווי״ אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— אַ וואָרט! אַ וואָרט! — האָט מענדיל זיי געדראָאט מיט באַהאַלטענע פויסטען און דער עלטסטער ריכטער האָט אויסגע־לייענט דעם אורטייל:

באַשולדיגטע! איר זענט פאַר׳משפט אָנצעווערען יעדע רעכט פון אַ בירגער אויף דער ערד און איר זענט פאַראורטיילט צום טויט!

ביים לעצטען וואָרט האָט „סטאַלאָווי״ זיך אַ הויב־אויף געטון פון אָרט, עטוואָס אומבאַוואוסטעס האָט אים אַ קלאַפּ געטון אין מח, ער האָט אַ מינוט פאַרגעסען, וואו ער זיצט. צוויי ביל־דער האָבען זיך אַ שטעל־אָפּ געטון פאַר זיינע אויגען: דאָס בילד, ווי ער פלעגט ביים טאַטען אין הויז קניען פאַר׳ן צלם, און נאָך עפּעס: דאָס לעצטע מאָל, ווען ער האָט מיט אַנ׳אויפרייט־באָמבע צעריסען דעם קאָפּ פון לעצטען טיראַן. פינסטער איז אים אַ מינוט געוואָרען אין די אויגען און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דאָס ריכטער־הויז האָט זיך איינגאַנצען איבער־געקערט מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ, נאָר באַלד איז ער שטעהן געבלי־בען פעסט און עפּעס אַ פרעמדער שמייכעל האָט אַדורכגעשוועבט זיין פנים:

—טויט, טויט? טאָ וואָס האָב איך מורא? וואָס?

ער איז שטעהן געבליבען, אַ פּאָר מינוט געקוקט גלייך די ריכטער אין די אויגען אַריין און אויסגעשריען:

— הינט!

דערנאָך אָפּגעקערט זיך און אויסגעשפּיגען אויף דער פּאָדלאָגע.

ביים וואָרט טויט האָט זיך מענדיל ניסט דערשראָקען, פאַרקערט. ער איז נאָך געוואָרען מער אויפגערעגט, זיינע אויגען זענען געוואָרען מער צעפלאַמט, די האָר צעקאָשמעט און ער האָט זיך געריסען מיט די פויסטען געגען די ריכ־טער.

— הינט!—האָט ער אונטערגעכאַפט „סטאַלאָווי'ס" וואָרט און איז אַריינגעפירט געוואָרען אין אַ צווייטע שטוב.

XXIX

## דער אורטייל.

— שפעט אין אָוועגט. אין הויז פון הוילען געריכט זענען נאָך געבליבען ווייניגע מענשען, וואָס זענען געשטאַנען מידע און געוואַרט, וואָס וועט ווערען דער סוף פון די צוויי, וואָס זענען געזעסען דאָרט אויף דער באַשולדיגונגס-באַנק. צווישען די וואַרטענדיגע האָט מען דערקענט עטליכע פּראָווינציעלע פּנים׳ער. דאָס זענען געווען די גאַנטע שטוב-מענשען, וואָס זענען געקומען אויסהערען דעם אורטייל איבערן לעבען פון זייערע קינדער און נאָך אַזעלכע, וואָס זענען געוואוינט צו בלייבען ביים געריכט פון פּאָליטישע ביז׳ן סוף.

עס איז שוין געווען שפעט אין אָוועגט. די ריכטער זענען געווען מיד און צלעמאָל האָט אַנ׳אַנדערער געכאַפּט דעם זייגער און אַ סוד׳ע זיך געטון אויפ׳ן אויער מיט׳ן צווייטען חבר זיינעם: לוינט נאָך היינט צו פאַרענדיגען מיט די צוויי, צדער דאָס אָפּלעגען אויף מאָרגען? דער גרינער לאָמפּ פון טיש האָט פאַרפּעגעשיינט מיט אַ גרינע שיין אויף די פּנים׳ער פון די מענשען און אויפ׳ן פּאָרטרעט פון אַלטען רוסישען צאַר. און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די מענשען געפונען זיך אין עפּעס אַ שפּיטאָל פון משוגענע, וואָס קוקען זיך אין די אויגען אַריין און ווייסען נישט ווער פון זיי איז קראַנק און ווער געזונט. און דאָרט אין אַ ווינקעל זענען איינס נעבען

דאָס אַנדערע געזעסען צוויי, איינגענורעטע אין זיך, טרויריגע פיגורען; די גרינע שיין פון לאָמפּ האָט זיי קוים דערגרייכט און זיי פאַרהילט אין אַ גרינער שאָטענדיגקייט. פון צייט צו צייט האָבען זיי זיך אַ קוק אָן געטון, אַ זיפץ געטון און ווידער געבליבען זיצען איינזאַמע, פאַר׳מרה-שחורה׳טע.

מען האָט אַ רוף געטון די נעמען פון יודלען און ברכה׳לען. ברכה׳לע האָט אַ ציטער געטון. יודעל האָט אויפגעהויבען די אויגען צו די ריכטער. אין דער גאַנצער צייט, וואָס מען האָט געלייענט דעם פּראָטאָקאָל, האָט ער קיין ווערטער נישט געהערט, נאָר מאָדנע קלאַנגען, ווי פון פאַרדומפּענע גלאָקען האָבען דערגרייכט צו זיינע אויערן און דערוועקט עפּעס אַ קינדישע קלעגליכקייט, פונקט אַזוי ווי אין יענע מינוטען, קינדווייז, ווען ער האָט זיך איינגעהערט אין די ווייטע קלויסטער-קלאַנגען, אין דער צייט פון אַ שטאַרקען ווינט אין דרויסען שפּעט ביינאַכט. אים האָט זיך אין דער מינוט דערמאָנט דאָס פרעליכע קינדער-לעבען דאָרט, ביי די עלטערן אין דער גלאָז-פאַבריק, זיין שפּילען זיך מיט קינדער אין ליים, דאָס אויכבלאָזען רויטע בוטליעס, ווי גלעזערנע וויין-פעסעלעך.

—יודעל, יודעל צי געדענקסטו די צייט? — האָט אים עפּעס אַ קלינג געטון אין די אויערן און יודעל האָט אַ ציטער געטון. ער האָט זיך דערמאָנט אין נאָך עפּעס. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז איינמאָל אין פרילינג האָט דער גרויסער הוטע-אויווען געפּלאַצט. עס איז געפאַלען אַ וואַנט נאָך אַ וואַנט, אַ ציגעל נאָך אַ ציגעל. דער טאַטע איז פאַרעמט געוואָרען. מען האָט פאַרנומען די זאַכען פון שטוב און דאָס קליינע בהמה׳לע מיט׳ן רויטען שטערען, און מען האָט עס אַוועקגעפירט אין שטאָט אַריין. און דאָרט אין שטאָט, האָט דער טאַטע אָנגעהויבען צו האַנדלען מיט גלאָז און אים אַ קעסטעל אויף דער פּלייצע אָנגעהאָנגען.

אַ שרעקליכער עלעקטערישער שטראָם איז דורך יודעלס גלידער. ער האָט אַ ציטער געטון און זיך אָנגעכאַפּט פאַר׳ן הענטיל פון שטול.

אויך ברכה'לע האָט נישט אויסגעהערט די ווערטער פון די ריכטער, זי איז געווען צעמישט, די אויגען האָבען זיך מיט אומבאַוואוסטע בליקען געדרעהט דאָ אַהין דאָ אַהער. זי האָט זיך אַלעמאָל, ווי אויפגעכאַפּט פון אַ טיפען, פאַרזונקענעם שלאָף. אָט האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז עס גלעטען איר דער מאַמעס הענט און זופען איר:—טאָכטער! אָט האָט זי דערזעהן פאַר זיך איר ברודער שלמה, קאָווענדיג די פּאָדקאָוועס פון פערד; אָט האָט זי פאַר זיך געזעהן פישלען, דעם ערשטען אַגיטאַטאָר און אָט פילט זי יודעלס ערשטע וואַרימע רייד. ברכה'לע האָט אויסגעצויגען אירע הענט און איר שטים, האָט אויסגעבראָכען אין אַ שטאַרק געוויין. עס האָט זיך איר אין דער מינוט אויסגעדוכט, אַז זי ציהט אויס די הענט צו דער מוטער, נאָר אין דער אמת'ן האָט זי געבעטען הילף פון איר ליבען יודלען.

יודעל איז אויפגעשטאַנען און געוואָלט פאַלען אויף איר האַלז, נאָר אַ פּרעמדע האַנט האָט אים געשטערט.

דאָס לייענען דעם פּראָטאָקאָל האָט געדויערט אַ שעה, דערנאָך האָט זיך דער עלטסטער ריכטער אויפגעהויבען פון אָרט, אויסגעווישט די ברילען און אויסגערופען:

—באַשולדיגטע, איר האָט דאָס לעצטע וואָרט, ווילט איר נעמען דאָס וואָרט קאָנט איר!—און ער האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט, אין וועלכער עס איז געלעגען עטליכע גרינע פּאַפּירען.

יודעל האָט ביי די ווערטער, ווי ערוואַכט פון אַ טיפען שלאָף, ער האָט איצט דאָס ערשטע מאָל אויסגעהערט, וואָס מען רעדט צו אים. ער איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, זיך אָפּגעווישט דעם קאַלטען שטערען אין מיט אַ ציטערענדיגע שטים אַזוי געזאָגט:

— הערען ריכטער! איך נעם דאָס לעצטע וואָרט, אָבער נישט זיך צו פאַרטיידיגען, נאָר פאַרקערט, אַרויסצוציען די גאַנצע פאַרבאַהאַלטענע פּעדעם פון מיין שולד. איך בין נאָך אַ קינד געווען, האָב איך דערזעהן אין שטוב, דאָס עס זענען פאַרהאַנען מער-גיליקליכע קינדער ביי דער מוטערס ברוסט און ווייניגער

גליקליכע. איך בין איינער פון די, וואָס האָבען באַלד פון זיי-
ער געבוירען די קאַלטסטע מוטערליכע מילך-טראָפּען באַקומען,
כאָטש זייערע הערצער זענען צו דער מוטער געגוג וואַרעם
געווען. איך בין דערטרונקען געוואָרען אין עלענדקייט צווי-
שען אייגענע שוועסטער און ברידער. שפּעטער האָב איך נאָך
עפּעס מער דערזעהן, אַז עס זענען פאַרהאַנען מער גליקליכע
און וועניגער גליקליכע מ ע נ ש ע ן. איך האָב נישט געקאָנט
פאַרטראָגען דאָס אומגליק און האָב פּראָטעסטירט מיט דער
גאַנצער קראַפט פון מיין נשמה. איך האָב דער ערשטער אָנ-
געצונדען יענץ קליינע פלעמעלע פון נקמה אין מיין שטעד-
טעל. איך האָב אַראָפּגעשלאָגען דעם קאָפּ פון יענעם אומ-
גליקליכען צאַרישען סטראַזשניק, און איך האָב, קריצענדיג פון
פאַרגעגינען מיט די ציין, צום קבר געברענגט דעם גובערנאַ-
טאָר; איך, און נישט קיין אַנדערער, האָב מיט אַ פאַרגעני-
גען-שמייכעל דערזעהן דאָס וואַרעמע בלוט פון פּאָליצמייסטער.
הערען ריכטער! טויזענטער יאָרען איז אין אָרון קודש פון
מיין גלויבען געשטאַנען אַ ספר-תורה, וואָס קיינער האָט נישט
געוואַגט זי צו באַרירען. בין איך געקומען און אויפגעהוי-
בען געגען איר אונזער גלויבען—די רויטע פאָן. איך האָב אַ
טרייסעל געטון דעם בנין פון דער אַלטער יודישער קהילה!
ווי אומגליקליך וואָלט איך געווען ווען איך וואָלט די זינ-
דיגקייטען נישט באַגאַנגען. מיט טויזענטער פינגער וואָלט זיך
מיר נישט איינגעגעבען צו פאַרשטאָפּען די אויערן פון מיין גע-
וויסען. אַצינד בין איך רויג, איך ציה אויס מיין האַלז, הע-
רען ריכטער, צום שאַרפען מעסער פון אייער אורטייל פון
וואָסער אַרט טיראַניי ער זאָל נישט זיין, איך שטאַרב פאַר
מיין טיפסטען, הייליגסטען גלויבען! אַצינד, הערען ריכטער, האָב
איך אייך געוואָלט זאָגען אָט וואָס: דאָ נעבען אייך זיצט אַ
מענש, אַ באַשולדיגטער צום טויט אפשר, נאָר איך שווער, אַז
אַלע זיינע פאַרברעכענס, אין וועלכע ער איז זיך מודה געווען
זענען אַזוי אויסגעטראַכט, ווי עס זענען באַוויזען די אַלע
צייכענס פון מיין שולד, און וויל נאָר פאַלען אַ קרבן חייסט

איר פאַרוואָס? ווייל איך בין דער איינציגער היסער פון איר נשמה. ווען איר זי נישט פריי לאָזען?

יודעל האָט גערעדט זיינע ווערטער מיט אַן׳איבערציי־גענדער שטילקייט. ער האָט אָפּגערעדט און זיך אַוועקגעזעצט אָהן כח.

ברכה׳לע האָט געוואָלט יעדעס מאָל פאַלען אויף זיין האַלז, נאָר זי איז צוריקגעוואָרפען געוואָרען.

אין דער מינוט, וואָס יודעל האָט פאַרענדיגט דאָס רעדען איז געוואָרען שטיל אין זאַל. די עטליכע נאָנטע מענ־שען, וואָס זענען מיט אָנגעשטרענגטע בליקען געשטאַנען נע־בען באַריער, האָבען נאָכמער אויסגעשפּיצט די אויערן און אויגען, דאָ צו די ריכטער, דאָ צום באַשולדיגטען.

יודעל איז אַריינגעפאַלען אין שטול און איז איינגעזעסען געוואָרען פונקט, ווי ער וואָלט זיין קלענער אין זיין געוואוקס ווי שטענדיג. זיין האַרץ האָט רויג געקלאַפּט, זיינע אויגען האָבען רויג געגלאַנצט, ווי ביי אַ הייליגען נאָך תפילה.

אין דער מינוט האָבען די ריכטער אָנגעהויבען לייענען דעם אורטייל. אַ טויט־שטילקייט האָט אַרומגעכאַפּט דעם זאַל און די גרינע שיין פון לאָמפּ האָט די פּנים׳ער פון אַלעמען פאַרוואַנדעלט אין עפּעס אַ טונקעל געשפּענסט. דער ריכטער האָט געלייענט, געלייענט, נאָר פּלוצלינג האָט ער אויסגערופען: — ווייל דער באַשולדיגטער האָט זיך אַליין מודה געווען אין זיי־נע פאַרברעכענס, פאַרטוישען מיר דעם טויט־אורטייל אויף קאַטאָרגע, די באַשולדיגטע בלייבט אין טורמע אויף נאָך צוויי יאָר פאַר באַהאַלטען אַ פאַרברעכער. די לעצטע ווערטער האָט יודעל נישט געהערט, ער איז געזעסען אין צעמישט באַטראַכט דעם פאָרטרעט פון אַלעקסאַנדער דעם דריטען, וואָס איז האַלב באַדעקט געוואָרען פון אַ נעפּעל. ער האָט געהערט ווערטער און נישט געוואוסט וואָס ער הערט. אַ טיילמאָל האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דאָס, וואָס עס ווערט דאָרט גערעדט געהער אים גאָר נישט אָן, און ער האָט דאָס גאַנצע געשעהענע אַרום ריכטער־טיש באַטראַכט, ווי אַ פרעמדע זאַך. מען האָט איבער־

געלייענט דעם אורטייל און דער פאַרטיידיגער, וואָס איז פון נעריכט אַליין געשטאַנען אויף יודעלס זייט, איז צוגעקומען אים אָנגעזאָגט, אַז דער טויט-אורטייל איז פאַרביטען געוואָרען אויף סיביר. יודעל האָט אומגעריכט אַ וואונדערליכען בליק געטון און געפרעגט:—דאָס נאָר? ברכה'לע האָט ביטער געשמייכעלט דורך טרערען און האָט מיט די שפיצען פינגער דערגרייכט יודעלס אַקסלען.

דאָרט פון דער זייט, וואו עס זענען געשטאַנען די על-טערען, די שוועסטערן און פאַמיליען-מענשען, האָט מען אי גע-וויינט, אי זיך באַרויגט, אי גליקליך געשמייכעלט. דערנאָך האָט מען געגעבען די אַרעסטירטע אַ באַפעל צו געהן.

---

XX.

## אין יענער נאַכט...

עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט, ווי די פּאַר׳משפּט׳ע זענען נאָך אַרומגעגאַנגען גלאַט אַזוי אומבאַשטימטערהייט אַהין און צוריק איבער די פינסטערע קאַמערן. אָט איז רודיאָן געשטאַנען אין אַ ווינקעל און זיך געשפּילט משונה׳דיג מיט די לאַצען פון זיין אַנצוג, געשפּילט זיך און פּלוצלינג אָנגעהויבען אַריינקלאַפּען מיט די פינגער צו „סטאַלאָווי׳ן״, געקלאַפּט העכער, שטילער, הויך און מיט די פויסטען. שפּעטער האָט ער אויפגעהערט צו קלאַפּען, ער האָט זיך פּלוצלינג אַ וואָרף אַוועק געטון אויפ׳ן בעט, ווי אַן׳איבריגער. ער האָט זיך פּלוצלינג אָנגעטראָפען מיט׳ן ווייסען בלעכענעם וואַסער-קעסעלע, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר, האָט ער אַ ציטער געטון און זיך אויפגעזעצט, אויפגעזעצט און אַרויפגעריסען דעם קאָפּ דאָרט, צום פענסטער, פון וואַנען עס האָט געבלאָזען פון ערגעץ אַ בלומען-ווינטעל, און דאָס ווינטעל האָט באַרירט מיט עפּעס אַ בלעטעלע פון אַ נאָנטען בוים, אין די אייזערנע קראַטען געבאָמבעלט זיך, ווי דער הויך פון עפּעס אַ בלאָנדזשענדע נשמה. רודיאָנ׳ען האָבען זיך טרערען געגעשט לט, אין האַלז געפּרעסט, געמאַטערט, ער וואָלט וויינען פון באַדויערן זיך אַליין, נאָר זיין שטאָלצער כאַראַקטער האָט עס אים נישט ערלויבט. האָט ער זיך צוריק אַוועקגעלעגט, איינגענורעט אין דער קאָלדרע

און זיך דערמאָנט אין דעם צאַרטען פּנים פון זיין פּרוי און אין קורצגעשוירענעם קעפּעל פון קינד. טייל מאָל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און דערמאָנענדיג זיך, אַז זיין זיצען דאָ איז פאַרבונדען מיט אַ צייט פון אַ מענשענס-לעבען, האָט ער געוואָלט רייסען זיינע קליידער, נאָר זיין רויגער, קאַלטער כאַראַקטער האָט עס אים נישט געלאָזט.

„סטאַלאָווי" האָט זיך נישט געביטען אין זיין האַלטונג. ער איז אַ גאַנצע נאַכט געזעסען געגענאיבער דעם הויכען פענסטער און באַטראַכט דעם הויכען שפּיץ פון דער תליה. טייל מאָל האָט ער אַ קאַלטען ציטער געטון. ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, ווי עפּעס אַ שווערער, דיקער שטריק דריקט זיין קעהל און ער מוז זיך וועהרען. באַלד אָבער איז ער זיצען געבליבען מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען, ווי איינער זאָגט: איך, איך אַ בעל-פּחדן? טייל מאָל האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז פאַר זיינע אויגען שניידט זיך אויס אַ גאָלדענער קרייץ, נעבען קרייץ שטעהט עפּעס אַ ווייס שעפּעלע. אינסטינקטיוו איז ער אויף די קניען געפאַלען, פאַרקנייטשט די פויסטען און עפּעס אָנגעהויבען שעפּטשען אַן אַמאָליגע תּפילה, נאָר באַלד איז ער שטעהן געבליבען מיט אַ קאַלטען געלעכטער און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — אַ סימן — נאַרישע געדאַנקען.

מענדיל איז די גאַנצע נאַכט אַרומגעגאַנגען ווילד אַהין און צוריק. ער האָט זיך פאַר'ן טויט נישט געשראָקען, ווארום דאָס אָפּ'משפּט'ען אים מיט'ן טויט איז נישט געווען דאָס ערש-טע מאָל ביי אים און שטענדיג איז ער דערפון ניצל געוואָ-רען. עטליכע מאָל איז ער אַנטלאָפען פון טורמע, איבערגעזעגט די קראַטען, עטליכע מאָל האָט מען אים דעם טויט-אורטייל פאַרביטען אויף קאַטאָרגע און אויך דערפון האָט ער זיך אויסגעדרעהט. אַצינד האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די קראַ-טען און פּראָבירט זייער שטאַרקייט. פּלוצלינג האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט און אָנגעהויבען זוכען דאָס בעסטע אָרט, וואו מען קאָן זיך אַרונטערגראָבען, און ער האָט אַ פרעהליכען שמייכעל געטון.

אָבער טיילמאָל איז ער אַנידערגעפאַלען מיט די פויס-טען אויף דער נאַרע. און עס האָט זיך אים דערמאָנט דעם פאָטערס אָפּריכטען חצות, זיינע תעניתים און זיין טאַנצען אין שמחת-תורה. מענדיל האָט אָנגעהויבען צו וויינען אויפ׳ן קול, ווי אַ יונגעל, זיך וואַרפען און אַ סך מאָל איז ער אַהינגעפאַ-לען מיט די פויסטען אין דער וואַנט אַריין. ער האָט זיך אַלעמאָל אומגעקוקט און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז פון די ווענט וועט ער שוין דאָך קיינמאָל נישט אַרויס.

אין דער קעגנאיבערדיגער וואַנט איז געזעסען דער „שוואַרצער". ער האָט נאָר געהאַט צו טון מיט זיך, אַז ער איז גאָט צודאַנקען, נאָך יאָרען וואַלגערען זיך, פטור געוואָ-רען פון דער תפיסה. ער האָט פאַרגעסען אין די אַלע חברים זיינע, אין זייער שווערען משפט. ער האָט זיך נאָר דערמאָנט, אַז מאָרגען, מאָרגען וועט ער קומען אין זיינע ליכטיגע שטו-בען. ער וועט זיך אָפּוואַשען, ראַזירען און שלאָפען אויף אַ ווייסען, קלאָרען געלעגער.

וואַנט ביי וואַנט איז געזעסען יודעל און ברכה׳לע. יו-דעל האָט זיך האַלבצולעגס איבער די נאַרע, מיט ביידע הענט אַרומגעוויקעלט די קניה און געטראַכט פון „סטאַלאָווי׳ס" טויט, פון מענדילס טויט-משפט און פון רודיאָנ׳ען. אַ טיפער מיט-ליידס-געפיל האָט זיך צעגאָסען אין זיין ברוסט: ווי אַזוי וועט זיך אָט דער קאַלטער, העלדישער „סטאַלאָווי" געזעגענען מיט זיין האַרטען כאַראַקטער און מוזען שרייען און ווערען זיך אין די לעצטע מינוטען פון טויט? און וועגען מענדלען האָט ער געטראַכט: — מענדיל, אָט דו אָרימער, עלענדער יונג, וואָס ביסט אין רויטען לעבען אַהין אַריינגעפירט געוואָרען דורך מיינע הענט, ווי עלענד וועסטו מוזען אַריינלעגען דעם קאָפּ אין גרויען זאַמד אַריין! און אויך רודיאָן איז אים געשטאַנען פאַר די אויגען, עס האָבען זיך אים פאָרגעשטעלט די שענע זומער-טעג אין דרויסען, רודיאָן געהט אַרום אַ בלאַסער, פאַרגעל-טער אין זיין קאַמער. פון די חברים איז שוין קיינער נישט געבליבען, נאָר ער איינער, וואָס קוקט אַלעמאָל צום הימעל

אין דרויסען. און אַ סך זומערען וועלען אַזוי אַדורכגעהן און ער וועט בלייבען אייביג איינזאַם, אייביג פאַרשלאָסען. דער־נאָך האָט ער זיך דערמאָנט אין ברכה׳לען, ווי זי וועט בליי־בען אין קאַמער אויף גאַנצע צוויי יאָר, זי וועט נישט הערען מער זיין פינגער־קלאַפּען, זיינע רייד און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט קיין ברודער מער נישט, אַז זי האָט שוין די פּיי־ערדיגע קוזשניע—איר שטוב—נישט, נישט די פרייעוועלט איז אירע און נישט די איינזאַמע קאַמער. אַ מאָדנע געפיל האָט באַ־הערשט יודלען ער האָט געטראַכט, אַז אין די לעצטע טעג וועט ער איר אַ סך קושען, ווי עס קושען זיך מאַן און פרוי. דער גליק־ליכער געדאַנק האָט אים באַרויגט. ע״ האָט זיך נאָר דערמאָנט אין די לעצטע מינוטען פון שיידען זיך מיט איר פון שלע־פען זיך איבער די באַנען און טורמעס. ער האָט זיך אַ מינוט פאַרטראַכט, אויסגעפייפט עפּעס דורך די דינע פאַרטריקענטע ליפען און כאַר זיינע אויגען האָבען זיך געצויגען די הויכע, ווייסע שניי־בערג און וועלדער, וועגען וועלכע עס האָט גע־רעדט מענדיל.

XXXI

## דער אָנהויב פון סוף.

דער דאָזיגער טאָג איז געווען אַ משונה׳דיגער. עס האָט קיינער פון די פאַר׳משפט׳ע נישט געוואוסט, וואָס מיט אים איז געשעהען. אָט איז ער געשטאַנען, געשטאַנען נעבען פענ-סטער, געקוקט אין הימעל אַריין. דאָרט, אויבען האָבען די וואָל-קענס זיך געצויגען, ווי אַ מחנה ווילדע חיות, געלאָפען איינס אויף דאָס אַנדערע. אַ ווינטעל האָט אַ בלאָז געטון און גע-ברענגט פיל פרישע בלומען-ריחות, נאָר ער האָט נישט גע-פילט נישט דעם ווינט, נישט די ריחות. האָט ער זיך פלוצלינג פון פענסטער אָפּגעריסען צוגעקומען צו דער טיר, שטעהן גע-בליבען אַ מינוט, געוואַרט, גערוואַרט מיט האַרץ-קלאַפּען און צעמישונג. אַ האַנט אויף דער קליאַמקע פון דער טיר... עס האָט געזאָלט קומען אָדער אַ מענש פון דער פאַמיליע זיך געזעגענען פאַר׳ן טויט, אָדער אַ רב, אָדער אַ גלח, וואָס האָט געזאָלט די לעצטע ודוי-ווערטער מיט׳ן פאַר׳משפט׳ען זאָגען. און נאָך עפּעס האָט מען ערוואַרט: די האַנט, די לעצטע האַנט, וואָס זאָל דיך פון קאַמער אַרויספירען. נאָר דאָס אַלץ איז אין פאַרלויף פון טאָג נאָך נישט געקומען, ערשט פאַרנאַכט האָט מען געזעהען צוגעהען צו „סטאַראָווי׳ס“ קאַמער אַנ׳אַל-טען, איינגעשרומפּענעם פאָטער מיט אַ זעקעלע אין האַנט. ער האָט זיך געטרייסעלט, געוויינט און געווישט די אויגען, ווי אַ

קינד. דער זוהן איז אַנטקעגען געקומען דעם פּאָטער גאַנץ קאַלט-בלוטיג, געלאָזט זיך אַ פּאָר מאָל קושען, דריקען צום האַרץ, דערנאָך האָט ער געזאָגט גאַנץ רויג:

—געה, טאַטע, אַהיים. איך האָב נישט ליב אַזעלכע זאַכען. איך שרעק מיך נישט.

—קוש כאָטש דעם צלם און זיי זיך מתודה פאַר'ן היי-ליגען פּאָטער—האָט זיך געבעטען דער אַלטער.

—געה טאַטע, איך לייד עס נישט!

—מיין זוהן, מיין איינציגער!

„סטאַלאָווי" האָט זיך אָפּגעקעהרט פון פּאָטער און צוזעק-געלעגט די הענט פאַר די אויגען.

די דאָזיגע צערעמאָניע האָט געדויערט סך הכל עטליכע מינוט, ווי דער פּאָטער איז אַרויס אַ פּאַרוויינטער, אַ ציטערדי-גער און איז געפאַלען מיט'ן קאָפּ נעבען דער אייזערנער שוועל. דער זוהן איז געשטאַנען מיט די הענט אויף הינטען פאַרלעגט, זיין פּנים האָט זיך אפילו אַ מינוט אַ קרום געטון צום וויינען, נאָר די טרערען האָט ער באַלד דערדריקט, עס האָט זיך אים אַ מינוט אויסגעדוכט, ווי עמיץ דריקט זיין האַלז און אַ קאַלטער ציטער האָט אַ טרייסעל געטון זיינע גלידער, נאָר ער האָט זיך צוריקגעכאַפּט. באַלד האָט פּאַסירט נאָך עטוואָס: אין דער טיר האָט אָנגעקלאַפּט דער גייסטליכער מיט אַ לאַמטערנע. „סטאַלאָווי", דערזעהענדיג אים, האָט אויסגעגלאָצט נישט פאַרשטענדליך די אויגען, דערביי האָט ער אַ זאָג גע-טון: — מען דאַרף דאָס נישט—און איז שטעהן געבליבען ביי דער טיר, ווי אַ צעשראָקענע סטאַטוע. דערנאָך האָט ער די הענט אַריינגעזעצט אין די האָר און זיך געוואָרפען אויפ'ן גע-לעגער.

מענדיל איז אין דעם טאָג אַריינגעפאַלען אין אַ מרה׳-שחורה, די מונטערקייט האָט ער אָנגעוואויירען. ער האָט זיך נ'שט אויפגערעגט און נישט געשראָקען, נאָר ער איז אַרומגע-גאַנגען, ווי אַ דערשלאָגענע חיה, וואָס האָט אַלע מיטלען פּראָ-

בירט צו צעברעכן די שטייג און עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. אויף זיין טונקעלען פנים זענען געלע פלעקען אָנגעקומען, די אויגען האָבען אָנגעוואוירען די פייערלעך. ער האָט שוין געהאַט אַדורכגעשמעקט אַלע שוואַכע ערטער דורך וועלכע מען וועט זיך קאָנען אַדורכרייסען אויף דער פריי און לסוף איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז שטאַרבען וועט מען מוזען ... גאָר, אַז ער וועט זיך געזעגענען מיט זיינע פאַמיליע-מענשען און זאָגען וידוי מיט'ן רב, דאָס האָט ער בשום אופן זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלען.

אין דער אייגענער מינוט האָט ער אין דער טיר דערזעהן זיין איינציגען ברודער, וואָס איז געפאַלען אויף אים מיט אַ וויינען און שרייען, דערביי האָט ער אים פאַרצעהלט, אַז זיין פאָטער איז שוין פון לאַנג טויט, די מוטער האָט שוין לאַנג איר זינען פאַרלוירען און מענדיל האָט אין דער מינוט פאַרלוירען אין זיך דעם רעוואָלוציאָנער און עס האָט ערוואַכט אין אים עפּעס אַנ'אויסטערלישער פאַרלאַנג צו וויינען צו בעטען, ווי אַמאָל אין די קינדער-יאָרען. דערביי איז אָנגעקומען דער רב, וואָס האָט אויסגעצויגען ווערטער פון עפּעס אַ לאַנגער, לאַנגער וידוי וועלכע מענדיל האָט אויסגעהערט און נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט, אָבער באַלד האָט ער אַ זאָג געטון: — געהטס, מער וויין איך נישט, מער נישט!—און ער האָט זיי געהייסען געהן, דערנאָך האָט ער ווידער פּראָבירט זוכען אַ מיטעל, ווי אַרום צו אַנטלויפען. דערנאָך איז ער געפאַלען אויפ'ן געלעגער מיט פאַרמאַכטע אויגען, אַ דערשלאָגענער, שוואַכער מענש, וואָס האָט נישט געקאָנט וויינען און נישט רעדען.

— — — — — — — — — — — —

אין אַ משוגענע נאַכט איז עס געווען, ווי עפּעס פליגעל פון האַלב דערשאָסענע פויגלען וואָלטען קלאַפּען אויף די פענס-טערע ווענט. נאָר פּלוצלינג האָט מען געהערט אַ קלאַפּ פון דריי טירען אין מיטען דער נאַכט. מען האָט אַרויסגעפירט דריי מענשען, ביי איינעם פון זיי זענען די קייטען פון די

הענט געוואָרען אַראָפּגענומען, זיין פּנים איז פרעהליך געוואָרען, נאָר די צוויי זענען געוואָרען אַוועקגעפירט אין עפּעס אַ פינסטער ווינקעל. ביידע האָבען געוואָלט אַ געשריי טון, נאָר האָבען עס נישט געקאָנט. און אָט, האָט יעדער דערפילט אַ קאַלטע פרעמדע שניר אויפ׳ן האַלז, אַ דריק צו—און ביידע האָבען זיך געוואָרפען אין דער נאַכטיגער פינסטערקייט, ווי צוויי עלענדע שפּינען, וואָס האָבען זיך אין אַ נעץ פון שפּינוועב פאַרפּלאָנטערט. יעדער האָט קראַמפּהאַפט די פויסטען איינגעקוועטשט און נישט געקאָנט געפונען קיין מיטעל אין וואָס אָנצוכאַפּען די הענט, ווי אין אַ טיף, קאַלט וואַסער, און ביידע האָבען אַליין אַ שטאַרקען קריץ מיט די ציין געטון. — — —

און דאָרט אין דער דאַנעבענדיגער קאַמער איז געלעגען אויף זיין געלעגער, נאָך נישט אויסגעטועז, רודיאָן. ער האָט פון זיך שוין מער נישט געהאַט וואָס צו טראַכטען, דען אַלץ וועט געהן, ווי געגאַנגען: דער זומער וועט זיין דער אייגענער, ווי דער ווינטער און דער ווינטער וועט שוין אין זיינע אויגען נישט אַנדערש אויסזעהן, ווי די עלענדע טעג און נעכט אין קאַמער. אָט דער רודיאָן איז איצט געלעגען און איינגעהערט זיך אין יעדע באַוועגונג אין דרויסען, אין יעדען שטיקענדען שאָרך. נאָר אָט, אָט האָט ער די אויגען אויפגעהויבען צום פענסטער׳ל, ווי אַהין עס האָט דערגרייכט די שוואַכע שיין פון גרינעם נאַכט-לעמפּעלע און באַוויזען, אַז דאָרט, דאָרט ביי די קראַטען באַמבעלט זיך אַ בלעטעלע פון אַ צווייג. נאָר רודיאָנ׳ען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס זענען „סטאַלאָוויס״ און מענדי׳ל׳ס נשמה׳ס, וואָס רייסען זיך אַריין צוריק אין זייערע קאַמערען. ער האָט נאָך אַ פּאָר מינוט געקוקט צום באַמבעלדיגען בלעטעלע און ליגען געבליבען אָנ׳אָנגעוועהטאָגטער מיט פאַרמאַכטע אויגען.

אין דער אייגענער נאַכט איז נאָך עפּעס פּאַרגעקומען. אין דער פינסטערער קאַמער איז געזעסען יודעל אויף זיין בעטעל און געטראַכט, וואָס עס האָט געקאָנט געשעהן מיט „סטאַלאָווי׳ן״ און מענדלען. ער האָט נישט געזעהען די פלאַקערען פון די

פייערן, מיט וועלכע מען קומט אַריין ביינאַכט אַרויסנעמען די פּאַר׳משפּט׳ע און נישט געהערט די טריט פון די וועכטער. ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דער טויט-אורטייל איז געוואָרען אָפּגעלעגט אויף אַנ׳אַנדערע נאַכט, דאָך האָט ער פון צייט-צו-צייט געהערט עפּעס אַ שאָרך און אַ באַוועגונג אין דער לופט. סיי דער שאָרך סיי די באַוועגינג האָבען אַרויפגעלעגט אויף אים אַ טונקעלען טרויער, אין האַלז האָבען אים טרערען געשטיקט, ער איז געוואָרען אַרומגעכאַפּט פון אַ פּלוצלינגער עלענדקייט, געגען וועלכער ער האָט זיך נישט געקאָנט וועהרען. פּלוצלינג האָבען זיך דערהערט טריט און עמיץ האָט פעסט אַ קלאַפּ געטון אין טיר. דאָס איז געווען דער וועכטער, וואָס האָט אָנגעזאָגט יודלען, אַז ער זאָל זיך געזעגענען מיט וועמען ער וויל, ווייל אָט באַלד מוז ער אָפּפאָרען מיט דער ערשטער פּאַרטיע, וואָס גנעהט אַוועק קיין סיביר.

פאָר איך?—האָט יודעל זיך אַליין געפרעגט, שטעהנבליי־בענדיג אויפגערעגט,—פאָר איך?—און באַלד איז ער צו צו דער טיר.

יודעל איז שטעהן געבליבען אויף ברכה׳לעס שוועל. ברכה׳לע איז געזעסען אויף איר בעט און אירע הענט האָבען טרויריג געבלאָנדזשעט אין די בלאָנדע האָר אירע. זי האָט אים דערזעהן האָט זי אַ היסטערישען קוויטש געטון.

—איך בין געקומען זיך געזעגענען — האָט יודעל שטיל גערעדט, אַראָפּלאָזענדיג די אויגען, — פאַרצייה מיר, איך בין שולדיג אין דעם אַלעמען, נאָר איך האָב עס נישט געוואָלט.

—וואָס ? וואָס שולדיג?—האָט ברכה׳לע אים פאַרשטיינערט אָנגעקוקט. דערנאָך איז זי אַרויפגעפאַלען און אויסגעשאָסען מיט אַ געוויין:—דו געהסט אַוועק פון מיר? דו וועסט נישט געהן!

יודעל האָט איר אויף אַ מינוט אָפּגעשטויסען פון זיך און געזאָגט :—באַרויג זיך, מיר קאָנען דערצו גאָר נישט העלפען!

יודעל האָט איר אַרומגענומען צו ערשט, ווי אַ ברודער אַ שוועסטער, געדריקט איר צו זיך. זָבער באַלד איז אין אים פאַרשוואונדען דאָס ברודערליכע געפיל און ער האָט אָנגעהויב־

בען פילען, אַז דאָס האַלט ער אין זיינע אָרעמס שוין אַ דער-
וואַקסענע פרוי, אַנ׳עלענדע, וואָס האָט קיין פאָטער, קיין ברו-
דער און, וואָס וועט בלייבען דאָ צווישען די גרויע ווענט איי-
נע אַליין.

ער האָט זיך פלוצלינג אומגעקוקט איבער קיינער זעהט אים נישט, דערביי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען. יודלען האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבען קלאַפּען גיך, ער האָט געפילט, אַז ער איז עפּעס שוואַכער. ווי אָט די פרעמדע פרוי. ער האָט אָנגע-הויבען וויינען און נישט געוואוסט, פאַרוואָס ער וויינט, שוואַכער איז ער געוואָרען, געפאַלענער ביי זיך, נאָר וואָס מער ער האָט געפילט, אַז ער איז קלענער, ווי אָט די פרוי אַלץ מער האָט ער געפילט אַ דאַנקבאַרקייט פאַר איר און עס האָט זיך אים געוואָלט איר קושען און טרייסטען. און פלוצ-לינג האָט ער דערפילט, אין די ביינער אַ מאָדנע פראָסטיגע וואַרימקייט און ער האָט זיך געדריקט צו איר מיט דעם גע-פיל, ווי עס דריקען זיך צוויי פרעמדע, וואָס האָבען זיך אין אַ הערבסט-נאַכט באַגעגענט. ער האָט דערשפירט, אַז ער גיט איר איבער עפּעס אַזעלכעס פון זיך, וואָס וועט זיין נאָמען אויף אירע ליפּען ברענגען. — — —

עס איז שוין באַגינען געווען און יודעל איז נאָך אַלץ געשטאַנען, געשטאַנען און באַטראַכט ברכה׳לען און דאָס משו-גענע, צעוואָרפענע געלעגער, אויף וועלכען זי איז געלעגען, און וואָס האָט זיך פון דער נאַכט אויסגעשניטען געגען טאָג, ווי אַ געשפענסט. רעדען האָט ער נישט געקאָנט, אָבער שווייגען אויך נישט. ער האָט איר געקוקט אין די אויגען אַריין, נאָר רויג איז ער געווען. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט און גע-זאָגט :—נישט נעם זיך צום האַרץ שוועסטער—איך גיה!

נאָך אים האָט זיך באַלד משוגע נאָכגעוואָרפען ברכה׳לע און איז וויינענדיג שטעהן געבליבען מיט די הענט אויף די באַריערען פון די שטיגען.

XXXII

## טויט און ווייסקייט.

עס איז שוין געווען דער דריטער טאָג, ווי דער צוג איז געפלויגען איבער די פעלדער און וועלדער, וואָס האָבען זיך שוין אַרויסגעוויזען מיט זייערע גרינע, גרויע פלעקען. עס האָט שוין געשמעקט מיט פריש-וואַסער און גראָז, נאָר שניי איז נאָך פאָרט געלעגען. ווייסע האַלב-צעגאַנגענע בערגלעך ברודיגע, אַרום גראָז, נאָר שניי פילט מען דאָך. וואָס מער דער צוג איז געווען ווייטער, וואָס טיפער ער האָט זיך גערוקט אין דער ריכטונג צו צפון, אַלץ מער האָבען זיך געמערט די בערגלעך ווייסע, אַ טיילמאָל קלאָרע שניי-פלעקען. און אָט, אָט איז ער איינגאַנצען אַריינגעפאַלען אין עפּעס אַ ווייס, ווייס לאַנד אַריין. ווי ער וואָלט פאַרגעסען, אַז דאָס פריערדיגע איז געווען גרינער בוים און גראָזיג פעלד, אויבען אין הימעל האָט נאָך געשיינט די אייגענע וואַרימע זון, נאָר הינטען איז געלעגען אַ ווייסע קלאָרע דעק פונקט, ווי די ערד וואָלט נאָך גאָר נישט אין זינען האָבען צו געבוירען אַ פרילינג.

געפלויגען איז דער צוג, געדרעהט זיך, ווי אַ ווילדע משוגענע שלאַנג. דאָס איז געווען בלויז אויסענווענינ, אינווענינ אָבער, איז דאָס לעבען געגאַנגען נאָך רויגער, ווי אין טורמע. איינער פון די אַרעסטאַנטען איז געשטאַנען, ווי פאַר-

געסען פון אַלעמען, פאַרגעסען אַפילו פון זיך אַליין און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז נישט ער פאָרט, נאָר ס'שלעפּט אים עפּעס אַוועק אין אַ ווייסע, ווייסע וועלט אַריין. און פון דער ווייסקייט האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ קערפּער פון אַ פרוי מיט אַ נייגעבוירענעם קינד ביי דער ברוסט. יודעל האָט אויפגע-ריסען די אויגען. ס'איז שוין נאַכט געווען. אַ קאַלטע, העלע לבנה האָט באַגאָסען מיט אַ מרה-שחורה'דיגע שיין די שנייען און וואַסערלעך, וואָס האָבען אויסגעזעהען, ווי זילבערנע, טוי-טע שפּיגלען, וואו מתים שפּיגלען זיך ביינאַכט.

דער צוג איז שטעהן געבליבען. די אַרעסטירטע זענען אונטער אַ וואַך אַראָפּ זיך דערוואַרעמען. יודעל האָט זיך פאַר-טראַכט און נישט באַמערקט, אַז דער צוג האָט גערירט. ער האָט גענומען נאָכלויפען און נאָכשרייען, ס'האָט אים אָבער קיינער נישט געענטפערט. דער צוג איז אַנטלאָפען, ווי אַ פיי-ערדיגע שלאַנג און טויט-שטיל איז געווען אַרום. דורכ'ן שטאַרקען ווינט האָט ער ווי ברכה'לעס וויינען דערהערט, מענדילס און „סטאַלאָווי'ס" שטיקען און ווערגען זיך אויף דער תליה. יודעל האָט אָנגעהויבען פאַמעליך צו געהן אין דער ווייסקייט. עס זענען אַוועק עטליכע שווערע שעה'ען. יודעל האָט דערפילט, אַז די הענט און די פיס קאָנען שוין נישט ערפּיה-לען דעם פאַרלאַנג זיינעם, די געדאַנקען האָבען זיך אַלץ אינאיינעם איבערגעריסען, ווי עס רייסט זיך איבער אַ גאָל-דענע קייט. און פון דער ווייט האָט ער געזעהען אַ מאָדנע בילד: ס'זענען דאָרט טויזענטער מענשען געשטאַנען, אויסגע-שפּרייט צו אים די הענט און געריפען:—שלאָף, שלאָף טייערע, געפאַלענער זוהן!

און יודעל האָט אויסגעהערט די ווערטער און געוואָלט אויפשטעהן און נישט געקאָנט, געוואָלט פּ־עגען וואָס און נישט געקאָנט, געוואָלט שרייען און נישט געוואָכט ווי אַזוי. און שטילער, שטילער האָט געקלאַפּט זיין האַרץ און זיסער, זיסער האָבען זיך פאַרמאַכט זיינע אויגען.—יודעל!—האָט זיך אים אויסגעדוכט רופט מען אים.—יודעל—האָט מען געענטפערט

און איבער זיין קאָפּ האָט זיך געדרעהט אַ ווייסער וואָלקען-שטויב. געדרעדט זיך, געדרעהט זיך, ווי אַ ווייסע, ווייסע נשמה און די ווייסע נשמה האָט זיך אויפגעהויבען צום הימעל און פאַרשוואונדען.

*
* *

פון דעם טאָג אָן זענען אַוועק ניין חדשים. שטילע, טויטע חדשים. אין פאַוויליאָן זענען צוויי קאַמערען פאַרמאַכט געווען. דאָרט האָט אין איין קאַמ,ר אַרומשפּאַצירט רודיאָן, אַנ׳עלענ-דער, פאַרלאָזענער פון זיינע חברים.

און דאָרט, דאָרט אין אַנדערען קאַמער, איז אַרומגעגאַנ-גען אין דער שטילסטער ערוואַרטונג ברכה׳לע איינמאָל ביינאַכט האָבען זיך פון איר מויל געשרייען דערהערט און צום באַגי-נען האָט זיך פון דער טונקעלקייט אויסגעשניטען די געשטאַלט פון אַ פרוי מיט אַ קליין באַשעפעניש ביי דער ברוסט.

—יודעלע!—האָט די מוטער צו זיך אַליין אויסגעשריען.

יודעלע—האָט דאָס עכאָ געענטפערט.

—יודעלע!

יודעלע, יודעלע!..

— — — — — — — — — —

עס דרוקען זיך און אינגיכען ערשיינען:

„אין לאַנד פֿון דער ווייסעל“ אַ פּאָעמע פון י. פּערלע.
אין דער פּאָעמע ווערט געשילדערט אין פּאָעטישע בילדער ווי אַזוי אַ פּוילישע
פּריצישע טאָכטער פֿאַרפֿיהרט אַ יודיש מיידעל צום שמד און בכלל דאָס יודיש־פּוי־
לישע לעבען.

„מעלאָדיען צו ש. י. לאָנדינסקיס קינדערלידער. הילע געציי־
כענט פון י. ווידענבייטעל.

„פֿאַרנאַכטענגאָלד“ אַ באַנד געדיכטען פון יונגען, אָריגינעלען
גאַליציאַנער עקספּרעסיאָניסטישען דיכטער אורי צבי
גרינבערג. הילע געצייכענט פון ה. בערלעווי.

„מיינע מעת־לעת'ן“ אַ באַנד געדיכטען פון ישראל שטערן.
פאַר דער קורצער צייט, וואָס דער יונגער, אָריגינעלער דיכטער ישראל
שטערן האָט זיך באַוויזען אין אונזער ליטעראַטור האָט ער זיך מיט זיינע לידער
קונה שם געווען אלס איינער פון די אָריגינעלסטע.

„אין בבל“ דראַמאַטישע פּאָעמע פון ד"ר י. ב. ציפּור.
דער מחבר פֿון דער „שכינה אין גלות“, וואָס האָט זיך קונא שם געווען מיט
זיינע אויסערגעוועהנליכע דראַמאַטישע פעהיגקייטען צו פֿאַרקערפּערען אין סצעני־
שע בילדער אַלטע יודישע לעגענדען, שילדערט אין דעם דאָזיגען ווערק אין מייס־
טערהאַפֿטע, קינסטלערישע שטריכען די עפּאָכע פֿון גלות־בבל און דעם דעמאָלדי־
גען קאַמף פֿון יודישען פֿאָלק פֿאַר זיין באַפרייאונג. דאָס גאַנצע ווערק איז דורכ־
געפֿלאָכטען מיט אויסערגעוועהנליך שטאַרקע פּאָעטישע שטימונגען פֿון יענער צייט.

17670
[illegible]
[illegible]
JUN

JUN 3 1943
JUN 1 [illegible] 1943
JUN 2 4 1943
JUL 7 1949
AUG 3 1949
AUG 1 8 1949
MAR 7 1950
AUG 1 3 1950
AUG 2 1 1950
MAY [illegible] 1958